# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn


### Title
Kheshbn No. 89- Fall 1977 - Journal


### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/9h39g1fx



### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 89(1)

### Publication Date
1977



### Copyright Information
Copyright 1977 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

לשנה טובה תכּתבו ותחתמו



פּעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

האַרבסט
תשל"ח

89

AUTUMN
1977


אַרויסגעגעבן פון:

● לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

מיט דער (מיטהילף פון:

● ל.א. קאָונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
● אַרבעטער רינג קולטור-צענטער אין ל. א.

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# דער ציוניסטישער אַרבעטער פֿאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פֿאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פֿון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כוח פֿון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפֿן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פֿאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפֿן פֿאַר אַ בעסערער אָרדענונג פֿון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פֿאַרבאַנד איז אַ פֿראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פֿאַר דעם היינט און מאָרגן

מיר לאַדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען

ל. א. שטאָט־קאָמיטעט פֿון
ציוניסטישן אַרבעטער פֿאַרבאַנד

ברכה כענקין, פּרעזידענט • דשה כהן, עקז. סעקרעטאַר
סיוון האַמבורגער, אָרג. פֿאָרזיצער

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 655-2842



# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, California 90048

EDITORIAL BOARD:

M. SHKLAR  S. WEISS  S. SCHLOSSER, *Edit. Sec'y*
1108 S. Clark Dr., Los Angeles Ca. 90035

ALEX ROBIN, *Consultant*  S. BUNYAN, *Sec. Emeritus*

ADMINISTRATIVE COMMITTEE:

G. FRYDMAN, *Financial Sec'y*  H. BERMAN, *Administrator*
337½ No. Hayworth Ave., Los Angeles, Calif., 90048—Tel. 665-1292

MOSHE COHN • NATHAN GIEROWITZ • MAURICE DEITCH

**Subscripton price: $5.00 per year**

# אינהאַלט


לשנה טובה — 3

שרה ראַפאַלין ליינער: געדאַנקען וועגן די ימים נוראים תפילות — 4

מלך ראַוויטש: מחשבות וועגן נייע יידישע עיקרים (אויסצוגן פון זיינע ווערק (צו זיין ערשטן יאָרצייט) — 7

שואל גוטמאַן: יידישע ליטעראַטור־פאָרשונג און דער דרך פון ייִוואָ היינט־צו־טאָג — 9

אברהם גאָלאָמב: חיים נחמן ביאַליק — 13

ד"ר ישראל שטערן: רחל ה. קאָרן — „פאַרביטענע וואָר" — 18

חנוך סילווער: דער קיבוץ אַמאָל און היינט — 23

משה שקליאַר: דריי לידער — 28

ב. שלעווין: „רעד צו מיר יידיש" (דערציילונג) — 29

איש יאיר: צוויי לידער — 32

חיים לייב פוקס: לידער — 34

ס. נוטקעוויטש: תשעה באב מיט יידן פון וואַרשע (פאַרצייכענונגען פון אַ רייזע — 36

רבקה קאָפּע: צוויי לידער — 38

משה מאַנדלבוים: איר שענסטער שמחת תורה (דערציילונג) — 40

רבקה סאַוויטש גאָלאָמב: פון שפּיטאָל (פאַרצייכענונגען) — 44

ברכה קודלי: צוויי לידער — 49


## שרייבערס און ביכער


זלמן שלאָסער: „חיים גראַדעס „דער שטומער מנין" — 52

משה שקליאַר: ב. שלעווינס נייער ראָמאַן — 55

ד"ר יעקב י. מייטליס: אַ ראָמאַן פון אַ נישט דערגאַנגענעם חלוץ — 58

ס. שניאור: ש. גוטמאַנס „דער גלויבן פון וועלטלעכע יידן" — 61


## אין שפּיגל פון יידישן לעבן אין ל. א.


שמואל וויס: מחלוקתן ביי יידן — 65

אַלעקס ראַבין: דער קולטור קלוב אין זיין 52 יאָר — 70

רשימה פון פּראָגראַמען פאַרן יאָר — 72

שמואל וויס: קאָנפערענצן און קאָנצערטן — 73

שרה ליינער: דער פּערשקאַ קאָנצערט — 77

נייע ביכער אַנגעקומען אין רעדאַקציע — 78

מעלדונגען און באַגריסונגען — 84-79


די אַחריות פאַרן אינהאַלט פון די אַרטיקלען טראָגן די שרייבערס אַליין

רעדאַקציע קאָלעגיע:
שמואל וויס
משה שקליאַר
זלמן שלאָסער, רעדאַק. סעק.

# חשבון

פּעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

העניך בערמאַן, פאַרוואַלטער
גרשון פרידמאַן, פין. סעקר.
משה כהן נתן געראָוויץ
אלימלך דייטש
אַלעקס ראָבין, קאָנסולטאַנט

33טער יאָרגאַנג, נומער 80 • ערב ראש השנה, תשל״ח • לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.

## תשל״ח 5738

# לשנה טובה תכתבו ותחתמו

אונדזערע האַרציקסטע ברכות צו אַלע אונדזערע לייענערס, מיטאַרבע־טערס, פריינד און צו אַלע יידן אין דער גאָרער וועלט צום נייעם יאָר תשל״ח. מיר ווינטשן זיי אַלע אַ יאָר פון געזונט, פרנסה און פון שלום אויף דער וועלט.

מיר דריקן אויס אונדזער באַוווּנדערונג פאַר מדינת ישראל, פאַר זייער מוט און אַנטשלאָסנקייט ווייטער צו בויען דאָס יידישע לאַנד, טראָץ אַלע שטרויכלונגען און שונאים. מיר דריקן אויס אונדזער באַוווּנדערונג פאַר דעם מוטיקן קאַמף פון די סאָוועטישע יידן פאַר זייער רעכט זיך אויסצולעבן ווי יידן, פאַר קיום און עליה. מיר שיקן איבער אונדזער טרייסט און דערמוטיקונג צו די יידן פון אַרגענטינע, בראַזיל און די אַנדערע לענדער ווו דער אַנטי־סעמיטיזם טעראָריזירט און פייניקט יידן און אַנדערע קעמפער פאַר פרייהייט און רעכט.

מיר זאָגן צו אונדזער הילף צו באַפעסטיקן אונדזער יידישע קולטור און גייסטיק לעבן דאָ אויפן אָרט און צו דערמוטיקן די יידישע יוגנט, וואָס זוכט איר יידיש־נאַציאָנאַלע אידענטיטעט.

ראש השנה איז חוץ דער טאָג פון יידישן ניי־יאָר אויך דער יום הזכרון, דער טאָג פון דערמאָנען און געדענקען, פון דערמאָנען די פאַרגאַנגענע דורות וואָס האָבן אין פאַרשיידענע צייטן און לענדער זיך מקריב געווען על קידוש השם און צו געדענקען אונדזער חוב פאַרן נאַציאָנאַלן קיום און המשך.

די פייערלעכקייט פון די ימים נוראים, די פאַרכטיקע טעג פון ראש־השנה און יום־כיפור, איז פאַרבונדן מיט אַ שטימונג פון טיפער ערנסטקייט, מיט אַ געפיל פון דער שווערער אַחריות, וואָס דאָס לעבן לייגט אַרויף אויפן מענטש. די פאַרכטיקע טעג, הגם זיי זיינען היסטאָריש ניט פאַרבונדן מיט קיין נאַציאָנאַלע געשעענישן, זיינען זיי אָבער יאָ פאַרבונדן מיטן לעבן פונעם יחיד, מיט זיין מאָראַלישן געוויסן און זיינע רעליגיעזע געפילן און גריבלענישן. ס׳איז דער יום־טוב פון פערזענלעכן חשבון הנפש. ווען דער שופר בלאָזט פאַלט אויף יידן אָן אַ שטילער אומעט און אַ פרומער ציטער. ראש השנה איז נאָר אַ פאַרשפּיל צו יום־כיפור — דער גרעסטער און הייליקסטער טאָג פון יאָר, דער טאָג ווען יידן רייניקן זיך פון זינד. ערשט נאָך דעם, ווען מען פילט זיך שוין גייסטיק ווי אַ נייער מענטש, ריין פון פריערדיקע זינד, פייערט מען דעם פריילעכן יום־טוב פון אָנהייב יאָר: סוכות.

מיר זיינען דאָ ניט אויסן צו דערציילן די געשיכטע פון אונדזערע ימים־טובים. וואָס מיר זיינען יאָ אויסן איז אונטערצושטרייכן די וויכטיקייט אָנצוהאַלטן די טראַדיציעס פון אונדזערע ימים־טובים, מחמת זיי סימבאָליזירן טיף־מענטשלעכע ווערטן און דעם נאַציאָנאַלן גייסט, וואָס אָן זיי איז שווער, זייער שווער, אָנצוהאַלטן דעם קיום און המשך פון אונדזער פאָלק.

אין אונדזער אַלטן קוואַל איז דאָ אַ מעשהלע וועגן דער פאַרגעבונג פון זינד. רבי יוחנן בן זכאי האָט צוזאַמען מיט זיין תלמיד רבי יהושע געזען איין מאָל דעם בית המקדש חרובערהייט. האָט רבי יהושע געזאָגט: „ווי איז אונדז וואָס עס איז חרוב געוואָרן דאָס אָרט ווו די זינד פון יידן זיינען פאַרגעבן געוואָרן." האָט רבי יוחנן בן זכאי אים געענטפערט: „זון מיינער, זאָל דיך ניט פאַרדריסן. מיר האָבן אַן אַנדער מיטל, פונקט אַזאַ גוטן, צו פאַרגעבן זינד. דאָס איז, טאָן גוטס צו מענטשן! וואָרים עס שטייט געשריבן: „כי חסד חפצתי ולא זבח" — „גוטסקייט וויל איך און ניט קיין שעכטאָפּפער."

זאָל דאָס נייע יאָר ברענגען שלום אויף דער וועלט.

---

שרה ראַפּאַלין־ליינער

# געדאַנקען וועגן די ימים נוראים תפילות

„עלינו לשבח... שלא עשנו כגויי הארצות"... אָט די תפילה ווערט געזאָגט אַ גאַנץ יאָר ביים דאַווענען, אָבער אַ סך בולטער ווערט זי אויסגעדריקט ביי די ימים נוראים תפילות. דער חזן שפּילט עס אויס און דעמאָנסטרירט ממש דורך אַ דראַמאַטישן כורעים־פאַלן, דאַנקענדיק דעם האַר פון דער וועלט פאַר אונדזער אַנדערשקייט.

דוכט זיך, אַלע פעלקער פייערן זייער ניי־יאָר און אויך מיר טוען דאָס. אָבער וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלער אונטערשייד איז צווישן דעם אופן, פאָרעם און אינהאַלט פון זייער ניי־יאָר און אונדזער ראש השנה. אַ טיפער תהום ליגט צווישן פאָלק ישראל און די אומות העולם, צווישן זייער וועלט־אַנשויאונג און אונדזער וועלט־אַנשויאונג. די אומות העולם פייערן זייער ניי־יאָר ביים אַראָפּרייסן דאָס לעצטע בלעטל פון זייער קאַלענדאַר מיט שיכרות, הוליאַנקעס און הילכיקע אויסגעשרייען. מיר פייערן דעם „בראשית ברא", דעם „היום הרת עולם" און די באַשאַפונג פון מענטש, מיט אַן ערנסטן חשבון הנפש, מיט תפילות, מיט אַ קול דממה דקה פון אינערלעכער מעדיטאַציע.

שוין דער חודש אלול, דער חודש פאַר ראש השנה, און ספּעציעל די סליחות־טעג, פירן אונדז אַריין אין דער אַטמאָספער פון דעם ימים נוראימדיקן געמיט און שאַפן דעם גייסטיקן קלימאַט און אינערלעכע שטימונג צו באַגעגענען די פאַרכטיקע טעג. אַ מין הייליקע באַגייסטערונג נעמט אַרום יעדן יידן.

ראש השנה און יום־כיפור זיינען די שולן געפאַקט מפה לפה. אפילו אַזעלכע יידן ווי אַסימילירטע, איזאָלירטע, אָפּגעפרעמדטע, וואָס אַ גאַנץ יאָר האָבן זיי ניט קיין מגע ומשא מיט יידן; אָדער וועלטלעכע יידן, וואָס אַ גאַנץ יאָר טרעטן זיי ניט אַריבער די שוועל פון אַ שול — אַלע ווערן באַהויכט פון קדושה אין די ימים נוראים, ווי עפּעס אַן אומדערקלערלעכער כוח וואָלט זיי געצויגן. זיי ווערן באַהערשט פון אַ שטאַרקן ווילן צו זיין אין דער זעלבער מחיצה צוזאַמען מיט אַלע יידן. און ס'איז ניטאָ קיין דיסקרימינאַציע קעגן קיינעם. אַלע ווערן אַריינ־

גענומען אין דער חברותא און ווערן צוגערעכנט צום מנין; אַלע די וואָס ווילן זיך נאָר אומקערן מיט אַ ריין האַרץ. אויף דעם זאָגט עדות די עפנטלעכע דעקלאַראַציע, פאַר כל נדרי, צו דאַוונען צוזאַמען אפילו מיט די זינדיקע:

„על דעת המקום ועל דעת הקהל אָנו מתירין להתפלל עם העברינים."

* * * * *

דער יום־טוב ראש השנה ווערט דערמאָנט אין חומש ווי אַ יום־תרועה, אָדער זכרון תרועה, דער טאָג פון שאַלונג, פון שופר בלאָזן. די פאָלקס־טראַדיציע אָבער האָט אָנגענומען, אַז ראש השנה (און יום כיפור) איז דער יום הדין, ווען יעדער מענטש ווערט געשטעלט פאַרן משפט, ניט נאָר דער ייד (היום יעמד למשפט כל ברואי עולם), אָפּצוגעבן אַ חשבון פאַר די מעשים פון אַ גאַנץ יאָר. די יידישע פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט געשאַפן אַ וווּנדערלעכע בילדלעכע פאָרשטעלונג וועגן דער פּראָצעדור פון דעם הימלישן געריכט מיטן אָנטייל פון סניגור און קטיגור, פאַרטיידיקער און באַשולדיקער. עס קומט פאָר דער געראַנגל צווישן דעם „מה אנוש כי תזכרנו" און דעם „ותחסרהו מעט מאליהם."

די פאַרפאַסער און רעדאַקטאָרן פון די תפילות און פיוטים האָבן געניאַל צוגעפאַסט זייער אינהאַלט צו דער טיף יידישער אידעע פון תשובה. פון איין זייט איז דער מענטש באַשאָנקען מיט אַ פרייען ווילן און קען און דאַרף אויסקלייבן זיין אייגענעם וועג און טאָן מעשים פאַר וועלכע ער אַליין איז פאַראַנטוואָרטלעך און טראָגט די פולע אַחריות. פון דער צווייטער זייט, צוליב זיין נאַטירלעכן איינגעבאָרענעם אינסטינקט, ווערט ער געשטרויכלט, און אין זיין מענטשלעכער שוואַכקייט טוט ער אָפּ זאַכן קעגן זיין אייגענעם געוויסן. ווי זאָגט מען: אַ מענטש איז ניט מער ווי אַ מענטש און אַמאָל דאָס אויך ניט. קומט „תשובה" און העלפט אים אַרויס. ד"ה, ער רעווידירט זיינע מעשים, אנערקענט די פגימות און, דער עיקר, ער נעמט אויף זיך די פאַרפליכטונג מתקן צו זיין די באַגאַנגענע עוולות און זיי אויסצומיידן אין דער צוקונפט. נאָר דאַן ווען ער איז מאָראַליש גערייניקט און געלייטערט ווערט אים פאַרגעבן זיינע פריערדיקע זינד. עס גיט אים אַ געלעגנהייט זיך צו באַנייען.

דאָס איז די גרונט־אידעע פון תשובה. און דער תשובה אַקאָרד גייט דורך ווי אַ קווערשניט דורך די ימים נוראימדיקע תפילות.

* * * * *

ראש השנה איז טאַקע אַ יום־טוב פאַרן יחיד. ס'איז אָבער גלייכצייטיק אויך מער ווי פאַרן יחיד. אַוודאי איז דער יחיד מתפלל פאַר זיך, פאַר זיין אייגענער משפחה־מיטגלידער, און האָט אויך אין זינען זיינע פערזענלעכע נויטן — „כי מרובים צרכי עמך." אָבער מער ווי אַלץ דריקן אויס די תפילות דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט. דער ייד איז דורכגענומען מיט טיפער זאָרג פאַרן גורל פון כלל ישראל, און אין אונדזער צייט ציטערט ער אַוודאי און אַוודאי אויך פאַר דער זיכערקייט און גאַנצקייט פון דער באַנייטער מדינה, וואָס דורות יידן האָבן זי אויסגעחלומט, אויסגעוויינט און אויסגעקעמפט מיט שוויס און מיט בלוט. איז דער ציבור דורכגענומען מיט אַ געפיל פאַרן יידיש־היסטאָרישן טראַגיזם, מתפלל פאַרן וווילזיין פון גאַנצן פאָלק. „ובכן תן כבוד לעמך." די מערסטע תפילות זיינען אפילו רעדאַגירט אין מערצאָל און ווערן אויסגעדריקט קאָלעקטיוו: („על חטא שחטאנו", „שמע קולנו", און אַנדערע).

ראש השנה איז אָבער אויך אַן אוניווערסאַלער יום־טוב. ס'איז אינטערעסאַנט און אויך כאַראַקטעריסטיש, אַז דער ייד איז מתפלל ניט נאָר פאַר זיך, ניט נאָר פאַר זיין פאָלק, נאָר פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. אין דעם אינטימען מאָמענט ווען ער איז זיך מתיחד מיט זיין גאָט טראָגט ער אפילו ניט קיין שנאה צו די פעלקער וואָס האָבן אים געברענט און געבראָטן און געדריקט מיט אַלע מיתות משונות. ער דערהויבט זיך אויפן העכסטן שטאַפּל און איז מתפלל פאַר זיינע שונאים אויך. ער בעט גאָט ניט צו באַשטראָפן די רשעים נאָר אָפּמעקן די רישעות פון דער וועלט. וואָרעם אויך פאַר די גויים גילט דער תשובה־מאָטיוו. „כי לא תחפוץ במות המת כי אם בשובו מדרכיו וחיה." דער ספר יונה

דינט דאָ ווי אַ מוסר השכל, אַ ווונדערלעכע אַלעגאָריע, וואָס איז געוואָרן די מנחה הפטורה אין דעם הייליקסטן טאָג, יום־כיפור. אפילו די רישעותדיקע שטאָט נינוה קריגט אַ געלעגנהייט חוזר בתשובה צו זיין און אויסמיידן די שטראָף. „וינחם האלהים על הרעה אשר דבר לעשות להם ולא עשה.” האָט גאָט געזען זייערע מעשים, אַז זיי האָבן זיך אומגעקערט פון זייער שלעכטן וועג, און גאָט האָט חרטה געהאַט אויף דעם בייז וואָס ער האָט גערעדט זיי צו טאָן, און ער האָט עס ניט געטאָן.” (יונה ג׳, 10).

דאָס איז דער כוח פון חרטה און תשובה וואָס קען ברעכן דעם גזר־דין.

„ותשובה (ותפילה וצדקה) מעבירין את רוע הגזירה.”

פון דער צווייטער זייט אָבער רופן מיר אַרויס צום משפט דעם כביכול אַליין. דאָס איז דער רעליגיעזער רעוואָלט, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם יידן. מעג דער ייד ווי הכנעהדיק בעטן פאַר זיך, ווי אַ יחיד, זוכנדיק זכות אָבות געמשפט צו ווערן לויט מידת הרחמים („מה אנו, מה חיינו ומה צדקותינו”) נאָר ווען עס קומט צום פאָלק, ווען ער רעדט אין נאַציאָנאַלע טערמינען, ווערט ער שטאָלץ און מאָנט האָפערדיק גערעכטיקייט פון גאָט אַליין. אַ באַווייז פאַר דעם, לויט מיין מיינונג, איז דאָס אַרייננעמען אין די קריאות פאַר ראש השנה, דעם עקדת יצחק נאַראַטיוו און אויך „אלה אזכרה” די מאַרטירער עלעגיע פאַר די עשרה הרוגי מלכות. (מיר מעגן דאָ אויך צוגעבן די אינקוויזיציעס, אויטאָ־דאַ־פעס, קרעמאַטאָריומס און גאַז־קאַמערן) דער פאַקט אַליין וואָס די מסדרי המחזור האָבן עס איינגעשלאָסן אין די תפילות איז אַ רמז פון אַ מרידה און אַן אַרויסרוף.

אַ מענטש מיט אַ שאַרפן אויער קען דאָ הערן דעם געוואַגטן זאָג פון אברהמען: „השופט כל הארץ לא יעשה משפט?” פאַראַפראַזירט אין דעם באַרדיטשעווערס טענה כלפי מעלה, ווי ער וואָלט געזאָגט: „זע וואָס דו האָסט געטאָן צו דיין פאָלק ישראל, וואָס איז זיך מקריב פאַר דיין נאָמען וועגן. מיר וועלן דיר מוחל זיין אויב דו וועסט אונדז מוחל זיין; נאָר דאַן וועלן מיר זיך שטעלן צו כל נדרי, נאָר דאַן וועלן מיר אנערקענען דיין קעניגרייך (מלכיות), אויב דו גאָט וועסט געהייליקט זיין דורך גערעכטיקייט: „והאל הקדוש נקדש בצדקה”.

לשנה טובה תכתבו ותחתמו!


מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים

בעטן מיר אַלעמען זיך צו ווענדן צו אונדזער סעקרעטאַר:

G. FRYDMAN

337½ North Hayworth Ave. Los Angeles, Calif. 90048

Phone: 665-1292

פאַרוואַלטונג „חשבון”

## מלך ראַוויטש

# מחשבות וועגן נייע יידישע עיקרים

אויסצוגן פון זיינע ווערק

(צו זיין ערשטן יאָרצייט)

### 1. עיקר שכחתי...

עיקר הייסט — ווי אַלע וויסן — וואָרצל, דאָגמע, הויפּט געדאַנקען, פּרינציפּ — מיט איין וואָרט: עיקר הייסט עיקר.

און איבערן פאַרכמורעטן הימל פון גאַנצן יידישן פאָלק ביים היינטיקן טאָג הענגט אַ ריזיקער, פינצטערער: "עיקר שחכתי".

יידן, וואָס שטייען אין עפנטלעכן לעבן, וואָס זענען אַזוי־צו־זאָגן דער נישט אויס־געקליבענער פּאַרלאַמענט פון יידישן פאָלק, וועלן דיר ריידן וועגן אַלץ אין דער וועלט, נאָר נישט וועגן עיקרים. און הייבסטו אויף די שטימע און דו רעדסט וועגן דעם, פאַרשרייט מען דיך, אַז דו ביזט אַ בטלן, אַן עם הארץ, אַן אפּיקורוס.

זינט יאָרן און יאָרן — זינט די השכלה האָט זיך אָנגעהויבן אויסשפּרייטן — האָבן זיך אַ וואַקל געטאָן יידישע עיקרים. קיין זאַך וואָס מענשטלעך איז אויף דער וועלט, איז נישט אייביק. אפילו נישט קיין געט־לעכע געדאַנקען, אָדער ריכטיקער, גאָט־געדאַנקען, אויב נאָר מענטשן האָבן זיי געשאַפן. און דער ערלעכער יידישער איין־גאָט־געדאַנק, וואָס האָט נישט קיין גלייכן צו זיך אין דער וועלט פון אַלע, אַלע מענטשלעכע געדאַנקען — אָט דער דאָזיקער געדאַנק איז אַלט געוואָרן, צו אַלט — און צו אַלטע וואָרצלען האָבן נישט מער דעם כוח וואָס זיי דאַרפן האָבן. אַזוי איז די נאַטור פון דער זאַך. עס גייט נישט דאָ אין אַ נייעם גאָט נאָר אין אַ נייער אויפפאַסונג פון זעלביקן אייביקן גאָט.

ביז ספּינאָזאַ איז די יידישע עיקרדיקייט געוועזן טיף פאַרוואָרצלט און איינגע־גראָבן אין דער ערד פון דער יידישער אייביקייט, און פון דעסטוועגן זענען אַלע עטלעכע דורות אויפגעשטאַנען גרויסע יידן און אַרומגעקוקט די ווי וואָרצלען, און אַריינגעגראָבן זיך אין זיי און אָפט די אַלטע וואָרצלען אונטערגעשפּאָרט מיט ניי־פאַרפלאַנצטע און פרישע, אָדער אויפ־געלעבט די אַלטע דורך צושיטן פרישע ערד. ווי וווּנדערבאַר און חכמהדיק זענען די דרייצן עיקרים פון דעם רמב״ם. ווי האָט ער זיך טיף — אין זיין צייט — פאַר־טראַכט וועגן יעדן פּרט. ווי האָט ער זיך געמיט באַנומען צו ווערן פון אַלע, אַלע יידן. נישט אומזיסט האָט מען זיינע עיק־רים אַריינגענומען אין די טעגלעכע תפי־לות. זיי זענען אין דער ערשטער רייע אַ מייסטערווערק פון לאָגיק. ער האָט גרינטלעך פאַרשטאַנען וואָס זיינע יידן וועלן קענען פאַרשטיין און וואָס זיי דאַרפן פאַרשטיין.

מיט זיינע דרייצן עיקרים האָט דער רמב״ם נישט אויסן געהאַט צו רעפאָר־מירן דעם יידישן עיקר און דאָך האָט ער עפּעס ניי פאָרמולירט, וואָס איז פריער נישט אַזוי פאָרמולירט געווען ווי ער האָט עס געטאָן. און עס איז נייטיק געווען שוין מיט אַכט הונדערט יאָר פריער. מיט וויפל מער זענען היינט נייטיק עיק־רים — היינט אין דער צייט פון דעם מוראדיקן בראָך אין מזרח־איראָפּע. שוין דאָס אַליין איז אַ סימן אַז נייע עיקרים זענען אונדז נייטיק.

גיט אַ קוק אויף דער מאַפּע: בשעת אונדזער ערלעכער גאָט־געדאַנק איז אין דער וועלט געבוירן געוואָרן איז די וועלט נישט מער ווי אַ קליינער נאַטור־גאָרטן געוועזן ביים ברעג פון אַ טייכל, וואָס רופט זיך היינט מיטללענדישער ים, און האָט דעמאָלט געהייסן דער ים הגדול. היינט האָט איינשטיין אַ טעאָריע אַז דער אוני־ווערס — מיליאָנען ליכט־יאָרן ווייט און ברייט האַלט זיך אין איין אויסברייטערן.

דאָס ענדערט נאַטירלעך נישט דעם עיקר פון די עיקרים, אפילו די עיקרים פון רמב״ם. זיי דאַרפן בלייבן ווי אַ גרויסע היסטאָרישע רעליקווע, הייליק אין זיי יעדעס וואָרט, אָבער דער רמב״ם אַליין

וואָלט דאָך היינט אַנדערע עיקרים גע־פּאָדערט.

## 2. וועגן וויסן וואָס מען וויל און וועגן פאַרקריצן אין אַ שטיין...

שוין נישט דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן און — אויב עס וועט נאָך באַשערט זיין צו לעבן נאָך דעם אויפשרייבן די אַפּירקורסותן — נישט די לעצטע, שרייב איך ווערטער, וואָס אַנטהאַלטן אין זיך אַ גרויסע דאָזע פון חוצפּה. חוצפּה איז דאָך איינער פון די נאַציאָנאַלע יידישע אַטריבוטן און אַוודאי איינער פון די אַט־ריבוטן פון יידישע שרייבערס.

.... מאַך איך אין מיין געדאַנק אַן אַנקעטע צווישן די יידישע גדולי הדור פון היינט און שטעל איך די פראַגע וועגן עיקרים, קענען מיר נאָר די אויסגע־שפּראָכענע פאַרטייער און אויסגעשפּראָ־כענע גלויביקע זאָגן גענוי וואָס זיי ווילן. די אַנדערע קענען עס נישט. און היות ווי מיר האָבן ביים היינטיקן טאָג איבער גאָר דער וועלט גרויסע יידישע מאַסן, וואָס זענען סתם יידן, איז דאָס אַן אומ־גליק.

דערפון איז געדרונגען קלאָר און שאַרף אַז דער ענין פון וויסן וואָס מען וויל, אויב מען פאַרנעמט זיך מיט יידישע מחשבות, איז זייער אַ וויכטיקע זאַך.

בכל דור ודור — כאָטש די רעליגיע איז נאָך געווען טיף־פאַרוואָרצלט אין פאָלק, און כאָטש די איינציקע אויסער־לעכע יידישע פּאָליטיק איז געווען אַנט־האַלטן אין צוועלפטן אני מאמין פון דעם רמב״ם, דעם אני מאמין וועגן ביאת המשיח, בכל דור ודור זענען אויפגע־שטאַנען יידן און האָבן געטראַכט וועגן די עיקרים, וועגן באַנייען די אַלטע, וועגן שאַפן נייע, וועגן וויסן קלאָר וואָס מען וויל און וועגן פאַרקריצן דאָס קלאָרע אין אַ פּאַקטישן אָדער סימבאָלישן שטיין. און נאָר אין אונדזער דור, אַז עמעץ הייבט נאָר אויף זיין קול און רעדט וועגן דעם — ווערט ער באַטראַכט ווי אַ חסר דעה.

פאַרוואָס די וויכוחים וועגן יידישע עיקרים — און זיי קומען דאָך פאָר כסדר, כאָטש מען זעט זיי ווייניק אָן — זענען אַזעלכע פאַרנעפּלטע אַלע מאָל, איז מיר נישט קלאָר. מילא, אַז מען קען נישט ענטפערן קלאָר — פאַרשטיי איך נאָך, עס איז נישט לייכט און קיינער וויל נישט וואַגן, אָבער פרעגן מעג מען דאָך קלאָר. דאָס איז דאָך יאָ לייכט. און אָט דאָס איז דער זין פון די דאָזיקע רייד און פון נאָך אַזעלכע רייד וועגן זעלבן ענין, וואָס וועלן נאָך קומען.

(1945)

## 3. פון זיין חשבון הנפש...

... איך בין אַ ייד. אָבער נישט דער־פאַר ווייל איך מוז, נאָר דערפאַר ווייל איך וויל, ווארום וואָלט איך נישט גע־וואָלט — וואָלט איך מיר געקענט העלפן.

... איך הייב מיך אויף אין מיין פאַנטאַ־זיע איבער די יאָר־טויזנטער אַריבער, שיר נישט איבער צענדליק טויזנטער, אַזוי ווייט גיי איך, פלי איך, און איך זע דאָס יידנטום פון עק־וועלט געשיכטע ביז עק־וועלט געשיכטע און איך פאַס עס אויף דיאַלעקטיש, און איך זאָג:

משה — אויג פאַר אויג, צאָן פאַר צאָן — איז געווען די טעזע.

ישוע — ווער עס וויל דיר אָוועקנעמען אַ קלייד דעם גיב אַוועק דעם מאַנטל; דאָס איז געווען די אַנטי־טעזע. דאָס איז דאָך אַזוי קלאָר.

ספּינאָזאַ — גלויבן אין דער זעלבסט־דערהויבונג דורך דער „גייסטיקער ליבע צו גאָט", דורך דער שכלדיקער דורכ־דרינגונג און באַהערשונג פון די אַפעקטן — איז געווען די סינטעזע.

עס איז אמת, אַז עס איז אַ דיאַלעקטיק, וואָס פון דער טעזע ביז דער אַנטיטעזע האָט געדויערט אַרום פערצן הונדערט יאָר און פון דער אַנטיטעזע ביז דער סינטעזע—אַריבער זעכצן הונדערט יאָר. און דאָך האַלט די דיאַליקטיק אויס.

און איך גלויב אין דעם.

איך גלויב אַז מיט ספּינאָזאַן, אַזוי ווי מיט יעדער סינטעזע, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע טעזע פון אייביקער יידישקייט, אַ נייע טעזע אין דער געשיכטע פון גאָט — און אמת־זוכן. אפשר די לעצטע טעזע.

... אָט דאָס איז מיין יידישקייט. אָט דאָס איז מיין שטאָלץ, מיין אינהאַלט, מיין לעבן. אָט דאָס האַלט פעסט אויף

די פיס מיין גוף, אָט דאָס האַלט אויף מיין נשמה.

דאָס אַלץ האָט נישט קיין שום שייכות צו יידישער פּאָליטיק, עקאָנאָמיע. אויך נישט צו יידישער קולטור־פּאָליטיק, שפּראַך, שטייגערישער יידישער קליין־קולטור.

דער דאָזיקער חשבון הנפש האָט נאָר אַ שייכות צום געביט פון עטישער יידישער גרויס־קולטור.

צי וועט דער קלאַנג פון מיינע ווערטער דערגיין צו עמיצן, און אויב דער קלאַנג וועט דערגיין — צי וועט די נשמה דערגיין, דער אינהאַלט, ווער ווייסט. מיר אָבער איז גרינגער געוואָרן. אַ חשבון געמאַכט — האַלב חוב באַצאָלט, כאָטש קיינער מאָנט דאָך נישט פון מיר.

(1944)

שואל גוטמאַן / ניו־יאָרק

# יידישע ליטעראַטור־פאָרשונג און דער היינטיקער דרך פון ייווא

## I

דער ייווא האָט במשך פופציק יאָר פון זיין עקזיסטענץ זיך דערוואָרבן אַ חשובע פּאָזיציע אין דער יידישער געזעלשאַפט בכל תפוצות ישראל. אָבער שוין עטלעכע יאָר ווי עס מערקן זיך נייע, נישט־געזונטע טענדענצן אי אין זיינע פּובליקאַציעס, אי אין דער פּאָזיציע וואָס ער פאַרנעמט כלפּי דער יידיש־יידישער געזעלשאַפטקייט. בהדרגה רוקט ער זיך אַלץ ווייטער אַוועק פון דעם יידיש־וועלטלעכן סעקטאָר וועלכער האָט אים אויסגעבויט און פון דרך אויף וועלכן ער איז געגאַנגען אַ קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערט.

ראשית, וועגן די ייווא־פאָרשונגען: ביי דער 51סטער קאָנפערענץ וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן סוף אַפּריל, היי־יאָר, בין איך בייגעווען ביי דעם רעפעראַט פון יונגן און צוזאָגנדיקן דוד ראָסקעס איבער „די הויפּט־שטראָמען פון דער היינטיקער יידישער ליטעראַטור־פאָרשונג.״ ער האָט דערקלערט אַז איצט האָבן מיר פיר פאָרשערס און אַלע געפינען זיי זיך אין די העברעישע ישראל־אוניווערסיטעטן: דוב סדן, חנא שמערוק, בנימין הרושאָווסקי און דן מיראָן. לויט אים איז אויסגעקומען אַז אין אַמעריקע, אין אַרגענטינע, און אין די אַנדערע יידישע תפוצות — און דאָס שליסט דאָך אויך איין דעם ייווא און קולטור־קאָנגרעס — ווערט גאָר ניטגעטאָן צו פאָרשן די יידישע ליטעראַטור. איז דאָס טאַקע אַזוי? און אויב ס'איז אַזוי, צי קען מען איבערלאָזן די פאָרשונג פון דער יידישער ליטעראַטור צו דער „אָביעקטיווער וויסנשאַפטלעכקייט״ פון סדנען און שמערוקן? זיינען זיי די פּאַסיקע פאַכלייט וואָס וועלן צוגרייטן יונגע געלערנטע פאַר דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור־פאָרשונג? איך דערמאָן דאָ בלויז די ערשטע צוויי, סדן און שמערוק, ווייל זייערע אַרבעטן זיינען מיר באַקאַנט. און אויב זיי זיינען נישט פריי פון פּאַרטייאישקייט און דאָגמאַטישקייט — ווי איך וועל עס באַלד באַווייזן — וואָס טוט דער ייווא מתקן צו זיין די סיטואַציע?

און טאָמער וועט איר מיר זאָגן אַז דער ייווא טראָגט נישט קיין אחריות פאַר די מיינונגען פון זיינע רעפערענטן, האָט ער דאָך, אין שייכות צו אַזאַ קאָנטראָווערסיאַלן שטאַנדפּונקט ווי ראָסקעס האָט פאָרטראָגן, געקענט באַשטימען אַ קאָ־רעפערענט, און אויב דאָס אויך נישט, האָט דאָך געמעגט פאָרקומען אַ דיסקוסיע אַרום דעם רעפעראַט, ווי עס פירט זיך אויף אַלע אַקאַדעמישע קאָנפערענצן! ווען עטלעכע יידישע שרייבערס האָבן געבעטן אַ וואָרט צו אַ דיסקוסיע, האָט די פאָרזיצערין עס בשום אופן נישט געוואָלט דערלויבן. איז אַזאַ האַנדלונג נישט אויטאָקראַטיש, און ווייט פון גייסט אין וועלכן די ייווא האָט זיך אַלע מאָל געפירט?

II

לאָמיר צוערשט קלאָר מאַכן אַז ליטעראַטור-פאָרשונג שליסט איין אין איר גבול די אויספאָרשונג פון דער ליטעראַטור, די אויפדעקונג פון אירע קוואַלן, די השפּעות—אינעווייניקסטע און פרעמדע — וואָס האָבן זי באַווירקט, די אויפזאַמלונג פון אַלע מאַטעריאַלן און דאָקומענטן, באַלייכטן זיי, אויסגעפינען זייערע שייכותן, ווי אויך זייער אָרט אין דעם גאַנצן אַנטוויקלונג-פּראָצעס פון פאָלק. מען דאַרף אויך באַטאָנען, אַז וואָס פאַר אַ צוגאַנג איר זאָלט נישט האָבן צו ליטעראַטור— אַ סאָציאָלאָגישן, אַן עסטעטישן אָדער אַן אַנדערן — קען מען נישט פאָרשן ליטעראַטור בלויז אין ליטעראַרישע טערמינען, ווייל ליטעראַטור איז געקניפּט און געבונדן מיט דער גרויסער וועלט; דער פּראָזאַאיקער און דער דיכטער גיבן אויסדרוק צו זיך, צו זייער וויזיע פון וועלט און מענטש. ליטעראַטור-פאָרשערס האָבן וועלט-אַנשויונגען, קונסט-פילאָסאָפיעס, סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, וועלכע באַווירקן די אויספירן פון זייערע שטודיעס. (ס'איז נישטאָ דאָ קיין פּלאַץ צו אילוסטרירן דאָס מיט די שטודיעס פון ווייבריך, עריק, מאיר ווינער, און אַנדערע). און אַוודאי זיינען סדן און שמערוק נישט קיין אַלימפּישע פאָרשערס פון דער יידישער ליטעראַטור. זייערע וועלט-אַנשויונגען שפּיגלען זיך שאַרף אָפּ אין זייערע פאָרשונגען.

קודם כל וועגן גרונט-איינשטעל פון סדן. ער איז מיט עטלעכע יאָר צוריק דאָ געווען, און מיר קענען אים פון זיינע שריפטלעכע אַרבעטן, פאָרשונגען און עסייען. אין 1969 האָט ער אונדז געעצהט, אין ניו-יאָרק, אויפן ייוואָ-באַנקעט, אַז דער ייוואָ דאַרף זיך אַריבערפעקלען קיין ירושלים, ווייל באַר דאָרטן, אין העברעישן אוניווערסיטעט, וועט מען קענען אויסבילדן יידישע געלערנטע פאַר דער פאָרשונג פון דער יידישער קולטור אין מזרח-אייראָפּע. און אויב איך צווייפל אין דער אָביעקטיווקייט פון דעם פּסק-דין בנוגע אויסבילדונג פון יידישע געלערנטע פאַר דער יידישער קולטור פון מזרח-אייראָפּע, מעגט איך נאָך מער צווייפלען צי פּראָדוקטן פון העברעישן אוניווערסיטעט מיט זיין נעגאַטיוון איינשטעל צו יידיש ווי אַ לעבעדיקע שפּראַך וועלן זיין די פּאַסיקע מענטשן פאַר דער פאָרשונג פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

פאַר דעם שולל-הגלותדיקן, עקסטרעמען ציוניסט, סדן, איז דאָך די אַמעריקאַנער תפוצה בכלל נישט וויכטיק: „דער פּראָצעס פון דער גלות-ליקווידאַציע איז אַ נויטווענדיקייט פאַר אַלע גלותן און פאַר איר וועלן קיין באַשטאַנד נישט האָבן די כלערליי פּשרות, ווי אַ שטייגער ס'האָט געמאַכט דער לעצטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין פאָרם פון קינסטלעכן אונטערשייד צווישן גלות און תפוצות. דען ס'לאָזט זיך נישט אויסברעכן פון דער גזירה: וכל הכתוב לחיים בירושלים. (זע: היימישע כתבים, תל-אביב, 1972, באַנד 2, זייט 87-92).

פרעגט זיך: צי וועט אַזאַ ליטעראַטור-פאָרשער נישט מעסטן די פאַקטן און פאַסירונגען פון אונדזער עבר מיט דער מאָס פון זיין הייניקער אידעאָלאָגיע און סימפּאַטיעס? איז דען אַ מענטש מיט זיין דאָגמאַטישקייט אומשטאַנד צו פאָרשן אומפּאַרטייאיש-וויסנשאַפטלעך די „גאָלדענע תקופה" — פון 1900-1950 — פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע? — אַ תפוצה וואָס סדן האָט שוין פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג?!

און איצט וועגן שמערוקן: אין דער „ענציקלאָפּעדיע דזשודאַיקאַ", באַנד 16, שרייבט שמערוק, אין שייכות צו יידישער ליטעראַטור אַזוי: „ווי אַ רעזולטאַט פון איר—דער יידישער ליטעראַטורס—נאָענטע פאַרבינדונגען מיט געוויסע אידעאָלאָגיעס, און פריער-צוגעטראַכטע („פּריקאָנסיווד") איינשטעלונגען, האָט די פאָרשונג און קריטיק פון יידישער ליטעראַטור אַנגעהאַלטן געוויסע אומאָפּלייקנדיקע שפּורן פון טענדענציעזקייט. געלערנטע און קריטיקערס, וועלכע באַלאַנגען צום יידישיסטישן לאַגער, און ווי אַזעלכע האָבן זיי אַ נאָענטע פאַרבינדונג מיט דער יידישער אַרבעטער אידעאָלאָגיע, זיינען געניגט צו איבערטרייבן דעם „סעקולערן" יסוד פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור. וואָס שייך דער מאָדערנער ליטעראַטור גיבן די יידישיס-

טישע געלערנטע פרעפערענץ צו אידעאָלאָגישע אָפשאַצונגען איבער עסטעטישער קריטיק און פאָרשונג פון פאָרם־פראָבלעמען. די גרינדונג פון דעם יידיש־ליטעראַטור־פאַקולטעט אין ירושלימער אוניווערסיטעט האָט אויסגעפלאַסטערט דעם וועג פאַר אַ באַנייונג פון יידישער ליטעראַטור־פאָרשונג, וואָס איז באַוווסטזיניק באַפרייט געוואָרן פון דער טענדענציעזקייט פון עבר, און ביז אַ געוויסער מאָס אויך פון דער קעגנוואַרט.״

אַזוי גרויסהאַלטעריש און „אומפאַרטייאיש״ שרייבט דער צווייטער פאָרשער פון דער יידישער ליטעראַטור, וועלכער וואָרנט אונדז קעגן די „יידישיסטישע און אַרבעטער־אידעאָלאָגישע ליטעראַטור־פאָרשערס און קריטיקערס. און ווי אָביעקטיוו־וויסנשאַפטלעך איז ער אַליין? אָט וואָס עס דערציילט אונדז וועגן אים איינער וועלכער איז עטלעכע יאָר געווען גאַסט פראָפעסאָר אין ירושלימער אוניווערסיטעט און מיר מעגן זיך פאַרלאָזן אויף זיין סקרופולעזקייט און מעסיקייט. איך מיין דאָ פראָפ. שיקל פישמאַן פון ישיבה־אוניווערסיטעט.

אין זיין שטודיע וואָס איז דערשינען אין ענגליש: „יידיש אין ישראל״ פון שיקל און דוד פישמאַן (1974) שרייבן ד׳פישמאַנס אַזוי: „די ׳ענציקלאָפעדיא דזשודאַיקאַ׳ דערהיינטיקט (אָפדייטס) די פאָליטיק פון איגנאָרירן, אָדער מינימיזירן די יידיש־ליטעראַרישע סצענע אין ישראל, בעת אין חוץ־לארץ איז שוין אַלץ פאַרענדיקט. עטלעכע אַרטיקלען אין דער ישראלדיקער יידישער פרעסע האָבן פינקטלעך אָנגעוויזן אַז די ענציקלאָפעדיע האָט אָפגעוואָרפן באַשטעלטע גיביקע אַרטיקלען בשייכות מיט יידישער ליטעראַטור, באַזונדערס מיט דער ישראלדיקער, אַז מ׳האָט אָנשטאָט דעם געדרוקט נעגאַטיווע, פאַרקירצטע אַרטיקלען. אָט אַזאַ ׳איבערשרייבן געשיכטע׳ האָט מען באַצייכנט אין גייסט פון 1984, און יעווסעקציע־מעסיק. און דער הויפט־דורכפירער ׳פון דער אַרבעט׳ איז אַ פראָפעסאָר אין העברעישן אוניווערסיטעט.״

איר קענט זיך אָנשטויסן אַז דער פראָפעסאָר איז דער זעלביקער שמערוק וועלכער איז דאָס געוואָרן אַרויסגערוקט פון ייוואָ־רעפערענט ווי דער הויפט־פאָרשער פון דער יידישער ליטעראַטור, דער וואָס דאַרף אונדז אָפראַטעווען פון די יידישיסטישע „טענדענציעזע פאָרשערס, און אָנשטאָט דעם וועלן מיר קריגן איינעם וואָס וועט טאָן אַלץ אין דער וועלט צו פאַרמומיזירן די לעבעדיקע יידישע ליטעראַטור, ווייל אין דער זעלביקער שטודיע איבער „יידיש אין ישראל״ דערציילן אונדז שיקל און דוד פישמאַן אַז די יידיש־אוניווערסיטעט־פראָגראַמען אין ישראל זיינען ספעציעל פאַרזיכטיק נישט צו זיין פאַרבונדן מיט וועלכע עס איז טעטיקייטן וואָס גיבן אָנצוהערעניש אַז יידיש איז אַ לעבעדיקע שפראַך פון מיליאָנען יידן, און דעריבער דאַרף זי קריגן שטיצע און אָנערקענונג מצד די ישראלדיקע אויטאָריטעטן און אינסטיטוציעס.

מעגן מיר דעריבער שטאַרק מסופק זיין וועגן דער אָביעקטיוויקייט פון סדן און שמערוק, די פאָרשערס פון דער היינטיקער יידישער ליטעראַטור, און זיכער נישט פון דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור — אַ גרויס קאַפיטל אין דער גייסטיקער געשיכטע פון יידישן פאָלק!

## III

און איצט וועגן דער איזאָלירונג פון ייוואָ פון דער יידיש־יידישער סביבה, און זיין דרך אין שייכות צו פאָרשונגען בכלל. די פירערס פון ייוואָ האָבן אַלע מאָל באַטאָנט אַז דער ציל זייער איז צו פאָרשן דער עיקר דאָס היינטיקע יידישע לעבן אין אַלע זיינע אַספעקטן: נישט נאָר יידישע שפראַך און ליטעראַטור, נאָר אויך געשיכטע, עקאָנאָמיק, פסיכאָלאָגיע און פעדאַגאָגיק. אין די פריערדיקע יאָרן האָט דער ייוואָ זיך געקענט באַרימען מיט ד״ר נתן רייכס שטודיעס אין יידישער עקאָנאָמיק אין אַמעריקע; מיט ד״ר דורקערס סאָציאָלאָגישע שטודיעס איבער דעם היגן יידישן לעבנס־שטייגער: לייבוש לעהרערס פסיכיק פון יידיש־אַמעריקאַנער קינד; שיקל פישמאַנס פאָרשונג וועגן צוויי־שפראַכיקייט. — אָט די אַלע היינטצייטיקע, אַקטועלע פראַגעס ווערן לעצטנס נישט באַרירט אין די ייוואָ פובליקאַציעס. פאַרוואָס? אָדער נעמט

די נייע עטנישע באַוועגונג וועלכע איז דאָ אויפגעקומען במשך דער לעצטער דעקאַדע; די דאָזיקע באַוועגונג צווישן די שוואַרצע, פּאָרטאָ־ריקאַנער, און אַנדערע מינאָריטעטן האָט אויך באַווירקט, און וועט האָבן וויט־גייענדיקע אימפּליקאַציעס פאַר דעם היגן יידישן קיבוץ. דער „אַמעריקאַנער יידישער קאָמיטעט" האָט אַנטוויקלט אַ ברייטע פאָרשערישע און פאַרלעגערישע אַקטיוויטעט אין שייכות צום נייעם עטניציזם. ער גיט אַרויס אַחוץ דעם חודש־זשורנאַל „קאָמענטאַרי" — ווו דער ענין איז ברייט דיסקוטירט געוואָרן — ביכער און בראָשורן געווידמעט דעם ענין; ער רופט קאָנפערענצן און אַראַנזשירט סימפּאָזיומס וואָס באַהאַנדלען אַלע אַספּעקטן פון עטנישקייט־פענאָמען פאַר אַמעריקע, און ספּעציעל פאַרן היגן יידישן קיבוץ. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָב איך באַגעגנט שמואל לאַפּין ביי אַזאַ קאָנפערענץ אונטער דער אויפזיכט פון „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטי". אָבער אין די ייוואָ־אויסגאַבעס איז נישטאָ קיין וואָרט וועגן דעם. פאַרוואָס?

ווען דער ייוואָ איז אַריבער קיין ניו־יאָרק האָבן דאָ ממשיך געווען זיין אַרבעט שרייבערס, לערערס, פאָרשערס, מיט ש. ניגער, ד"ר שאַצקי, אָפּאַטאָשו, ד"ר ביקל, יודאַ יאַפע, לייבוש לעהרער, יודל מאַרק און אַנדערע. מיטן אַוועקגיין אין דער אייביקייט פון אַלע דערמאָנטע האָט מען ניט פּרובירט אַריינציען דעם יונגערן דור יידישע שרייבערס, אינטעלעקטואַלן, געלערנטע, נאָר געשעפטסלייט, פּראָספּעקטיווע מעצענאַטן, אָדער עטלעכע טרייד־יוניאָן־טוערס. מיט איבער צוויי יאָר צוריק האָט מען ביי אַ זיצונג פון ייוואָ־דירעקטאָרן־ראַט באַריכטעט אַז די ייוואָ־מיטגלידערשאַפט פאַלט. ווען איך האָב געפרעגט פאַרוואָס פּרובירט מען נישט אַריינציען אין דער אָנפירערשאַפט יידישע שרייבערס און אינטעלעקטואַלן, האָט מען מיר געענטפערט אַז ס'איז דאָ אַ געפאַר אַז זיי וועלן ענדערן דעם ייוואָ־נוסח. אָבער, האָב איך דעמאָלט געטענהט, און איך באַטאָן היינט ווידער: רוקט דען נישט יעדע נייע צייט, און יעדער נייער דור אַרויס נייע פּראָבלעמען, און דאַרף מען דען נישט זוכן נייע וועגן צו לייזן די דאָזיקע פּראָבלעמען? ווילן מיר טאַקע זיך און אַנדערע איינרעדן אַז דער פריערדיקער דור טוערס אין ייוואָ האָט נישט געהאַט קיין מיינונגס־פאַרשיידנקייטן צווישן זיך, און אַז ער האָט אונדז געגעבן די ענטפערס אויף אַלע אונדזערע היינטיקע דילעמעס? אָדער ווילן מיר סטאַגנירן און בלייבן ביי אַלע אַלטע איינשטעלונגען און מעטאָדן? און צי האָט זיך דען דער ייוואָ נישט געענדערט אין אַ סך פּרטים אפילו בימי וויינרייך־ניגער־לעהרער? עס זיינען פאָרגעקומען שטרייטן אַרום דעם נאָמען פון ייוואָ אויף ענגליש, אַרום דער אָרטאָגראַפיע, און אַנדערע. פאַרוואָס זאָל די איצטיקע אָנפירערשאַפט וועלן אַז אַלץ זאָל גלייכגעשאַלטעט ווערן?

זעט ווי מען דיסקוטירט אין דער אַמעריקאַנער עפנטלעכקייט „פאַר און קעגן" צי מען זאָל יאָ, אָדער נישט אָנשטעלן קיסינדזשערן אַלס פּראָפעסאָר אין קאָלומביע אוניווערסיטעט. אָדער אין ירושלימער אוניווערסיטעט — ראַנגלט מען זיך מיט דער פראַגע וועגן אָננעמען סטודענטן וואָס קענען נישט קיין העברעיש, און מ'וועט דעריבער נישט קענען מיט זיי לערנען עברית בעיברית. אויב די ייוואָ־פירערשאַפט וועט ציטערן פאַר יעדער נישט קאָנפאָרמירטער מיינונג וועט די אינסטיטוציע נישט גיין באַרג אַרויף...

דער ייוואָ טאָר נישט גיין אויפן וועג פון אַנדערע ביוראָקראַטיזירטע אַמעריקאַנער יידישע אָרגאַניזאַציעס ווו מ'ציטערט פאַרן יעדן אינטעלעקטואַל אין דער הויפּט־פירערשאַפט, און מען יאָגט זיך נאָך געשעפטסלייט וועמען ס'וועלן ווייניק אָנגיין די ערשטע פּרינציפּן און גרונט־צילן צוליב וועלכע מען האָט עטאַבלירט די אינסטיטוציעס.

אויב דער ייוואָ וועט ווייטער גיין אויפן וועג פון אַן אָפּגעשלאָסענער, עליטיסטיטער „פראַטוירניטי" איז דאָ אַן ערנסטע סכנה אַז זיין באַזע וועט ווערן פאַרשמעלערט, און אַז ער קען חלילה פאַרלירן ביידע וועלטן: אי דעם יידיש־יידישן סעקטאָר, אי די צייטווייליקע פאָנדן פון יידישע פונדאַציעס, און פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג. עס מוז אויפהערן די אָפּגעשלאָסנקייט פון ייוואָ, ווי פון אַן אומ־

אברהם גאָלאָמב

# חיים נחמן ביאַליק

(גערענקען צו זיין 43סטן יאָרצייט)

אידהאָב זיך היינט אויפגעכאַפּט אין מיטן פון אַ חלום וועגן ביאַליקן. עס האָט זיך מיר געחלומט אַ פאַרזאַמלונג אַון מען רעדט וועגן ביאַליקן. ניט געטראַכט, ניט געלייענט און מיט אַ מאָל גאָר ביאַליק! ווער ווייסט די וועגן פון חלומות? פאַרשטייט זיך אַז אַלע רעדנער האָבן אויסגעזוכט די שענסטע, די בעסטע ווערטער צו זאָגן וועגן ביאַליקן. מען האָט איבערגעזאָגט דעם גאַנצן הלל און דאָס איז געוועזן ווייניק. עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז ווייט ניט אַלע רעדנער האָבן גאָר געלייענט ביאַליקן. נאָר דאָס שטערט ניט לגמרי צו זאָגן דעם גאַנצן הלל אויף ביאַליקן און עס איבערצוחזרן אַ סך מאָל.

ביאַליק איז ניט נאָר דער גרויסער און גרעסטער דיכטער ביי יידן, נאָר ער איז דער נאַציאָנאַלער, דער נאַציאָנאַלסטער דיכטער ביי יידן. עס איז דאָך אָנגענומען ביי יידן: כדי אויפצוהייבן איינעם, דאַרף מען אַראָפּוואַרפן אַ סך אַנדערע; כדי איינער זאָל זיין גרויס דאַרפן אַלע אַנדערע זיין קליין, כפּרה דארעה. אַזאַ מנהג איז ביי יידן. ניטאָ ביי יידן קיין פּאָעטן, קיין גרעסערע געוויס ניט. איינער און ווייטער קיינער. האָב איך געבעטן אַ וואָרט. אין פּרעזידיום איז געוואָרן אַ שטיקל טומל. איך האָב געזען אַז מיין צעטל גייט פון איינעם צום צווייטן. מען ווייסט אַז איך האָב געוויסע טענות צו ביאַליקן, און בכן ווי קען מען מיר געבן אַ וואָרט? עס וועט דאָך ניט זיין אין הסכם מיטן כלל... איך קען דאָך נאָך, חלילה, אָפּלייקענען וואָס אַלע האָבן געזאָגט. וואָס זאָל מען בכן טאָן?

עס איז אַ ביאַליק אונטערנעמונג. אַלע גיסן בוימל אָן אַ סוף און אָן אַן עק, וועל איך קומען און איבערפירן דעם גאַנצן איינדרוק. וואָס טוט מען?... מען האָט געמאָלדן אַ הפסקה, מען האָט זיך באַראָט. איך האָב יאָ באַקומען אַ וואָרט. איך האָב יאָ גערעדט. מען האָט אפילו געפרעגט וואָס איך וויל זאָגן. — איר וועט הערן. און נאָך דער הפסקה האָב איך גערעדט. איך האָב געזאָגט בערך דאָס ווייטערדיקע:

יע. עס איז אמת אַלץ וואָס די פריערדיקע רעדנער האָבן געזאָגט. אָבער „אין צדיק בארץ", ניטאָ קיין דיכטער אָן חסרונות, און דערלויבט מיר אָנצעווייזן אויף איין הויפּט־חסרון ביאַליקס. מען האָט אַזוי פיל גוטס געזאָגט וועגן אים, מעג מען זאָגן אויך עטוואָס וואָס עס פעלט ביאַליקן צו זיין דער פּאָעט פון יידישן פאָלק. זאָל־זשע מיך דערלויבט זיין אָנצעווייזן אויף איין הויפּט־חסרון ביאַליקס. יאָ, עס איז אמת, ביאַליק איז געוועזן דער גרעסטער העברעישער דיכטער פון זיין צייט און אפשר גרעסער פון אַלע וואָס זיינען איצט. אָבער צי איז ער געוועזן דער נאַציאָנאַלער דיכטער פון יידישן פאָלק?

— דאָס איז נאָך אַ גרויסע פראַגע. לאָמיר גיין כסדר. וואָס איז דער אויפגאָב פון אַ דיכטער? פאַראַן איבערלעבונגען פּריוואַטע און פאָלקישע. דער נאַציאָנאַלער דיכטער דאַרף די איבערלעבונגען פון פאָלק איבערגעבן אין ווערטער, אין זאַצן. ער דאַרף די „ניסתרדיקע" איבערלעבונגען פן פאָלק פאַרוואַנדלען אין „ניגלה" דאָס איז ווייט ניט קיין קליינער אויפגאָב: דאָס פאָלק קען ניט אָנרופן זיינע איבערלעבונגען, איז ניט בכוח אַרויסצוברענגען אין ווערטער זיינע איבערלעבונגען. דאָס דאַרפן טאָן די נאַציאָנאַלע פּאָעטן, די דיכטער. דאָס פאָלק אַליין איז שטום, עס קאָן יאָ איבערלעבן אָבער עס האָט

---

אָפּהענגיק הערצאָגטום אין דער יידיש־מלוכה; עס דאַרף ווערן אַן אינטעגראַלער טייל פון אונדזער יידיש־יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. ער מוז זיך צוריק דערנענטערן צום יידיש־סעקטאָר וועלכער האָט אים געגרינדעט, געצערטלט, און דערפירט צו דער איצטיקער חשובער פּאָזיציע. דאָס איז אי אין זיינע אינטערעסן, אי אין די אינטערעסן פון יידיש־יידישן המשך אין אַמעריקע.

ניט קיין פעיקייט אַרויסצוברענגען זיינע איבערלעבונגען אין ווערטער. אַ נאַציאָנאַלער דיכטער איז דער וואָס גיט איבער די איבערלעבונגען פון פאָלק אין ווערטער. און אָט די ווערטער קומען צוריק צום פאָלק און דאָס פאָלק לעבט איבער די פאָלקישע ווערטער און גיט דאָס איבער צו די נייע דורות.

נאַציאָנאַלע איבערלעבונגען גייען פון פאָלק צו די דיכטער. די ווערטער פון שרייבער, פון דיכטער זיינען די פאָרעם צו קאָנסערווירן געפיל, איבערלעבונגען, מען זאָל זיי קענען איבערגעבן פון דור צו דור, פון תקופה צו תקופה — דאָס איז די אויפגאַב פון דור צו דור, פון תקופה צו תקופה — דאָס איז די אויפגאַב פון ליטעראַטור, פון פּאָעזיע. ווער איז אַ נאַציאָנאַלער דיכטער? בלויז דער וואָס פאַרנעמט זיך מיט איבערגעבן די פאָלקישע איבערלעבונגען אין ווערטער צו קאָנסערווירן די איבערלעבונגען מדור לדור. ווען קינדער נעמען זיך איבער מיט די איבערלעבונגען פון אַ קאַפּיטל תנ"ך, פון אַ פּאָעמע, דעמאָלט איז דער קאַפּיטל, די פּאָעמע, אַ נאַציאָנאַלע שאַפונג. זי רופט אַרויס די זעלביקע געפילן ביי דורות און דורות, וואָס האָבן די איבערלעבונג גופא ניט איבערגעלעבט. אָבער די פּאָעמע רופט ביי זיי אַרויס די ענלעכע איבערלעבונגען. איבערגעבן איבערלעבונגען קען מען נאָר דורך ווערטער, די ווערטער זיינען ביי די דיכטערס, אָט אין וואָס עס איז די אויפגאַב פון דער דיכטונג און פון די דיכטערס.

איך דערמאָן זיך: איך פלעג אַריינגיין אין דער ספרים־אָפּטיילונג פון דער סטראַשון־ביבליאָטעק אין ווילנע. איך קום אַ מאָל אַריין אין אַן אַנדער ביבליאָטעק. פולע פּאָליצעס מיט ספרים. זיי זיינען אוצרות פון מענטשלעכן געדאַנק. די מענטשן אַליין זיינען שוין ניטאָ. זייערע געדאַנקען, זייערע געפילן זיינען דאָ אין פאָרעם פון ספרים. איך האָב ליב אַריינצוטראַכטן זיך אין אַן אַלטער גמרא, אין דעם רמבמס אַ שאַרפן זאָג, און איך גיב זיך אַ טראַכט: עס איז דאָך איבערגעגעבן געוואָרן אַ ווייטער און אַ טיפער געדאַנק, וואָס האָט אַמאָל באַפרוכטיקט אַ מוח פון אַ מענטשן. עס איז מיר איבערגעגעבן געוואָרן דער געדאַנק ווי אַן אוצר וואָס איז געלעגן באַהאַלטן אין ספר ווי אין אַ באַנק, געלעגן דורות. און איך, יעקל בן פלעקל, זיץ איצט אין געזעלשאַפט פון רבי עקיבא און רבי טרפון און נעם אַנטייל אין זייער דיסקוסיע... אַן אַזוי אייביקע דורות. גליקלעך און אייביק איז דער, וואָס זיין גייסט איז ניט געשטאָרבן צוזאַמען מיט זיין גוף, נאָר ער בלייבט אין דער אייביקייט, אין ספרים.

אַ נאַציאָנאַלער דיכטער איז דער וואָס זיין דיכטונג איז אַ רינג אין אָט דער קייט פון דיכטונג, פון פאָלק צום דיכטער און פון דיכטער צוריק צום פאָלק. דאָס איז די קולטור־צירקולאַציע וואָס איז אין לעבן פון אַ פאָלק, אַזוי ווי די בלוט־צירקולאַציע איז אין לעבן פון אַ יחיד.

גליקלעך איז דער דיכטער וואָס זיין וואָרט האָט זוכה געווען צו זיין אַ רינג אין דער קייט פון איבערגעבן פון דורות צו דורות. נאָר די שרייבערס און די דיכטערס קענען אָנגערופן ווערן נאַציאָנאַלע, וואָס זייערע שריפטן גייען אַזוי אַריבער פון דור צו דור. ווייט ניט אַלע שרייבערס האָבן צו דעם זוכה געווען. צי האָט ביאַליק זוכה געווען צום טיטל „נאַציאָנאַלער דיכטער"? מיט זיינע „משירי העם" זיכער יאָ; מיט די אַנדערע — גרויסער ספק. ביאַליק איז אין זיינע שטאַרקסטע לידער געגאַנגען אין די וועגן פון אַלע העברעישע דיכטערס און קריטיקירט דאָס פאָלק וואָס גייט ניט אין די וועגן וואָס זיי האַלטן פאַר ריכטיק. בכן, ניט דער דיכטער גייט אין די וועגן פון פאָלק, נאָר דאָס פאָלק וואָלט געדאַרפט גיין אין די וועגן פון דיכטער.

אין זיין שטאַרקסטער פּאָעמע, וואָס ביאַליק אַליין האָט איבערגעזעצט אויף יידיש, נאָכן פּאָגראָם אין קישינעוו „בעיר ההרגה" (אין דער שחיטה־שטאָט") קריטיקירט ביאַליק דאָס יידישע פאָלק פאַרוואָס עס קומט אויף מאָרגן נאָכן פּאָגראָם אין בית מדרש און עס מאַכט זיך שולדיק. ווער ביי וועמען דאַרף בעטן סליחה ומחילה — צי די יידן ביי גאָט אָדער גאָר פאַרקערט — גאָט ביי זיין פאָלק? ביאַליק האָט ניט פאַרשטאַנען, ווי אַלע שרייבערס אין יענע צייטן — „אַ פּויסט ווו איז?". עס האָבן זיך טאַקע אָרגאַניזירט אין אַלע יידישע

שטעט און שטעטלעך „זעלבסטשוץ גרו־
פּעס", וואָס האָבן געקעמפט קעגן די
פּאָגראָם־מאַכערס. צי געפינען מיר, פּאַר־
קערט, ביי ביאַליקן כאָטש איין שורה,
וואָס זאָל באַגייסטערן אָט די דאָזיקע
זעלבסטשוץ גרופּעס ווי ער — ביאַליק —
האָט געוואָלט און געפאָדערט? ווי קומט
עס וואָס אויף מאָרגן נאָכן פּאָגראָם קומען
יידן ווידער אין שול און זיי זאָגן „אשמנו"
— זיי זיינען גאָר שולדיק; יענע, די פּאָ־
גראָם־מאַכערס, זיי זיינען די צדיקים און
די יידן האָבן עס גאָר געזינדיקט. אין
איינעם פון זיינער לידער פון יענעם ציקל
„פון צער און צאָרן" שרייבט ביאַליק:

„הימלען! אויב גאָט איז פאַראַן אין
אייערע טיפן,
און איך האָב אים אומזיסט גערופן..."

שוין ניטאָ קיין גאָט, ער קען שוין ניט
דאַוונען צום יידישן גאָט, וואָס דער־
לאָזט צו פּאָגראָמען. ווי וואָלט
דאָס יידישע פאָלק היינט געהאַלטן, ווען
מען זאָל גיין אין די וועגן וואָס ביאַליק
האָט געהאַלטן פאַר ריכטיקע? ווער איז
געווען גערעכט: דאָס יידישע פאָלק, וואָס
איז נאָכן פּאָגראָם געקומען אין שול און
געזאָגט „אָשמנו"? איך דערמאָן זיך ווי
אַ קינד פון שול האָט מיך געפרעגט:
„לערער, וויפל דאַרף איך באַצאָלן פאַרן
ביכל וואָס די פּאָגראָמשציקעס האָבן ביי
אונדז נעכטן צעריסן?" ווער איז טאַקע
גערעכט: צי ביאַליק, וואָס מיינט אַז נאָכן
פּאָגראָם דאַרפן שוין גאָר זיין אַנדערע
חשבונות, אָדער דאָס מיידעלע, וואָס האָט
געמיינט אַז אירע עלטערן דאַרפן דער
שול באַצאָלן פאַרן שול־ביכל וואָס די
פּאָגראָמשציקעס האָבן צעריסן? ווער איז
טאַקע גערעכט: דאָס קליינע מיידעלע, צי
ביאַליק, וואָס האָט גענומען ספקן צי
סאיז דאָ אַ גאָט, אָדער אפשר ש. פרוג,
וועלכער האָט דעמאָלט געשריבן אין אַ
פּאָעמע:

„ברידער, שוועסטער! גרויס און
ביטער איז די נויט.
גיט די טויטע אויף תכריכים,
גיט די לעבעדיקע אויף ברויט."

ביי פרוגן איז גאָר די צייט צו קלאַפּן
אין פושקע: „צדקה תציל ממות." וועלן
מיר לאָזן פרוגן קלייבן נדבות, און נאָר
משפּטן צווישן ביאַליקן און יענע קליינע
מיידעלע, וואָס האָט געמיינט אַז זי דאַרף
באַצאָלן פאַרן ביכעלע וואָס די פּאָגראָמ־
שציקעס האָבן צעריסן. מיר דוכט זיך
פּונקט אַז גערעכט איז דאָס מיידעלע.

איך האָב אין יענע צייטן דורכגעבלע־
טערט אפשר די גאַנצע ליטעראַטור פון
יידן אויף דער טעמע פון פּאָגראָמען וואָס
גויים מאַכן. יידן פירן ניט קיין חשבונות
מיט די דירעקטע פּאָגראָם־מאַכערס. לאָ־
מיר דאָ דערציילן אַ זייטיקע זאַך: נאָך
די פּאָגראָמען אין אַכציקער יאָרן האָט
די פעטערבורגער „מפיצי השכלה" אָנ־
געפּרעגט ביי אַן אָהעסער יידישן בילדונג־
טוער פאַרוואָס ער האָט זיך באַזייטיקט
פון דער אַרבעט? ער האָט געענטפערט:
אויב דאָס רוסישע פאָלק איז נאָר פעיק
אויף פּאָגראָמען, זעט ער ניט קיין אויפ־
גאָב צו אַסימילירן יידן זיי זאָלן זיין ווי
די רוסן... קיין אַנדערע אויפגאַבן ווי
אַסימילאַציע האָט יענער דאָקטער מאַר־
גאָליס (ד"ר פינסקערס אַ חבר) ניט געזען.
יאָ, יענע פּאָגראָמען האָבן געראַטעוועט
אַ סך אַסימילאַטאָרן: פינסקער איז גע־
וואָרן אַ „חובב ציון", דער ווילנער לע־
וואַנדע איז געוואָרן אַ העברעער, און נאָך
אַזוינע. די פּאָגראָמען האָבן אויסגעניכ־
טערט אַ סך אַסימילאַטאָרן. ניטאָ וואָס
צו אַרבעטן כדי יידן זאָלן ווערן ווי רוסן,
וואָס זיינען גרויסע בריות מיט אַ האַק
און דאָס איז די קולטור זייערע. דאָס איז
דער אויספיר וואָס עס האָט געמאַכט ד"ר
פינסקער. אויף דעם וועג זיינען אַוועק
די טיפערע, די בעסערע פון די אינטעלי־
גענטן צווישן די יידן.

האָבן זיי זיך אומגעקערט צו זייער
פאָלק וואָס איז געווען אַרום זיי? דאָס
ניט, דאָס איז געווען צו ווייט פון זיי, צו
פרעמד איז דאָס אַרומיקע פאָלק געווען
פון זיי. זיי האָבן זיך יאָ אומגעקערט
צום יידישן פאָלק פון פאַרצייטן, פון
אַמאָל, צו די פאַרצייטיקע יידן וואָס מען
האָט זיך געקענט זיי פאַרשטעלן ווי מען
האָט געוואָלט. זשאַבאָטינסקי האָט אַמאָל
געשריבן אַן אַרטיקל: „די פאַרצייטיקע
יידן האָבן דאָך געוויס גערעדט העברעיש
שענער ווי די היינטיקע יידן." דאָס דעקט

אויף אַ סך פון דער פּסיכיק פון דער יידי־
שער אינטעליגענץ. די אינטעליגענץ
האָט ניט ליב געהאַט קיין יידן. קיין זאַך
וואָס יידן האָבן געטאָן איז געווען גוט
אין זייערע אויגן. וואָלטן יידן גערעדט
העברעיש, וואָלטן עס די אינטעליגענטן
ניט ליב געהאַט. זשיטלאָווסקי האָט עדות
געזאָגט, אַז יידישע מיידלעך האָבן זיך
ניט געשעמט צו פאַרשפּרייטן פּראָקלאַ־
מאַציעס וואָס האָבן באַרעכטיקט פּאָגראָ־
מען אויף יידן („צוקונפט", זומער 1929).
אַזוי ווייט איז די רעוואָלוציאָנערע יידי־
שע יוגנט געווען פון יידישן פאָלק. טראָצקי
האָט געשטאַמט פון יידן, האָט אָבער ניט
געהאַט קיין שום אינטערעס אין יידישן
פאָלק. זיין לעבן האָט ער אָוועקגעגעבן
דעם רוסישן פאָלק. אָפּרייסן זיך פון יידן
האָט מען געקענט. אַריינדרינגען אין
רוסישן פאָלק, ווי מען האָט געוואָלט,
האָט מען אָבער ניט געקענט. אפילו שמד
האָט ניט געהאָלפן, סיידן דעם צווייטן
אָדער דריטן דור.

האָט ביאַליק געוואָלט אַ רעוואָלט קעגן
גאָט, וואָס דערלאָזט גאָר צו פּאָגראָמען...
סיידן עס איז גאָר ניטאָ קיין גאָט. ניין,
יידן האָבן אַנדערש געקוקט אויף די פּאָ־
גראָמען און אויף די פּאָגראָם־מאַכערס.
אַז אַ היישעריק באַפאַלט אַ לאַנד און מאַכט
אַ חורבן פון אַלץ און לאָזט נאָך זיך
הונגער, קען מען דען אין כעס זיין אויפן
היישעריק? מען קען בלויז זוכן מיטלען
זיך צו ראַטעווען, אָבער ניט פירן קיין
חשבונות מיטן היישעריק. אַז וועלף
באַפאַלן אַ פורמאַן איז דאָ בלויז איין וועג
— שיסן, אָבער ניט קיין אַנדער וועג.
מיט וואָס זיינען די פּאָגראָם־מאַכערס
העכער, שכלדיקער און מענטשלעכער
פון יענע וועלף, וואָס באַפאַלן ווינטער
פאַרערס? אַזוי האָבן יידן געקוקט
אויף די פּאָגראָם־מאַכערס, הינט אַנגע־
רייצטע, באַפרייטע פון די קייטן.

דער חשבון גייט ניט מיט די הינט,
נאָר מיטן באַלעבאָס פון די אָנגערייצטע
הינט. דער באַלעבאָס פון די הינט איז
דער שולדיקער. דאָס איז געווען די אַלטע
לאָגיק פון יידישן פאָלק און דאָס האָט
געפירט צו חשבונות מיט גאָט, „חטאנו
לפניך." דאָס איז ביאַליקן ניט געפעלן,
ווי אַלע אַנדערע יידישע דיכטערס וואָס
זיינען אַוועק פון דער טראַדיציע. ביאַליק
האָט ווי אַלע אַנדערע יידישער שרייבערס
דערזען און ניט באַנומען די טיפע יידיש־
קייט, וואָס יידן זיינען דירעקט נאָכן פּאָ־
גראָם געקומען אין שול אַריין, זיך אויס־
געוויינט פאַר גאָט, און זיי איז געוואָרן
גרינגער אויף דער נשמה. האָט ביאַליק
ניט פאַרשטאַנען דאָס וואָס יידן ריידן זיך
אויס מיט זייער גאָט? האָט ער ניט פאַר־
שטאַנען דעם מהות פון יידישן אויסוויינען
זיך פאַר גאָט? האָט ער ניט פאַרשטאַנען
די אייביקע פּסיכיק פון יידישן פאָלק?
ווי קען ער זיין אַ נאַציאָנאַלער דיכטער
פון יידישן פאָלק און ניט פאַרשטיין די
אייביקע פּסיכיק פון פאָלק? אַ נאַציאָנאַ־
לער דיכטער וואָלט געדאַרפט די פּסיכיק
פון פאָלק אַנדערש באַנעמען, אַנדערש
אויסטייטשן. ביאַליק האָט דאָ פּשוט
איבערגעחזרט די אוראַלטע פראַזע:
„חטאנו צורנו, סלח לנו יוצרנו." וואָלטן
יידן ניט געהאַט די פּסיכיק וואָלטן זיי
לאַנג ניט אויסגעהאַלטן דעם ביטערסטן
אייראָפּעישן גלות. קיין איין גלות איז ניט
געווען אַזוי ביטער און אַזוי בלוטיק ווי
דער אייראָפּעישער, און יידן האָבן אויך
דעם גלות אויסגעהאַלטן נאָר מיט דעם
„אבינו מלכנו חטאנו לפניך!"

ביאַליק האָט עס געמוזט פאַרשטיין און
באַנעמען צוזאַמען מיט אַלע פּשוטע יידן
און ער האָט עס ניט באַוויזן. ער איז
געגאַנגען מיטן וועג פון אַלע העברעישע
דיכטערס ביז אים. האָט ער ניט אויס־
געדריקט אין ווערטער דעם פאָלקס
שטומע געפילן, האָט ער ניט געקאָנט זיין
קיין נאַציאָנאַלער דיכטער פון יידישן פאָלק.
טאָר מען אים דעם טיטל ניט געבן. טאַ־
קע אַ פּאָעט בחסד עליון אָן קיין ספק,
אָבער דעם פאָלקס איבערלעבונגען האָט
ער ניט איבערגעזעצט אויף דער שפּראַך
פון ווערטער. במילא איז ער ניט געווען
קיין „דיכטער פון יידישן פאָלק".

ביי ביאַליקן איז פאַראַן אַ גרויסער
דיסטאַנץ צווישן דעם פאָלקס איבערלע־
בונגען און דעם דיכטערס.

דער גרעסטער העברעישער דיכטער
פאַר ביאַליקן איז געווען יהודה לייב גאָר־
דאָן, יל"ג. ווי עס קומט אָבער צו היינ־

טיקע יידן, קריטיקירט ער, געפינט ער ניט קיין גענוג ווערטער פון קריטיק. ער האָט ניט געזען קיין מעכטיקייט ביים יידישן פאָלק, בלויז נעגאַטיווס. האָט אים גאָט געשטראָפט. יל״ג שרייבט אין אַ פּאָעמע: „צי בין איך ניט דער לעצטער העברעישער דיכטער?״ האָט אים גאָט געשטראָפט: ניט נאָר דער לעצטער העברעיִשער דיכטער, נאָר דער לעצטער ייד אין דער משפחה, ווייל גלייך נאָכן טויט פון דיכטער איז דער איינציקער זון אַוועק און פאַרקויפט דעם טאַטנס פּאָעזיע צו אַ פאַרלעגער, און אַליין איז ער אַוועק און זיך געשמדט. ביאַליק איז ניט אַזוי געשטראָפט געוואָרן. ער האָט ניט געהאַט קיין קינדער. אָבער צי האָט ער געגעבן אַן אויסדרוק דעם פאָלקס איבערלעבונגען? דאָס אויך ניט. ער האָט ניט געזען אין די דירעקטע פּאָגראָם־מאַכערס דאָס וואָס דאָס פאָלק האָט געזען, האָט ער במילא ניט געקענט אויסדריקן אין ווערטער די איבערלעבונגען פון פאָלק. בכן האָט ער ניט געקענט זיין דער נאַציאָנאַלער דיכטער פון פאָלק.

דאָס פאָלק האָט געגעבן ביאַליקן אַלץ וואָס עס האָט געקאָנט — רחוב ביאַליק, בית ביאַליק, דאַכט זיך אויך כפר ביאַליק. צי האָט אָבער ביאַליק געגעבן דעם פאָלק אַלץ וואָס ער האָט געדאַרפט געבן? דאָס ניט. ביאַליק איז געווען אַ ציוניסט. די לעצטע פערצן יאָר פון זיין לעבן האָט ער געלעבט אין ארץ ישראל. אין דעם אויפבוי פון ישראל זיינען געווען אַן אַ שיעור העלדישע מאָמענטן. האָט ער אָנגעשריבן כאָטש איין פּאָעמע וועגן די גבורות פון פאָלק און אויפבוי פון ישראל? כאָטש איין ליד וועגן אויפבויען אַ יסוד פון אַ קאָלאָניע אין איין נאַכט כדי די ענגלענדער זאָלן שוין ניט קאָרן אַראָפּטרייבן? פון גאַנצן גלות האָט ביאַליק געגעבן בלויז „עיר לישטין״, אַ פּאָעטישע שטיפעריי, וואָס איך ווייס גאָר ניט צי ביאַליק אַליין האָט עס אַרייננעגומען צווישן זיינע לידער. פאַר די גאַנצע פערצן יאָר פון זיין זיין אין ארץ ישראל האָט ער גאָר ניט מיט עפּעס באַזונגען דעם אויפבוי פון ישראל. עס זיינען געקומען יידן אין אַ ווילד לאַנד, אין אַ קראַנק לאַנד מיט כאַראַראַ (אַ הויטקראַנקייט) און קדחת, מיט שאַקאַלן און גיפטיקע סקאָרפּיאָנען, און יידן האָבן עס געמאַכט פאַר אַ געזונט לאַנד, אַ פּרוכטבאַר לאַנד. און ביאַליק האָט עס געזען. צי האָט ער כאָטש איין ליד וועגן דעם אַלעם? צי איז עס ניט ווערט געווען ביאַליקס אַ ליד?

כ׳האָב געהערט אַמאָל אַ רעדע פון אַ ירושלימער פּראָפעסאָר: „פון ביאַליקן וועלן מיר נעמען נאָר די ווערטער, ניט דעם אינהאַלט. דער אינהאַלט איז כולו גלות. ניין, ביאַליק איז געשטאָרבן אַ בעל־חוב דעם יידישן פאָלק, אַ בעל־חוב זיין אייגענעם ציוניסטישן אידעאַל. ער האָט ניט געגעבן קיין פּאָעטישן אויסדרוק פון אויסהאַלטן דעם ביטערן גלות און האָט אויך ניט געגעבן פּאָעטישן אויסדרוק די יידישע גבורה פון אויסבויען די מדינה.

וועגן אַלע רעדאַקציע ענינים פון ,חשבון״

זיך ווענדן צו:

SOL SCHLOSSER

1108 South Clark Drive Los Angeles, Calif. 90035

ד"ר ישראל שטערן / מאָנטרעאַל

# רחל ה. קאָרן — "פאַרביטענע וואָר"

„...אַלץ אַרום ווערט פול מיט פייערלעכן שווייגן,
...אין אַ סאַלוט
צו אייערע גאָט־געבענטשטע אַכציק יאָר."
(רחל ה. קאָרן: „אויף דער שאַרף
פון אַ רגע", ז' 45).

## א.

בקרוב וועט מען אין דער יידישער קולטור־סביבה פייערן רחל קאָרנס אַריינטרעטן אין די גבורות, עד מאה ועשרים שנה, אכי"ר. ס'איז דעריבער פּאַסיק אָנצוהייבן מיט עטלעכע ביאָגראַפישע נאָטיצן, און אַלגעמיינע באַמערקונגען, איידער מיר זענען מעיין אין גוף הספר.

רחל קאָרן איז געבאָרן געוואָרן אין פּידליסיק, אַ דאָרף לעבן פּשעמישל, גאַליציע, אין 1898. זי איז געווען די עלטסטע פון דריי קינדער ביי אירע עלטערן, זאב און חנה האַערינג, יידישע גוטבאַזיצער. איר פאָטער איז געווען אַ ייד, אַ משכיל, און האָט אַליין מחבר געווען העברעישע שירים. צו צוועלף יאָר האָט זי אָנגעהויבן צו שרייבן דערציילונגען און לידער, אויף פּויליש. אין 1918 האָט זי דעביוטירט מיט צוויי דערציילונגען אין דער פּוילישער שפּראַך. אין יידיש האָט זי דעביוטירט אין 1919, אין גאַליצישע טאָגבלעטער.

כאָטש זי איז גאָר יונג פאַריתומט גע־געוואָרן פונעם פאָטער, האָט דאָס געזונטדאָרפישע, לעבנסלוסטיקע, משפּיע געווען אויף אירע פריע שאַפונגען. ביי אירע ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור, סיי אין פּראָזע, סיי אין ליד, איז דאָס געוואָרן איר קענצייכן. ס'האָט איר געגעבן אַ ספּעציפישן, וויטאַלן קאָליר, טעם און אַראָמיט וועלכן דער יונגער לייענער — פון די סוף 1920ער, אָנהייב 1930ער — האָט אויפגענומען מיט פרייד ווי דעם אויפשטייג פון נייעם, געזונטן מענטש און ייד, אַן אַדערויף אויף דעם ליכטיקן מאָרגן.

נישט געקוקט אויף דעם דעמאָלטיקן ביטערן און חושכדיקן מצב פון ייד און מענטש, האָט פאָרט געשיינט די האָפונג אויף אַ ליכטיקן מאָרגן, אין וועלכן מען האָט באמת געגלייבט. רחל קאָרנס סאָציאַלער ראַדיקאַליזם — פאַר וועלכן זי האָט אפילו מיט תפיסה באַצאָלט — האָט זי נאָך מער דערהויבן אין די אויגן פון דער יידיש־לייענדיקער, ראַדיקאַלער יוגנט.

די יאָרן 1915 1918 האָט רחל קאָרן פאַרבראַכט אין ווין, ווי פיל טויזנטער גאַליצישע יידן — מלחמה־פּליטים. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז זי געווען צווישן די ווייניקע שרייבערס וועלכע האָבן זיך נישט געריסן צו די ליטעראַטור צענטערס. זי איז געבליבן היטן איר היים־נעסט אין דער פּראָווינץ־שטאָט פּשעמישל. אין 1939 איז זי איינגעגלידערט געוואָרן אין דער יידיש־סאָוועטישער שרייבער־משפּחה. זינט דעם סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה וווינט זי, צוזאַמען מיט איר טאָכטער, איידעם און אייניקלעך, אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע.

## ב.

עס איז דער נאַטירלעכער פּראָצעס, אַז מענטשן זאָלן זיך ענדערן מיטן לויף פון דער צייט. און, שרייבערס זענען נישט קיין יוצא־מן־הכלל. טייל קריטיקערס, און ליטעראַטור־פאָרשערס, פאַרנעמען זיך דער עיקר מיטן פעסטשטעלן די באַזונדערע פּעריאָדן אינעם שאַפן פון אַ שרייבער.

אונדזער דור איז אָבער פאַרשאָלטן געוואָרן מיט דער גרויסער בראָך. זענען מיר דעריבער עדות נ י ש ט צו דעם פענאָמען פון בהדרגהדיקער ענדערונג, נייערט צו אַ שאַרפן איבערבראָך אין לעבן און שאַפן פון שרייבער.

רחל קאָרן, פון נאָכן חורבן, איז געוואָרן אַ „נגידיתטע פון טרויער“, און האָט אויף זיך גענומען צו ווערן אַליין/איר (מאַמעס) געווין.“ זי „מעסט די צייט / מיט יאָר־צייט־ליכט“, זעט ווי „דער ווינט טראָגט בריוו / צו אויסגעמעקטע אַדרעסן—“, הערט דאָס געוויין פון חפצים און זאַכן / פאַרשלעפּטע פון יידישע היימען“, קלאָגט איבער נעמען „וואָס קיינער וועט שוין קיין מאָל נישט דערמאָנען“, און וועלכע זיצן שבעה נאָך זיך אַליין. די קדושים לאָזן זי אויך נישט צו רו אין אירע קאָשמאַרן.

אויף דער וואַך, בלאָנקעט זי און נישטערט צווישן די שורות פון דער רובריק „קרובים געזוכט“. „נאָר ס׳קערט זיך — אום אַ לײדיקער (איר) בליק / צו אַ ליידיקער שעה / — קיינער נישטאָ —“. פאַרביטערט ביז יאוש, שרייט זי אויס איר פּראָטעסט — אַ זעלטנקייט ביי איר — „זאָל מען כאָטש פון אויבן / אויסרופן מיין נאָמען — / ס׳ווערט געזוכט פון פאָטער, ברידער און דער מאַמען — / ז״ל בת זאב און בת חנה.“

אַ מאָל איז זי אַזוי נאָענט צו גאָט, אַז זי פילט זיין „אָטעם אויף (איר) מידן פּנים, / וואָס איז נאָך נאַס פון נאַכטישן געוויין“. אָבער, אָפטער איז זי אַזוי פאַרגאָזן ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער אין חלום אָן אַ סוף.“ פאַר אַן אָנשפּאַר, מ׳שטייגס געזאָגט, איז איר געבליבן דער „פרווו זיך אָנהאַלטן ביים נע־ונדן טרויער“, וואָרן דער נע־ונד איז זייער בשותפותדיקער גורל. ווידער אַ מאָל, רייסט זיך ביי איר אַרויס דער פּראָטעסט: „ווי אַ קינד אין וויקלשנורן, אין יאָרצייטן פאַרוויקלט, / וואָס שטעכן זיך אַריין אין הימל מיט געצונדענע לעכט, / שטיי איך פאַר דיר, מיין האַר, און שעפּטשע מיט צעבערענטע ליפּן: / — דאָס איז דיין ווילן — נאָר, צי ביסטו אויך גערעכט? — “

טייל מאָל קערט זיך רחל קאָרן אום צו דער אָפּשיין פון איר „אַמאָל“, וואָרן „(איר) היים / הענגט / אויף דער שאַרף פון אַ רגע /... אויף דינעם שפּינוועבס / פון דערמאָנונג.“ די דערמאָנונג, אויף דער שאַרף פון דער רגע, שניידט און צעבלוטיקט ווי די שאַרף פון אַ חלף, פאַרשווינדט כהרף־עין, מיט פלאַמיקער בענקשאַפט, אין גראָען טרויער אַריין.

דאָס מיינט, אַז אפילו ווען זי פאַרוואַנדלט זיך אין דער „טרויעריק־שיינער בת מלכה פון איר אייגן קינדערלאַנד“ און מעסמעריזירט אונדז מיט איר ראָמאַנטישער מוזיק און אימאַזש, „אין אַ זומערדיקער נאַכט“; ווען זי פירט אונדז צום „תמוזדיקן אינדערפרי (ווען אויף איר פאָטערס) פעלדער איז געשטאַנען רייף צום שניט די תבואה“; אָדער, ווען זי ברענגט אונדז — אין אַ מעכטיקער נאַטור־מאַלעריי, אין פאַרגליווערטער צייט — צום הויז, צום אַלטן סאָד, ווו אַלץ איז „ווי קריק מיט קנאַפּע זעכציק יאָר“; „האָט די לבנה דערמאָלט שוין (אַלץ) געוווּסט“, און ווי זי וואָלט דערשראָקן זיך אַליין האָט זי פאַרשטעלט איר פּנים מיט אַ כמאַרע.“ די נעפּלען פון טרויער פאַרשלייערן די גאָלדן־זוניקע, אָדער לבנה־כישופדיקע דערמאָנונגען.

אויפן וועג קריק באַגעגענען זיך, אין חלום, „דאָס יונגע מיידל מיט צעלאָזטע האָר / און די פרווי פון קנאַפּע זעכציק יאָר.“ פייניקט די באַגעגעניש פון נעכטן מיטן היינט ביז“... עס האָט דער חלום זיין וויע פאַרמאַכט / איבער אַ לאַנגער און טרייסטלאָזער נאַכט.“

אפילו אין די זעלטענע שפּילעוודיקע לידער כאַפּט זיך אַריין דער טרויער, וואָרן „עס זומערט, עס חשוונט, עס ווינטערט, / נאָר דער פרילינג פעלט דאָ אין דער מיט.“

אויב דער וועג אויף קריק איז איבערגעבראָכן, פרווווט יעדע שורה זי „פאַרנאַרן אין איר אייגענעם גבול און צייט.“ זי הערט דעם היימישן, זיס־דאָרפישן: „אַ כויטשע, כויטשע — נאָך אַ טריט, אַ טרײטל, / עס איז נישט ווייט די שוועל ביים נידעריקסטן הויז.“ דעמאָלט איז די מאַמע געשטאַנען איבער איר, געהיט איר ערשטן טראָט. איצט, ווערט די דאָרפישע, לעבנסלוסטיקע רחל געלאָקט צו דער איבערערדישער „אויף יענער זייט...“ צו דער „סטעזשקע אין דער הייך“. אַ סימן, ווי נמאס און ביטער ס׳איז איר זער רעאַלער „הי־איצט“ — די פאַרביטענע וואָר. זי איז „פאַרפאַלן געוואָרן“ און „זוכ(ט) זיך אַליין, / (איר) אייגענע שפּור / אין דער פאַרביטענער וואָר.“

אָבער, סכנה לאָקערט אויף איר אויך
אויף דער „סטעזשקע אין דער הייך.״
וואָרן, דאָרט וואַרט אויף איר אַ מלאך,
וואָס וויל זי זאָל״... ווערן / ווי ער, /
אָן שמייכל, / אָן טרויער, / אָן טרערן.״

### ג.

אייניקע האָבן געהאַלטן, אַז רחל קאָרן פון פאַרמלחמהדיקן פעריאָד איז אין תוך אַ פּראָזאַיקערין, (זע, מלך ראַוויטש: „מיין לעקסיקאָן״, ב.1, ז׳ 240).

זינט דער מלחמה האָט רחל ה. קאָרן פאַר־עפנטלעכט זיבן ביכער פּאָעזיע, און בלויז איין באַנד דערציילונגען. אין פאַר־מלחמהדיקן פעריאָד, האָט אויך דאָמינירט די פּאָעזיע. קומט דעריבער אויס, אַז אויב מיר זאָלן משפּטן לויט דער צאָל פאַרעפנטלעכטע ביכער, איז זי אין תוך אַ פּאָעטין, און דאָס אַ פּאָעטין פון־און־מיט־גאָטס־גענאָד. וואָרן, פּראָזאַיש איז איר פּאָעזיע זיכער נישט, על־כל־פּנים נ י ש ט אין נאָכמלחמהדיקן פעריאָד.

רחל קאָרן באַנוצט זיך אי מיט קאָנ־ווענציאָנעלע פאָרמען, וואָס פאַרמאָגן ריטם, גראַם, און אי מיט פרייען פערז. אָבער, אפילו ווען דער פערז פליסט פריי, טוט זי ערגעץ ווו אַריינוואַרפן אַ גראַם פאַר ווילקלאַנג־וועגן. ווי די היימישע כלי־זמר פלעגן זאָגן: „אַט האָט איר געהאַט אַ פיינעם צושפּיל.״ אירע שורות זענען מוזיקאַליש מיטן כוח פון אַליטעראַציע און אַסאָנאַנס. זי איז באַלעטמעסיק, גראַ־ציעז; טייל מאָל עמכדיק, אידיאָמאַטיש, פילטייטשיק, און ביטער־קלוג; זי מיידט אויך נישט אויס דאָס פּסיכאָלאָגישע, אָדער סור־עאַליסטישע, „פּוניענערזייטי־קע...״ אירע פאַרגלייכן און מעטאַ־פאָרן קאָלירן, שניצן און קריצן אויס דאָס בילד. מען טרעפט ביי איר פערזן וואָס פאַרמירן איין לאַנגאָטעמדיקן מעטאַפאָר.

אויף איר כוח פון זעאונג, און ברענגען דאָס צום אויג פון לייענער דורך מייס־טערהאַפטע אימאַזשן, קריגט קיינער נישט. לדוגמא: „ווי עמעץ וואָלט צע־טרענט און באַלד צוריק פאַרנייט / אַ יעדן זוים / פון מלכותדיקן קלייד, / אַזוי פעלבלען זיך די כוואַליעס בלאָלעך־גרינע/ מיט אַ ווייסן, פערלדיקן שוים —/ שפּיצן אײדלסטע אויף ברייטער קרינאָלינע.״

אַחוץ דעם, איז זי געבענטשט מיטן טאַ־לאַנט צו געפינען געלונגענע אויסדרוקן וואָס פאַרמאָגן מיט זייער אָריגינעלקייט. פאַרשטייסט, טייל מאָל, נישט ווי ס׳איז מעגלעך געווען אַזעלכס אָנצושרייבן. שטייסט פאַרחידושט און איבערראַשט: פון וואַנען קומען זיי צו אַ בשר ודם, פון וואַנען האָט מען זיי אַראָפּגעצויגן?

לדוגמא:

„ס׳צעקלינגט זיך אַ שעה
און נעמט די מאָס פונעם שטח
צווישן דער ערד און דעם הימל.

בלויז דאָס וואָרט,
...נעמט די מאָס
פון איינזאַמקייטן אַלע,
וואָס ווערן דורך אים נתגלה.

אַ וואָרט וואָס האָט פאַר מיר
די גאַנצע ערד צעהימלט.

איבער מיין קאָפּ
צעטיילט דעם הימל מיט אַ שרינט
פון ווילדע גענדז די טונקעלע שורה.

דאָס יונגע ביימל...
שפּילט זיך מיט אייגענעם שאָטן,
ווי מיט דער שלעפּ פון אַ קלייד.

דער ווינט נעמט די מאָס פון
גערונצלטע שטאַמען.

אַ מלאך וואָס האָט זיך דערטרוימט
צו דער פּשוטער ערד.״

דאָס איז בלויז אַ קאַרגער, צופעליקער אָפּקלייב פון אויסדרוקן און בילדער. עס איז גענוג צו געדענקען די טיטלען פון אירע לעצטע ביכער, דהיינו: „פון יענער זייט ליד״, „די גנאָד פון וואָרט״, „אויף דער שאַרף פון אַ רגע״, און „פאַרביטענע וואָר״. „פון יענער זייט ליד״ איז געוואָרן אַ שם־דבר, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה „פון יענער זייט...״ אויך ביי פיל אַנדערע שרייבער. דאָס זעלבע צו הערן פון די אַנדערע טיטלען, וואָס זיינען פאַר זיך אַליין איינשורהדיקע לידער, מיט אַ טיפן און צעצווייגטן, פילטייטשיקן מיין.

רחל קאָרן קומט אַ יישר־כוח פאַרן

פאַרהיטן פון שכחה די לאָקאַליזמען, די זאַפּטיקע. זי שעמט זיך נישט צו גראַ־מען לויט דער גאַליציאַנער אויסשפּראַך, ׳לעכט׳ מיט ׳גערעכט׳, וכדומה; צו נוצן ׳גראָעם׳, ׳פּיסנע׳, ׳פּאַרוווטינע׳, ׳צע־מערכן׳, און אַנדערע נישט צו צעפּיעש־טשעטע, אָבער דערפאַר באַטעמטע ווער־טער, וועלכע די אַזוי־גערופענע „כלל־שפּראַך לאָזט נישט אַריבער דער שוועל. זי איז איינציייטיק אי וואָרט־שעפּעריש, אי וואָרט־אָפּהיטעריש.

עס איז געוואָרן רוטין, אַז אַ יידישער שרייבער וואָס איז עולה־רגל קיין ישראל זאָל פילן אַ חוב אָנצושרייבן עפּעס פּאַט־ריאָטיש. דער הידד־טאָן לאָזט טייל מאָל איבער אַ בייגעשמאַק און אַ ביי־דערמאָנונג... רחל קאָרנס לידער וועגן ישראל געהערן זיכער נישט צו דעם מין. זיי זענען געוואָרן שורשדיק ישראלדיקער פון בוך צו בוך. אָבער דאָך האָט זיך דיר געדאַכט אַז דאָ און דאָרט וואַרפט דיך דער אימאַזש אַריבער צו דער פּוילישער לאַנד־שאַפט. וואָרן אין פּוילן, אין גאַליציע איז איר וויגעלע געשטאַנען און דאָרטן איז זי פאַרוואָרצלט אויף אייביק אין איר דמיון, נישט געקוקט אויף אַלעם ביזן וואָס ס׳איז געשען.

רחל קאָרנס ליד דערגייט צו „יענער זייט ליד.״ עס דערגייט צו דעם חלפדיקן שניט, אויף יענער זייט פאַרשווינדנדיקער מוזיקאַלישער נאָטע, וואָס שיידט זיך אָפּ פונעם אינסטרומענט פון מייסטער. מען מוז צו מאָל אויפהערן לייענען, אָדער הערן, צוליב דער אומגעהייערטקייט פון ווייטיק. ווייל, אָט־אָט, און דאָס האַרץ איז חלילה עלול צו פּלאַצן. זי איז די מייסטערין פון גרויס־שיינקייט און טיף־טרויער. נישט אומזיסט זיצט זי — אפילו אין אונדזער פלעבעישער צייט — אַ גע־קרוינטע משוררת אויפן טראָן פון יידישן ליד.

## ד.

דאָס בוך „אויף דער שאַרף פון אַ רגע״ האָט פאַרמאָגט אַ ציקל לידער אונטערן נאָמען „פאַרביטענע וואָר״. איצט זענען מיר באַרייכערט געוואָרן מיט אַ גאַנץ בוך וואָס טראָגט דעם זעלבן טיטל. עס איז זייער דערפרייענדיק וואָס רחל ה. קאָרן האָט באַוויזן אַרויסצוגעבן אָט דאָס בוך נאָך דער שווערער קראַנקהייט מיט וועל־כער זי איז געשלאָגן געוואָרן אין צווישן די צוויי דערמאָנטע ביכער. איר ממשיך זיין צו שאַפן, נישט געקוקט אויף די גרוי־סע שוועריקייטן, איז פאַר אונדז אַ גוטער סימן אויף געזונט. מיר ווינטשן איר אַ רפואה־שלמה און אַ גוט געמיט.

מען קען אויסטיילן מער ווי איין פאַר־ביטענע וואָר אין דעם בוך „פאַרביטענע וואָר״, און אויך אין רחל קאָרנס פריער־דיקע ביכער. די וואָר פון דעם ציקל „אין דעם פאַרהוילענעם קרייז״ איז מער־סטנס אַ הינערפלעטישע. „דאָס אַלץ וואָס איז געווען גרייט און אונטערטעניק / צו דעם מינדסטן ווונק / פון (אירע) חושים, גלידער, / האָט זיך איצט אָפּגעשיידט אין אַ ווילדער מרידה.״ און „אויף באַ־קעטע ווענט / טונקלען שאָטנס פון הילפלאָזע, פאַרשעמטע הענט.״ שוועבט זי און דעלירים פון אַ פאַרביטענער וואָר, ווו אַלע פריער־פאַרבאָטענע וועגן זענען איצט פאַר איר אָפן. די פריערדיקע וואָר איז אָפּגעפרעמדט. זוכט זי „אומזיסט / צו נעכטנס פאַרמעקטע די שפור״. אויף די פריער־פאַרבאָטענע וועגן, איבער וועל־כע זי בלאָנקעט איצטער, „שטייט אַ מלאך מיט אַראָפּגעלאָזטע פליגל / איבער טרוי־מען געקעפּטע.״ דאָ, ׳אין פאַרהוילענעם קרייז... ווו ס׳רעדן בלויז חפצים און זאַכן / ... פילן זיך היימיש/... הייליקע, / נאַרן, / לצים / און פראַפּעטן / פון אונטערגע־גאַנגענע וועלטן.״ דאָ, ׳בייט זיך דער אויסמעסט / פון שטח, / פון צייט״; דאָך, דערוואַרט מען פון איר דאָ צו זיין דער שליח־ציבור פאַר ׳מענטשן און זאַכן, / וואָס קיינער דאַרף נישט מער.״ גיסט זי אויס איר האַרץ, תהלימדיק: ׳ווי האָסטו מיך פאַרשעמט / פאַר דיין אייגן אָנגע־זיכט — / פון יענער הייד, / ווו דאָס וואָרט צעעפנט אַ נייעם בראשית / האָסטו מיך אַראָפּגעשליידערט.״ די ליריקערין, אימאַזשיניסטין, ווערט אין דער דאָזיקער פאַרביטענער וואָר אַ מיסטיקערין, אַ סור־רעאַליסטין.

אַן אַנדער זגאַל פאַרביטענע וואָר איז די פאָרים־פאַרשטעלטע וועלט פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט, טעכנאָלאָגיע און קונסט — אַ געמיש פון אָרוועלס „1984״,

און האַקסליס „ברייוו ניו וואָרלד". „דיך אַליין האָט מען דאָרט אויך פֿאַרביטן/און געמאַכט פֿאַר אַ שקלאַף פֿון ראָבאָטן."
וועגן דער דאָזיקער משוגענער וואָר שרײַבט רחל קאָרן „העי, עס איז פּורים, פּורים אויף דער וועלט", „צו דער לבֿנה", וכדומה, אין „אויף דער שאַרף פֿון אַ רגע"; „מאָדערנע מאַלעריי"— אין „די גנאָד פֿון וואָרט"; און „אויף פֿאַרביטענע וועגן"— אין „פֿאַרביטענע וואָר".

אַ נאָענטער קרובֿ איז די פֿאַרביטענע וואָר פֿונעם ציקל אין אַן אָפּגעפֿרעמד-טער צײַט"— די גרויל פֿון „גולאַג אַרכי-פּעלאַג", און פֿון דער ברוינער נאַכט פֿון לאַנגן מעסער". רחל קאָרן איז דאָ מספּיד, אין געמאָסטענע שורות און פּערזן, די שרײַבער-אַנוסים: שמואל האַלקין, פּרץ מאַרקיש, און דוד בערגלסאָן. זי צייכנט אויך דיסקרעט די וואַנדלונגען פֿון איר אייגן וואָרט במשך און נאָך דער נאַכט פֿון לאַנגן מעסער. והמבֿין יבֿין.

עס איז דערמוטיקנדיק וואָס דאָס בוך באַשטייט נישט בלויז פֿון לידער פֿון פֿאַרביטענער וואָר. מיר געפֿינען דאָ 'שיר-השירים-דיקע" לידער, ווי 'אין דעם יונגן גראָז"; מעלאַנכאָליש-ראָמאַנטישע לידער ווי „שוואַלבן ווי טונקעלע פֿיילן"; שיין-געמאָלענע, בטחון-פֿולע לידער ווי „קראָקוסן"; פּאַסטאָראַלע לידער ווי „כמאַ-רעס רוקן זיך"; סעזאָנען-פֿון-יאָר און נאַטור-לידער, ווי חמימה", „האַרבסט", „לעצטע בלעטער", און „אַ ווינטער-מע-שהלע". אין די אַלע לידער געפֿינען זיך הויפֿנס פֿון שיינקייט וואָס בעטן זיך ציטירן. צום באַדויערן איז דאָס נישט מעגלעך אין אונדזערע ראַמען. איך וועל זיך מוזן באַנוגענען מיט אַן אויסצוג פֿון דעם ליד „די דעברע":

אַ פֿויגלשע פֿעדער פֿאַרלוירן אין פֿליען
וויגט זיך אין דער לופֿט, ווי אין אַ דרימל
און שרײַבט אַ כּתובה
פֿון באַנייטער ליבע
צווישן ערד און הימל."

איך וועל זיך אויך דערלויבן צו מאַכן אַן אויסנאַם מיטן ליד 'אַ ווינטער-מעשה-לע". וואָרן, עס איז אַן אויסנאַם צווישן רחל קאָרנס לידער. עס איז ריינער הו-מאָר, און אין גאַנצן אַנדערש אין טאָן און געמיט פֿון אירע אַנדערע לידער.

## אַ ווינטער-מעשהלע

דער מידער ווינטערדיקער טאָג,
אויף וועלכן ס'ליגט דער גראָער
אָרעמאַנסקער דלות
איז אַן איידעמל אויף קעסט בײַם
ברוגזדיקן הימל,
וואָס פֿאָדערט שטרענג אַ חשבון פֿון
דעם נדן,
דעם בלאַסן רענדל זון אונטער די
שוואַרצע כמאַרעס.

זײַן ווײַב,
די קרירות,
די עקרה,
קוקט אויף אים מיט בייזע אויגן זייטיק,
בעת זי פֿאָרעט זיך מיט אַ פֿאַרריסטן
פּנים,
ווײַל שטענדיק איז ביי איר דער
קורצער פֿרייטיק.

די שעהען בלייכע, ווי קבצנישע קינדער
מיט נעזלעך פֿאַרראָצטע און געפֿרור...
נע הענט,
שאַרן זיך צו צו אים און בעטן
ער זאָל זיי זינגען עפּעס פֿון אַמאָליקן
גליק
צו דערוואָרעמען זייערע הערצער,
צעליכטיקן זייער אומעטיקן בליק.

און באַלד גיט דער ווינט אַ צעטראַ...
איבער פֿליינען און פֿעלדער פֿאַרש...
דאָס ציטערנדיקע קול פֿון ווינטערדיקן
טאָג:
ס'ברענט אַ פֿייערל אויפֿן פּריפּעטשיק...
און ס'שמייכלט די מעשה אַריין...
דורך שייבלעך פֿאַרצויגן מיט פֿ...
אין שטיבלעך, וווּ ס'נעכטיקט דער...
אַזוי תמימותדיק היימליק און פֿר...

געבענטשט זאָל זי זײַן פֿאַר באַשע...
אונדז מיט אַזעלכע לידער.

אין די ציקלען, 'מיט פּאַסמעס פֿון ... בערנעם קלאַנג" און „ביים ראַנד ... טאָג" געפֿינט מען ווונדערלעכע לידער פֿון דערמאָנונג, וועלכע זענען אַ... אי פֿײַנלעך. אַלץ וואָס איז פֿאַר פֿ...

לענדט געוואָרן / זוכט אַ היים און המשך אין (איר) זכרון." כדי צו פאַרזוכן, סיי פון דער שיינקייט, סיי פון דער פּיין, איז דער לייענער נישט פּטור פון לייענען פאַר זיך אַליין.

עס איז אָבער נישט צום אויסמיידן די לידער וואָס אַנען, אָדער מאָלן דאָס גרייטן זיך אין וועג אַריין, צו יענער זייט... ווי די לידער: „כ׳וועל מיטנעמען", „עס ציי־טיקט זיך", דאָס מיסטיש־הומאָריסטישע „איך בין נאָך אַלץ נישט שווה בשווה", און „אַלץ ווייטער און ווייטער". רחל קאָרן — בקול דממה דקה:

„אַלץ ווייטער און ווייטער פון ברעג
טראָגט אַוועק
דאָס קליינע, פאַרלאַטעטע שיפל —
יענעוועלטיקע שטילקייט
איבער מיר
און אין מיר.

עס פליעסקען בלויז וועסלעס,
ווי הענט
אין געבעט —
אַ נעפּל פאַרציט די זון ביים פאַרגיין,
עס ווערט שפּעט."

טייערע רחל, ווי אַלע גוטע מאַמעס פלעגן עס טאָן, וועלן מיר אייך אָפּבלאָזן און אויסשפּייען דריי מאָל, און זיין זיכער „מיט דער קראַנקייט פון (אייער) מזל", אַז „דאָס הייבל" וועט אייך נאָך אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן באַשיצן פון דעם „ווערן שפּעט".

צום דערנענטערן זיך צו די גבורות, ווינטשן מיר אייך אריכת ימים באַגלייט פון געזונט און שפּרודלדיקער שפּעריש־קייט. לאָמיר נאָך במשך פון אַ שפּע געזונטע יאָרן שפּאַצירן איבער די פּאַלאַצן און לאַבירינטן פון אייער פאַרכישופנדיק ליד.

חנוך סילוווער / קיבוץ אורים, ישראל

# דער קיבוץ אַמאָל און היינט

קודם כל עטלעכע ביאָגראַפישע שטריכן וועגן זיך. מיין ערשטער באַזוך אין ישראל איז געווען אין 1955. זינט דאַן האָב איך באַזוכט דאָס לאַנד יעדע צוויי יאָר, און אין 1963 האָב איך זיך באַזעצט דאָ אויף שטענדיק. צוערשט האָב איך גע־וווינט אין ירושלים, נאָר אין 1967 האָב איך זיך אַריבערגעקליבן קיין אורים, אַ קיבוץ אין נגב ווו מיין טאָכטער איז גע־ווען אַ חברה נאָך פון די פופציקער יאָרן. די ערשטע זיבן יאָר נאָך מיין אַריבער־קלייבן זיך קיין אורים פלעג איך פאָרן יעדע וואָך קיין ירושלים ווו איך האָב געהאַט אַ שטעלע אין העברעישן אוני־ווערסיטעט. נאָר אין 1974 האָב איך אויפגעגעבן מיין אַרבעט דאָרט און גע־וואָרן אַ קיבוצניק לכל דבר.

איך בין באַקאַנט מיטן קיבוצישן אַרט לעבן, מיט זיינע ראַנגלענישן, פּראָבלע־מען, אידעאַלן, ווי אויך די קאָמפּראָמיסן וואָס דער קיבוץ מאַכט דורך אין צופּאַסן זיך צו נייע אומשטענדן. נאָר איך האָב ניט בדעה דאָ אויסשעפּן די טעמע אָדער אָנצוגעבן ציפערן און פאַרגלייכונגען. איך וויל בלויז געבן דעם לייענער אַן איבער־בליק איבער דעם אייגנאַרטיקן לעבן אין אַ קיבוץ, זיינע דערגרייכונגען און דורכ־פאַלן, זיין שטרעבן נאָך גייסטיקע ווערטן און זיין טאָג־טעגלעכער קאַמף פאַר אַ באַקוועמער לעבן.

## די קיבוץ אידעאַלן

די גרינדער פון דער קיבוץ באַוועגונג זיינען געווען מערסטנטייל יונגע בחורים און מיידלעך פון קליינבירגערלעכן שטאַנד פון די שטעטלעך אין מזרח־אייראָפּע. זיי האָבן דורכגעמאַכט די ציוניסטישע יוגנט באַוועגונגען און זיי זיינען געווען אָנגע־הויכט מיט די אידעאַלן פון הומאַניסטישן סאָציאַליזם.

זיי זיינען געקומען קיין ארץ ישראל כדי „לבנות ולהבנות בה" (צו בויען דאָס

לאַנד און אויך זיך אַליין איבערצובויען). דאָס איז געווען מער ווי אַ פראַזע אין אַ חלוצישער פאָלקס־ליד. קומענדיק פון אַ קולטור ווו פיזישע אַרבעט איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ דערנידעריקונג, און געלערנטקייט (אין פוסקים און תלמוד) ווי דער גרעסטער אידעאַל, האָבן די קיבוצניקעס זיך ממש איבערגעבויט און זיינען געוואָרן באַוווסטזיניקע „פראָסטע" פעלד־אַרבעטער. נאָך מער: זיי האָבן דעם באַגריף פון אַרבעט דערהויבן צו דער מאָראַלישער הויך פון דת העבודה (די רעליגיע פון אַרבעט), לויטן אויסדרוק פון א. ד. גאָרדאָן (1856-192). און זיי האָבן דעם באַגריף נאָך ווייטער ראַפינירט צו עבודה עצמית (זעלבסט אַרבעט), ד. ה. ניט צו באַנוצן געדונגענע אַרבעט. דאָס איז געקומען פון צוויי סיבות: ערשטנס, ווי אַ רעזולטאַט פון דער סאָציאַליסטישער דאָגמע פון „מער־ווערט", ד. ה., אַז יעדע געדונגענע אַרבעט איז עקספּלואַטאַציע, און צווייטנס, דער פחד אַז געדונגענע אַרבעט עפנט אַלע טויערן פאַר געדונגענע ביליקע אַראַבישע אַרבעטער, וואָס דאָס קאָן פירן צו אַ פּלאַנטאַציע סיסטעם ווו דער יידישער קיבוצניק זאָל ווערן דער באַלעבאָס און די אמתע אַרבעטער וועלן זיין די אַראַבער.

די עטיק פון זעלבסט־אַרבעט האָט געבראַכט צו אַ סיסטעם פון סאָציאַלע ווערטן פונקט דער היפך פון דעם וואָס הערשט אין אַ קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט. וואָס שווערער די פיזישע אַרבעט פון אַ חבר אַלץ העכער שטייגט ער אויף דעם פּרעסטיזש לייטער. נאָך אים קומען די אַנדערע „פּראָדוקטיווע" באַשעפטיקונגען, ד. ה. אַזעלכע וואָס ברענגען אַריין אַ באַלדיקן איינקונפט, ווי פרוכט־גערטנער און פרדסים. און צום סוף האָבן מיר די שרותים (באַדינונגס) באַשעפטיקונגען, ווי קאָכן, באַקליידונג, קינדער אויפזיכט, פאַרווילונג, און, פאַרשטייט זיך, דעם נידעריקסטן פּלאַץ אין דער קיבוץ היעראַרכיע פאַרנעמט דער בטלן, דער פוילענצער, ניט געקוקט אויף זיינע אַנדערע טאַלאַנטן.

דאָ האָבן מיר דעם ערשטן פון וויכטיקע מאָראַלישע גרונט־פּרינציפּן פון קיבוץ — זעלבסט־אַרבעט. דער צווייטער וויכטיקער פּרינציפּ איז, אַז דאָס אייגנטום פון קיבוץ געהערט צו דער גאַנצער געמיינשאַפט. דאָס לאַנד געהערט צו דעם קרן קימת לישראל, דעם יידישן נאַציאָנאַל פאָנד, ד"ה, צום גאַנצן יידישן פאָלק. אַלע אַנדערע זאַכן ווי הייזער, די טראַנספּאָרט מיטלען, די אַרבעטס־מאַשינען, דער לעבעדיקער אינווענטאַר, עסנוואַרג און באַקליידונג, געהערן צום קיבוץ ווי אַן עקאָנאָמישע איינהייט. דער קיבוץ צאָלט אַ חודשלעכע סומע צו דער קופּת חולים, וועלכע שטעלט צו מעדיצינישע דינסט און שפּיטאָל באַדינונג.

דער דריטער פּרינציפּ פון קיבוץ איז דער פּרינציפּ פון סאָציאַלער און עקאָנאָמישער גלייכקייט. דאָס מיינט גלייכקייט אין די פונדאַמענטאַלע נויטן פון חבר: וווינונגען, באַקליידונג און עסן, אָפּגעזען פון די פערזענלעכע טאַלאַנטן, ווי די אַרבעט וואָס מען לייגט אַריין, זייער עקאָנאָמישע וויכטיקייט פאַרן קיבוץ, אָדער זייער פּרעסטיזש. נאָר איין זאַך קען ברעכן דעם פּריציפּ פון גלייכקייט און דאָס איז דער עטישער פּרינציפּ „פון יעדן לויט זיינע מעגלעכקייטן, צו יעדן לויט זיינע נויטן." אַ פאַמיליע פון פינף (צוויי עלטערן און דריי קליינע קינדער) קאָסט דעם קיבוץ פיל מער ווי אַ משפּחה פון צוויי דערוואַקסענע מענטשן. אַ שווערהאָרעווענדיקער פעלד־אַרבעטער קריגט די זעלבע פּאָרציע עסן ווי אַן אַנדערער, און אַן אָפיס־אַרבעטערין באַקומט אַ ספּעציעלע דיעטע (וואָס קאָסט פיל מער) צוליב אַ געוויסער מעדיצינישער פּראָבלעם.

עס זיינען ניט פאַראַן קיין קלאַסן־דיפערענצירונגען אין קיבוץ, ד. ה., עס זיינען ניטאָ קיין פאַרשיידענע באַלוינונגען פאַר פאַרשיידענע סאָרטן אַרבעט באַזירט אויף עקאָנאָמישער ווערט אָדער סאָציאַלן פּרעסטיזש. ווי פריער געזאָגט, עס זיינען דאָ מדרגות פון פּרעסטיזש, אָבער יעדער חבר באַקומט די זעלבע באַלוינונג. יעדער חבר איז אַן אַרבעטער — דער הויפּט פאַרוואַלטער און דער וואָס רייניקט די בתי שימוש (טוילעטן). ס'איז ניטאָ קיין פּאָלאַריזאַציע — די וואָס גיבן באַפעלן און די וואָס פאָלגן אויס, מכובדים און די וואָס גיבן אָפּ כבוד.

כדי צו באַשיצן דעם פּרינציפּ פון גלייכקייט איזאייַנגעפירט געוואָרן דער פּרינציפּ פון ראָטאַציע אין אויסוויילן חברים פאַר פאַרשיידענע אַמטן: פאַרוואַלטער, סעקרעטאַר, קאָמיסיע פאָרזיצער, גיזבר (קאַטירער). אַ באַאַמטער ווערט אויסגעקליבן אויף אַ באַגרענעצטער צאָל יאָרן און דערנאָך קען ער צוריק ווערן אַ פּשוטער חבר. אין דער תקופה פון זייערע אַמטירונגען באַקומען זיי ניט קיין ספּעציעלע פּריווילעגיעס אָדער באַלוינונגען.

## דער קיבוץ היינט.

וואָס פאַראַ ענדערונגען זיינען פאָרגעקומען אין די גרונט־פּרינציפּן ווען די אידעאַלן האָבן זיך אָנגעשטויסן אָן דער האַרטער ווירקלעכקייט? די גרינדער זייבען דאַן געווען יונגע אידעאַליסטן אָן שום דערפאַרונג אין אַגריקולטור און אין קאָלעקטיוון און קאָאָפּעראַטיוון אַרט לעבן. אין אָנבליק פון די דאָזיקע פאַקטן קאָן מען פעסטשטעלן, אַז דער קיבוץ האָט אויסגעהאַלטן די פּראָבע אויף אַ בריליאַנטענעם אופן.

פון די דריי גרונט־פּרינציפּן וואָס ליגן אין דעם יסוד פון דער קיבוץ באַוועגונג זיינען צוויי — קאָמונאַלער באַזיץ פון אייגנטום און גלייכקייט אין דער פאַרטיילונג פון די פּראָדוקטן פון זייער אַרבעט — ניט באַרירט געוואָרן. זיי זיינען געבליבן די וועגווייזער און דער רודער אין אַלע קיבוצים — רעכטע, לינקע, רעליגיעזע, טראַדיציאָנעלע און אַגנאָסטישע.

דער דריטער אבן היסוד — זעלבסט־אַרבעט — האָט אַ ביסל געליטן. ווען דער סעזאָן ברענט און מען דאַרף די תבואה אַראָפּנעמען, אָדער די פרוכט אויפזאַמלען אין אַ קורצער צייט, באַנוצן זיך פיל קיבוצים מיט געדונגענער אַרבעט. ס'זיינען אויך דאָ פאַלן ווען דער גאַנצער תבואה־שניט ווערט פאַרקויפט צו אַ קבלן נאָך איידער עס ווערט פאַרטיק. שטרענג גערעדט ווערן די אַרבעטער אין דעם פאַל געדונגען פון אַ פּריוואַטן אונטערנעמער, וואָס איז ניט קיין חבר פון קיבוץ, אָבער דער פּסיכאָלאָגישער רעזולטאַט איז דער זעלבער: ס'ווערן געשאַפן צוויי סאָרטן קלאַסן אויפן קיבוץ שטח — חברים און „פועלים". די פאַרשפּרייטונג פון אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין די קיבוצים האָט מיטגעבראַכט מיט זיך ענלעכע פּראָבלעמען. פיל פּראָצעסן אין אַן אינדוסטריעלער אונטערנעמונג באַשטייען פון רוטינער און מאָנאָטאָנער אַרבעט, וואָס איז ניט צום האַרצן פון די חברים, און מען מוז זיך באַנוצן מיט געדונגענער אַרבעט. אַזוי קומט אויס אַז דער אידעאַל פון זעלבסט־אַרבעט האָט אין דער ווירקלעכקייט אַביסל געליטן. איך שטרייך אונטער — געליטן אָבער ניט פאַרלאָרן געגאַנגען.

די קיבוץ באַוועגונג איז באַוווסטזיניק וועגן אָט די פּראָבלעמען און פאַרשיידענע מיטלען ווערן אָנגענומען צו באַקעמפן און פאַרקלענערן דעם שאָדן. אַזוי, צום ביישפּיל, ברענגט מען אַריין מעכאַניזאַציע אין די צווייגן וואָס באַנוצן זיך מיט געדונגענער אַרבעט כדי צו פאַרקלענערן דעם געברויך אין אַרבעטס הענט. בעתן באַטראַכטן די פראַגע וועלכע סאָרטן אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען מען זאָל אַריינפירן אין קיבוץ קומט אויך אויף די פראַגע צי די אונטערנעמונג קאָן זיך באַגיין אָן, אָדער מיט ווייניקער, געדונגענע אַרבעטער. די דאָזיקע מיטלען האָבן געהאַט פאַרשיידענע גראַדן פון דערפאָלג. ס'זיינען דאָ אויך פאָרשלאָגן אַריינצונעמען די אַרבעטער ווי אַ שותף אין דער אונטערנעמונג מיט פאַרטרעטערשאַפט אין דער פאַרוואַלטונג. אָבער לעת עתה גייט דער ענין שווערלעך.

אין אַלגעמיין גערעדט זיינען די חברים אין יעדן קיבוץ דאָך די גרויסע מאַיאָריטעט און די פּראָבלעמען פון געדונגענער אַרבעט באַקומען די וואַכזאַמע אויפמערקזאַמקייט און די קריטישע באַטראַכטונג פון אַלע אינסטאַנצן פון דער באַוועגונג.

## אויספיר

מיין אויספיר איז, אַז דער קיבוץ האָט אויסגעהאַלטן די פּראָבע וואָס שייך זיינע דריי הויפּט עיקרים און אַז ער איז דער ערשטער און איינציקער ביישפּיל פון קאָלעקטיוון־קאָאָפּעראַטיוון אַרט לעבן אין דער פרייער וועלט. אָבער דאָס מיינט ניט אַז אַלע חלומות פון די גרינדער זיינען מקוים געוואָרן. איך וועל דערמאָנען

בלויז צוויי אַנטוויקלונגען ווו די האָפּע־נונגען פון די גרינדער האָבן זיך געמוזט אונטערגעבן צו די פֿאָדערונגען פון לעבן.

ווען די גרינדער האָבן אין זייער ענטוזיאַזם געכאַפּט אַ קוק אויף דער ווייטער צוקונפט זיינען זיי געווען זיכער אַז דער קיבוץ געדאַנק מוז זיך פֿאַרשפּרייטן און לסוף וועלן אַלע עקאָנאָמישע אונטערנעמונגען זיין געבויט אויף די קיבוץ־יסודות. די אַנטוויקלונגען אין דעם היימלאַנד (שפּעטער, דער שטאַט) זיינען אָבער אונטער דעם דרוק פון פֿאַסירונגען (די שואה, די אַראַבישע פֿיינטשאַפֿט, די „מענטשלעכע נאַטור") אַוועק אין אַן אַנדער ריכטונג. אפילו אויב אפשר אַ העלפט פון די איצטיקע יידישע איינוווינערס פון ישראל זיינען ווען עס איז אין זייער לעבן געווען חברים אין אַ קיבוץ, איז דער פּראָצענט פון מיטגלידער אין דער באַפעלקערונג געבליבן צווישן 3 און 4, הגם אין אַבסאָלוטע ציפערן האָלט דער קיבוץ אין פֿאַרגרעסערן זיך צוביסלעך. ס'איז היינט קלאָר אַז דער קאָלעקטיווער (און אפילו דער קאָאָפּעראַטיווער) אַרט לעבן וועט ניט זיין קיין דאָמינאַנטע דערשיינונג אין ישראל כאָטש דאָס וועט יאָ פֿאַרבלייבן אַ וויכטיקער עלעמענט אין אונדזער פּלוראַליסטישער ווירטשאַפֿט.

## די באַפרייונג פון דער פרוי

די צווייטע דערשיינונג וועלכע איז ניט געגאַנגען לויט די דערוואַרטונגען פון די גרינדערס איז „די באַפרייונג פון דער פרוי". לויט די דאָזיקע האָפענונגען האָט די פרוי געזאָלט אויסגלייכן איר מעמד צו אַ פולשטאַנדיקער גלייכקייט מיטן מאַן — באַטייליקן זיך אין אַ ל ע ווירטשאַפט צווייגן; נעמען דעם זעלביקן אַנטייל ווי דער מאַן אין די אסיפות און אין די פֿאַרשיידענע אַמטן; די זאָרג פֿאַר קינדער דערציונג וועט איבערגענומען ווערן פון דעם קיבוץ, און די זאָרג פֿאַר דער קיך און חדר האוכל וועט פֿאַרקלענערט ווערן דורך אַריינברענגען מער מענער אין דעם צווייג.

אויך אין דעם פאַל האָט די ווירקלעכקייט באַוויזן דאָס פֿאַרקערטע. אַ שטודיום וואָס האָט אַרומגענומען 34,000 פרויען פון די קיבוצים האָט אַרויסגעברענגט די פאָלגנדע פאַקטן:

אַכציק פּראָצענט פון קיבוצניצעס אַרבעטן אין „וויבלעכע" באַשעפטיקונגען ווי דערציונג, פּקידות, טעקסטיל, בוכהאַלטעריע, סעקרעטאַריאַט, אא"וו; בלויז 40% באַטייליקן זיך אין אַלגעמיינע אסיפות און קאָמיטעטן; בלויז 6% פון די פרויען, 25% פון די מענער, שטודירן „מענערשע" באַשעפטיקונגען אין אוניווערסיטעטן.

דריי פערטל פון די קיבוץ פרויען זיינען צופרידן מיט זייער אַרבעט. די יעניקע וואָס האָבן געפאָדערט ענדערונגען וואָלטן געוואָלט אַז מער אויפמערקזאַמקייט זאָל געשאָנקען ווערן צו פֿאַרשטאַרקן דעם פאַמיליע לעבן, געבן די פרויען מער צייט צו זיין מיט די קינדער.

פונקט ווי אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג מערקט זיך אויך אין קיבוץ די שטרעבונג נאָך אַ מער באַקוועמער לעבן. למשל, יעדע משפחה האָט אַ ראַדיאָ אָדער אַ טעלעוויזיע. כמעט יעדער קיבוץ פאַרמאָגט אַ בריכת שחיה (שווים באַסיין). יעדער קיבוצניק איז באַזאָרגט ניט נאָר מיט אַ הויכשול בילדונג נאָר האָט אויך די מעגלעכקייט פֿאַר אוניווערסיטעט בילדונג, הגם ער דאַרף אַמאָל וואַרטן ביז עס קומט אָן זיין רייע און דער שטודיום דאַרף דויערן מער ווי 3־4 יאָר. יעדער דערוואַקסענער קיבוצניק קריגט אַ פּאָר חדשים וואַקאַציע אין אייראָפּע אויפן חשבון פון קיבוץ, לכל הפּחות איין מאָל אין לעבן.

אַ בראָשור*) אַרויסגעגעבן אין 1967 מאָלט דעם קיבוץ היינט מיט די פאָלגנדע ווערטער:

„באַטראַכט זיך וועגן דעם ענין. צי דען באַשווערן ניט דיין לעבן דער טומל, די ענגשאַפט, דער שטויב, דער רויך פון אויטאָמאָבילן? ביסטו גרייט דאָס צו פֿאַרבייטן אויף גרינגער שטילקייט און פרישע לופט, כדי צו געניסן פון אַ רואיקן לעבן, הנאה האָבן פון אַ

*) „הקיבוץ של היום", איחוד הקבוצות והקיבוצים, 1967.

(המשך אויף זייט 69)

# יידישער נאַציאָנאַל פאָנד

# אַניואַיטי פאנד

איר קענט האָבן

אַן איינקונפט אין משך פון אייער לעבן

מיט אַ צוגאָב פון אַ בונד מיט ישראל

עס איז אייער אינטערעס זיך באַלד איינצושאַפן
אַ לעבנסלענגלעכע נאַציאָנאַל-פאָנד אַניואַיטי-הכנסה
און העלפן זיך אַליין דורך העלפן מדינת ישראל!

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

שניידט אָפּ דעם קופּאָן און שיקט עס דורך פּאָסט
פאַר ווייטערדיקער אינפאָרמאַציע:

אברהם שפּיגעל, קאונסיל פּרעזידענט • טעלעפאָן: 655-8100

---

**MR. FRED KAHAN, Execuctive Vice-Pres.**

# JEWISH NATIONAL FUND

**Western Region, Jewish National Fund**

6420 Wilshire Blvd. • Los Angeles, Calif. 90048

*Yes, I am interested in helping the Land of Israel while obtaining an income for life. Please send me more information about the Jewish National Fund Annuity Trust.*

Name..................................................................................................

Address...............................................................................................

City.......................................................Zip Code..............................

משה שקליאַר

# לידער

## אַן ענטפער

אַן ענטפער בין איך שולדיק איינעם
אַ פריינד, וואָס איז פון ווייט געקומען.
האַלב מיט באַדויער, האַלב מיט טענה,
געפרעגט האָט ער און איך — אַ שטומער —
געקוקט האָב גלייך אים אין די אויגן:
— איז ווען־זשע ברודער שרייבסטו לידער,
אַז ס'איז דיין צייט אַזוי געוואויגן
צווישן מי און מיד און מידער?

— ווען איך שרייב? ווען ס'איז שוין אַלץ
איינגערינגלט — רינג אין רינגען,
און דאָס ליד בלייבט שטיין אין האַלדז
גרייט פון דאָרט אַרויסצושפּרינגען,
ווען אַדורך איז שוין דאָס וואָרט
אַלע פייערן און פלאַמען
און עס וואַרט בלויז אויפן אָרט,
וווּ ס'איז ביים באַשאַף געשטאַנען.

אָט דאָס אָרט — ווען אויסגעפונען,
אָט דאָס אָרט — דאָס ערשטע, לעצטע,
לייכט מיר אויף ווי זיבן זונען
און אין אַלץ אַרום פאַרגעס איך.
כ'בלייב אַליין מיט ליכט און שאָטן,
פּרווו אַ ראַנגל טאָן זיך ווידער,
און ווען כ'פיל דעם לעצטן אָטעם —
דעמלט ברודער שרייב איך לידער.

## ווערטער

ווערטער, ווערטער, ווערטער —
קיין מאָל נישט געריטערטע,
קיין מאָל נישט געהערטע,
קלינגען מיר אין אויער,
אויף דער פען זיך בעטן,
נאָר מיט אַ באַדויער
כ'הייס זיי וואַרטן וואַרטן — שפּעטער,
איצט איז נישט די צייט נאָך
פאַר ווערטער נישט גערעדטע.
אַזוי פיל גוטע ווערטער
צייטיקע און רויע,
ווי די קערנער פאַלן
צו דער שוואַרצער רויערד,
נאָר קיינער וועט זיי מער נישט
אַקערן און זייען,
אונטער קיינע שטראַלן
זיי וועלן נישט געדייען.
וועל איך בעסער פּרוון
אַ קאָרב זיי אונטערשטעלן,
אויב עס וועט אַמאָל מיר
אַ וואָרט ערגעץ פאַרפעלן —
פון יענע גוטע ווערטער,
די צייטיקע און רויע,
כ'וועל האָבן וווּ צו קלייבן,
ווי נאָכן שניט אַ פּויער,
די קערנדיקע ווערטער
ווי קערנער איבערשיטן,
אַמאָל ערגעץ געהערטע —
אין ליד מיינעם פאַרהיטן.

ב. שלעווין / פּאַריז

# „רעד צו מיר יידיש“...

(דערציילונג)

דאָס האָט אים דער פלינקער רעדאַקטאָר אזרחי דאָרט אַ רוף געטאָן דעם לעצטן אויף דער נאַכט:

„גיי — האָט ער אים אַ רוף געטאָן — און ברענג מיר אַ קאָלאָנע, נישט מער ווי אַ קאָלאָנע, דו הערסט? אויף דער ׳דריטער׳. קוק זיך דאָרט גוט אַרום אויף זייער ווּוס־ווּוס־יאַריד... יידיש... זיי מיינען טאַקע...

אַציִנד איז דער יונגער רעפּאָרטער דאַני, מיטן וואָנסעלע, מיטן שיינעם לאָק אין די אויגן, געשטאַנען אונטער די קאָלאָנאַדעס, אויף דער רחבותדיקער אוניווערסיטעט־טעראַסע אין ירושלים, אין לעצטן בלענדיקן פאַרנאַכט, און אַ מאָדנע יינגלשע אומרו איז אים באַפאַלן. אַרום אים האָט נאָך אַלץ געררוישט אַן עולם יידישע געזעמלעך, אַנגעפּאַרענע פון אַלע עקן וועלט. טאַקע וואָס וועט ער אים זאָגן, דעם רעדאַקטאָר אזרחי? זאָל ער אים אפשר דערציילן וועגן חנוודיקן מיידעלע פון די בראָנקס, ווי זי האָט אַזוי זיס גע־

---

# אין יעדן אות

אַ יעדעס מאָל איך הייב אָן פון דאָס ניי,
מיר דאַכט, אויפסניי איך שרייב דאָס ערשטע ליד.
די ווערטער שטעלן אויס זיך אין אַ ריי
און דאָס האַרץ קלאַפּט ערגעץ אין דער מיט.

אין יעדן אות איך פיל דעם שטילן קלאַפּ,
מיט יעדן אָפּשטעל־צייכן בלייבט ער שטיין
אַ ווייל, ווי ר׳וואָלט דעם אָטעם מיר פאַרכאַפּט
און זיך פאַרפלאָנטערט צווישן האַלדז און ציין.

אַמאָל איך פיל אין מויל דעם טערפּקע טעם
פון וואָרט, וואָס איז נאָך אַלץ נישט רייף גענוג
און שוין עס רייסט זיך צו אַ פרעמדן גראַם,
וואָס זעט אויס לאָקנדיק אַזוי און קלוג.

אַן אַנדערש מאָל מיר דאַכט זיך — כ׳האָב אַנטדעקט
דאָס וואָרט, וואָס כ׳האָב געזוכט אַ לעבן לאַנג,
נאָר באַלד עס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פלעק
און עס פאַרשווינדט אָן קלאַנג און ווידערקלאַנג.

און דעמאָלט הייב איך ווידער אָן אויפסניי —
צום קלאַפּן פונעם האַרץ איך הער זיך צו
און אין זיין ריטעם מיט די ווערטער כ׳גיי
צום ליד וואָס וועט מיר קיין מאָל געבן רו.

פֿלאַפּלט, ווי אַ פֿייגעלע, אין... יידיש? וועגן זייער פֿאַנאַטישן גלויבן, אַז... די ציוויליזאַציע פֿון אַ פֿאָלק קען נישט פֿאַרלוירן גיין אין אַ לאַנד פֿון יידן, אָדער — אַרויסגעוואָרפֿן ווערן אויפֿן מיסטקאַסטן פֿון דער געשיכטע"...

פֿאַר די אויגן איז אים געשטאַנען די באָבע זיינע. זי איז געקומען אין לאַנד אַריין מיט דער שארית הפליטה. זי האָט צוערשט קיין צוויי ווערטער עברית נישט געקענט; געהערט דעם ראַדיאָ, געקוקט אין דער טעלעוויזיע און — גאָר נישט פֿאַרשטאַנען. „פֿאַרוואָס — האָט זי זיך באַקלאָגט — הערט מען נישט קיין יידיש וואָרט?"... „סבתא... — האָט ער געפּרוווט רעדן צו איר אַ פּאָר צעבראָכענע יידישע ווערטער — אין גלות האָט מען גערעדט יידיש... יידיש איז געשטאָרבן"... „בייס דיר בעסער אָפּ די נאַרישע צונג... יידיש איז נישט געשטאָרבן... יידיש וועט נישט שטאַרבן"...

אַז ער האָט זיך דאָ מאָדנע פֿאַראינטריגירט, צוגעהערט צו זייערע הייסע רייד, אין זאַל, אין די קוליסן, האָט זיך אים טאַקע אַ רגע געדאַכט, אַז דער באָבעס נביאות איז מקוים געוואָרן. אַ זעלטענע היסטאָרישע דערשיינונג: די ווידעראויפֿלעבונג פֿון דער טויזנט־יאָריקער יידיש־ציוויליזאַציע. ס'איז געווען אַרום אים — יוגנטלעכער פֿלאַם, וויזיע, אַ זאַפּטיקער, ניגונדיקער יידיש — אין די קאָרידאָרן, אין די קולואַרן. און ס'האָט זיך אים פֿלוצים דערמאָנט, ווי ער אַליין איז אַנומעלטן אַוועק אין יידישן טעאַטער און דערפֿילט אַ כוואַליע פֿון וואַרעמקייט שטראָמט צו דער בינע; מענטשן לאַכן אויפֿן קול, אַפּלאָדירן הייס, לאָזן אַ טרער, זינגען מיט. אין די סאַמע בעסטע פֿאָרשטעלונגען פֿון דער „הבימה" פֿילט מען דאַכט זיך נישט אַזאַ באַגייסטערטן פֿלאַם.

ער איז צוערשט געקומען אַהער, מלא חשד, מלא וווּנדער: מילאַ, די אַלטע, מיט די גרויע קעפּ... אָבער — אַזאַ יונגע פֿלאַנץ? איז עס אפֿשר נישט אַזוי פּשוט... ס'איז אים אָבער באַלד אַ רחמנות געווען, אַליין נישט ווייסנדיק פֿאַרוואָס, אויפֿן מיידעלע, וואָס גייט דעם איינזאַמען וועג פֿון די לעצטע, פֿון די וואָס מוזן פֿאַרשווינדן. אַזאַ מאָדנע געפֿיל איז געווען צוערשט

ביי אים צום שמאָלן, ווייבלעכן מיידלקינד. ער האָט זי דערזען אויפֿן רחבות־דיקן קעמפּוס פֿון אוניווערסיטעט אין ירושלים, אין יענע פּאָר טעג פֿון שפּעטן אויגוסט, און — האָט אַלץ עפּעס נישט געוואַגט. יעדן פֿרימאָרגן, צו די סעאַנסן אין זייטיקן איינשטיין אודיטאָריום אויף די גאַלעריעס, האָט זי זיך באַוויזן אין אַן אַנדערן חנעוודיקן טראַכט. ווי זי זאָל זיך נישט לאָזן קליידן, האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן איר יידישלעך־פֿאַרברוינט פּנימל, פֿאַרשוווּמען אין אַ וואַלד פּעך־שוואַרצע לאָקן און קרויזן; איר צניעות־דיקער, זייטיקער בליק פֿון אונטער די גרויסע ראָזע זון־ברילן, איר באַשיידענער גאַנג — ווי זי וואָלט פֿאַרבייגעשווומען, פֿון קיינעם נישט באַמערקט צו ווערן.

ער האָט זי אין פֿאַרנאַכט, ערב דעם אָפּשלוס פֿון וועלט־צוזאַמענפֿאָר, געזען אָנגעלענט אין דער ווילד־אויפֿגעשאָסענער פּאַלמע, אויפֿן פֿרישן גראָז־טעפּיך, קעגנאיבער דער גאַלעריע, פֿאַרוויקלט אין בונטע, פֿאַרביקע טיכער, און ער האָט זיך, ווי געשטויסן פֿון אַן אומבאַוווּסטן כוח, געלאָזן גיין נאָך איר. אין אַזעלכע בונט־פֿאַרביקע טראַכטן, איז אים דורכגעפֿלויגן, וויקלען זיך אַוודאי די אינדיאַנער פֿרויען אין די רעזערוואַטן ביי זיי דאָרט, אין דער וויטער וועסט. זי האָט טאַקע עפּעס מיט אַ מאָל אויסגעזען אין זיינע אויגן ווי איינע פֿון די לעצטע פֿון אַ סעקטע, פֿון אַ שבט, וואָס שטאַרבט אויס, אַ לעצטער עקזעמפּלאַר פֿון אַ פֿאַרשווינדנדיקער ציוויליזאַציע, וואָס קיינער קימערט זיך מער נישט אין איר זכר, נאָכן גענאָסיד, נאָכן אַכזריותדיקן גלייכגילט פֿון דער וועלט.

ער האָט זי אין פֿאַרנאַכט באַמערקט שטיל אַרויסשאַרן זיך דורך די הינטערשטע אַריינגענג ביי דער עסטראַדע, ווי ס'זענען נאָך דאָרט אַלץ ביים שלוס־סעאַנס, ווי צו נעילה אין יום־כיפּור, געוואָרפֿן געוואָרן אין זאַל אַריין די הייסע, פּאַטעטישע רייד, שטאַרקע פֿראַזן, וואָס האָבן דוכט זיך קיין שום דעקונג נישט. אומבאַמערקט האָט זיך ס'מיידעלע שטיל אַרויסגעשלייכט פֿון אָנגעפּראָפּטן זאַל, פֿון די אַפּלאָדיסמענטן, דורך די קולואַרן מיט די געדיכטע געזעמלעך יידן. אירע

שטילע אָבער מאָדנע רייד אַביסל פריער, האָבן נאָך אָפּגעהילכט איבערן זאַל; פשורטע, געדערכטע טענות צו די אַלע געעלטערטע לייט מיט די ווייסע אָדער נאַקעטע קעפּ: „ווּהין האָט איר אַליין דען דערפירט? וואָס האָט איר דען געטאָן פאַר די אונטערגעוואַקסענע דורות, זיי זאָלן נישט אָפּגעפרעמדט ווערן פון זייער שטאַם?“...

איבערן זאַל גרויע קעפּ איז אַדורך אַ געמורמל, אַ ציטער. דריי טעג איז מען דאָ געזעסן, געוואָרפן פּאַטעטישע רייד אין זאַל אַריין, אָבער קיין שום רעאַלע רייד האָט מען חוכט זיך נישט געהערט.

דאָס יינגל דאני איז אומבאַמערקט נאָכגעגאַנגען דאָס מיידעלע פון די בראָנקס. זי איז געווען אַרומגערינגלט מיטן יונגוואַרג. דאָס האָט ער שוין אין גאַנצן נישט פאַרשטאַנען; ער האָט זיי באַטראַכט, די בחורימלעך און די מיידלעך, מער־ווייניק פון זיין עלטער. זיי וואָלטן אים שוין גיכער נעענטער געווען מיטן ענגליש־אַמעריקאַנער היפּי־סלענג אין זייער מויל, אפילו אין זייער בולטן ביטול צום קלייַנעם לענדל אונדזערן, ווען זיי קומען אַהער באַלאָדן מיט רוקזעק, מיט שווערע באַטשוועקעטע שיך פון באַרג־קלעטערער, אומצוּוואַלגערן זיך ביים חוף ים־סוף, אין אילת, אין די אויפגעשלאָגענע ביידלעך. זיי רייכערן דאָרט אַוודאי אויך די פאַרסמענדיקע דראָגן; זיי לאַכן זיך געווייַנטלעך אויס פון אַלץ און אַלעמען; „ליניקיסטן“, היפּיס פון אַלע שיטות. אָבער זיי? — „רעד צו מיר יידיש“... קאָמיש! זיי הערן אים אויס וועגן דער העלדישקייט אין דער טאַנקן־בריגאַדע, ביים שטורעמען דעם בריקן־קאָפּ אויף יענער זייט סועץ, אין ארץ גושן; זיי פלאַמען צוערשט אויף און — בלייבן קיל. ער רעדט צו איר אַ גוט־אויסגעלערנטן ענגליש, און זי — „רעד צו מיר יידיש“. אַזוי פאַראינטריגירט האָט זי אים, די קליינע.

— רעד צו מיר — זאָגט זי אים צולעצט — מיט דער ווייטער וויזיע פון אונדזער אוראַלטער געשיכטע, אָבער אויך פון אונדזער טויזנט־יאָריקער ציוויליזאַציע, וואָס קען נישט איבערגעריסן ווערן... אונדזערע עמיגראַנטישע טאַטעס און זיידעס אין אַמעריקע האָבן אויך צוערשט אַזוי געמיינט, אָבער מ'אַנטלויפט נישט פון זיך אַליין. זוכן מיר, די אייניקלעך, אַצינד אונדזער אידענטיטעט. אויך דאָ וועט עס אַזוי געשען, אויב דער לעוואַנטיניזם וועט אייך נישט אין גאַנצן פאַרשלינגען. גויים רעדן דאָך אויך עברית... נאַרישע, וואָס איר זענט...

אַזוי איינגעהאַלטן איז זי מיט איבעריקע רייד, היט זיך אויפצומאַכן ס'חנעוודיקע מיילעכל. פאַר אים איז דער קלאַנג פון יידיש געווען — די באָבע... די קאַרגע ווערטער, וואָס ער האָט געכאַפּט ביי איר, איידער זי האָט זיך דאָ שטיל אויסגעלאָשן. די ווערטער זיינען אים דאָ צערונען אויף דער צונג, אָן האַפט און — ס'האָט אים מיט אַ מאָל שטאַרק פאַרדראָסן פאַרוואָס ער קען זיך מיט זיי נישט אויסטענהן געטרייער.

זיי זיינען דאָרט אָפּגעשוומען, ס'יונגוואַרג, אין פאַרנאַכט אַריין, מיט זייערע פאַרוואָרפענע גיטאַרעס און רוקזעק, די מיידלעך אין די הויזן, אין די פאַרביקע אינדיאַנער־טיכער, פאַרוויקלט אַרום זייערע שמאָלע, שלאַנקע לענדן. ער איז לאַנג געשטאַנען אויף דער הויכקייט און געזען ווי זיי לאָזן זיך אַראָפּ מיטן זונפאַרגאַנג צום נחל קדרון, צווישן די אַלטע מויערן פון שער יפו, צום מגדל דוד, און עפּעס האָט ער פלוצים דערזען און דערפילט — ירושלים אין מיסטעריעזן אָפּשיין אין ליכט פון אַ בייער אומבאַקאַנטער דימענסיע, וואָס שפּילט זיך אפשר אָפּ פאַר אונדזערע אויגן. אַבי ער האָט געמיינט... איז ער דאָך אַליין געווען איינער פון די, וואָס זיינען די ערשטע צוגעפאַלן צו די הייליקע שטיינער פון כותל המערבי באַלד נאָכן שטורעמען די אַלט־שטאָט. ער האָט עס אָבער געזען נישט מער ווי אַ מיליטערישן זיג, נישט דווקא אַ זיג פון אונדזער אייביקער גייסטיקייט וואָס גיט זיך איבער פון דור צו דור; און זיי — זיי זעען עס קענטלעך אַ סך, אַ סך ווייטער.

ער האָט זיי אָנגעיאָגט, איז פאַראינטריגירט נאָכגעגאַנגען דאָס מיידעלע דורך די שמאָלע געסלעך, אויף יענער זייט שער יפו; האָט זיך אויסגעמישט מיט זיי, געלאַכט מיט זיי, געטרונקען מיט זיי

(סוף אויף זייט 39)

איש יאיר / מאָנטרעאל

# לידער

## ח״י קלאָג-הייקוס

(אַ הייקו איז אַ יאַפּאַנישע, דריי־שורהדיקע, זיבעצן־טראַפּיקע ליד־פאָרם. די ערשטע און דריטע שורות גראַמען זיך, און באַשטייען פון פינף טראַפּן יעדע. די מיטלסטע שורה באַשטייט פון זיבן טראַפּן. די ח״י הייקוס פאַרמאָגן 306 טראַפּן, כמנין שאה. דעריבער דער מאָטאָ) —

כפרץ רחב יאתיו,<br>
תחת שאה התגלגלו.

ווי אַ ברייטער וואַסער־בראָך קומען זיי,<br>
מיט שטורעם קייקלען זיי זיך אַרויף.<br>
(איוב ל׳: י״ד)

**א.**

איך בין דער ווייזער<br>
אויפן פּנים פון דער צייט —<br>
פאַרוויש, מענטש, הייזער.

* * * * *

**ב.**

צימבל סטרונע, בענק<br>
נאָך יונגשאַפט וואָס פאַרפלויגן:<br>
פיבער, ליבע־קרענק...

**ג.**

ראָב־ייִדענער קרויז,<br>
קוילן־אויגן, קאַרשנליפ —<br>
הער־אויף גיטאַר! — אויס!...

**ד.**

ד י ך האָט בראַנד פאַרברענט,<br>
מ י ך געלאָזט אומוואַנדערן —<br>
גלאָוניע, אָפּגעזעגנט.

**ה.**

שוועבסט־אום אין הייכן,<br>
נישט־דערקווילעטע כלה,<br>
וועל איך דיך גרייכן?

**ו.**

ליבסטע, יונג־בליעכץ,<br>
פראַכט, אין פלאַם אויפגעגאַנגען,<br>
זע, — אַ זאַק־זעגעכץ...

**ז.**

צינד איך יאָרצייט־ליכט<br>
נאָך מיין פאַרלענדטן געכטן,<br>
טרער, אויף היינטס געזיכט.

ח.

„איילעליו...״ „יעלה...״—
צעפּיניקטע שלעפּערט איין
שטעטל של מעלה...

ט.

הינט בילן מורא:
פאַרדאַרבער ז'געפלויגן, ס'איז
דריטע אַשמורה...

י.

טריפט, פלינק, טראָפּן סם,
אויף פאַרשרפעטע ליפּן;
טוקט נפש אין פלאַם.

י"א.

פיבער מלחמה:
שיידט זיך, מיט רייד אָן באַשייד,
צאַפּלט נשמה.

י"ב.

ליידיק געלעגער.
זיבן מינוט צו האַלבטאָג,
גליווערט דער זייגער.

י"ג.

גאָט האָט געגעבן,
גאָט האָט גענומען לעבן:
ווער וועט פאַרגעבן?

י"ד.

אַ שמיץ — ווי אַ שטיין:
מיטאָגן זיי גלייכגילטיק,
מ י ד, וואַרגט דאָס געוויין.

ט"ו.

פשוטער אָרון:
וואָרן, שטעטלישע מטה
פלאַקערט אין צאָרן.

ט"ז.

שפּריירעגן. — מאַטראַץ
ווייקט זיך, ווי דו אין קבר.
ווייטיק שטיקט, כאַטש—פּלאַץ...

י"ז.

ווינטל, שוויג שוין שטום.
אויפן קבר בלוטיקט בלום:
„קום שוין צו מיר, קום...״

ח"י

שאָרסטיקער אָרון:
וואָרן, שטעטלישע מטה —
פלאַקער אין דאָרן...

# וווהין איז פאַרפלויגן דאָס קול?

(ווילאַנעלע)

ווהין איז פאַרפלויגן דאָס קול,
דאָס יאָדלען פון טיף אין די גראָזן,
דאָס גאַרן פון יונגן 'אַמאָל'?

אין דמיון — גרין־פליושענער טאָל,
וו צעדטלעכע ווינטעלעך בלאָזן;
ווהין איז פאַרפלויגן דאָס קול?

אויף שטעגל, אַ פּאַסיקל שמאָל,
מיט נאָגנדער ליבשאַפט, געלאָזן
דאָס גאַרן פון יונגן 'אַמאָל'.

אויף וואָלקנדל, שנייאיקן וואָל,
געליבטע שוועבט — לאָקן צעבלאָזן;
ווהין איז פאַרפלויגן דאָס קול?

מיין האַרץ, עקבערט בענקשאַפט — אָן אַל.
קרעלן בלוט אויף שטשערביקע גלאָזן —
דאָס גאַרן פון יונגן 'אַמאָל'.

דער בראָך האָט געטאָן אַ צעמאָל,
צעווייעט געליבטע אויף שטראָזן.
ווהין איז פאַרפלויגן דאָס קול,
דאָס גאַרן פון יונגן 'אַמאָל'?...

חיים לייב פוקס / מאָנטרעאָל

# תפילה צו אַכציק

מיין האַר! מיט וואָס זאָל איך דיר דאַנקען און לויבן,
מיט וועלכע ניגונים זאָל איך קומען פאַר דיר?
דו האָסט מיך דורך לידער געגרויסט און דערהויבן,
זאָל איך אפשר אין שטילקייט שטיין ביי דיין טיר?

האָסט באַשערט מיך מיט לעבן, מיט דיין חסד און חן,
דורך דיינע ווערטער צו מיר אין מיין שעה אויף דער וועלט
איז מיין תפילה צו דיר, איינאיינציק אַליין —
לאָז מיר איבער דיין ליכט וואָס האָט מיך באַהעלט...

באַפעל צו די וואָלקנס וואָס שוועבן איבער מיין קאָפּ
און מאָלן דיינע הימלען מיט פאַרבן פון שטילן געמיט.
באַפעל זיי צו קומען צו מיר גאַנץ נידעריק אַראָפּ
מיט די ווערטער פאַר מיר נאָר, פאַר מיין אמתדיק ליד.

איך בין אַלט אין מיין גוף, נאָר יונג איז מיין נפש וואָס בענקט
און איך ווייס אַז מיין לויב איז אפשר דער איינציקער שכר...
איז מיין תפילה צו דיר: באַוויליק מיין ליד און שענק
מיר נאָך יאָרן געזאַנג פאַר דיר, מיין באַשאַפער און האַר!

# צוויי לעצטע קלעזמאָרים

מיין יוגנט־חבר, דעם דיכטער מישאַ העלמאַן

איך קוק אויף מיין חבר און טראַכט: צוויי מידע און לעצטע קלעזמאָרים
אויף אַ דיכטערישער שמחה, וואָס לעבט נאָר אין אנדזער זכרון.
אויף וואָלקנס מיר שווימען צום ערגעץ־לאַנד מיר שוועבן און פאָרן
צום געוועזענעם לעבן, וואָס איז אין די הערצער געבליבן, ווי אין קברים...

עס טונקלט דער אָוונט און ברענגט אונדז צום בחורישן ענגן שטיבל
פון דלד־על־דלד איז לאָדזשער געדיכטן עכט־יידישן געגנט.
אַ גראָשנדיק ליכטל מאַכט ליכטיק די פנימער צעגליטע און ליבע
פאַרזאַמלט צו לעזן לידער מיט פולע הערצער אין בענקשאַפט באַגעגנט...

עמיצער לעזט זיינע שירים נאָך נישט אין גאַנצן קיין רייפע,
דאָך פליסן די סטראָפן אַריין אין די בלוטן ווי אייגנס.
„די פייגל וואָס שוועבן אַרויס, ווי פון אַ זוניקער שריפה"
שפיגלען אָפּ זיך אין אונדזערע אויגן און שטילע זיך לייגן

אויף די פנימער, וואָס לייכטן אין פלאַקער פון יידישער יונגסטער שירה
און הייבט אונדז אַרויף צו די הימלען וואָס שפילן געזאַנג און בטחון.
עס לויכט אויף אַ ניגון וואָס ברומט זיך אַליין אַזוי דין ווי אַ צירונג
דער זמר של שבת ויום טוב. נישטאָ מער קיין עול פון דער וואָכנס...

נאָר פלוצים אַ גרויל: דאָס געוואַלד פון די געטאָס אין לאַגערן קאַרהאַמערט.
און איך זע ווי מיינע חברים זיי שפאַנען געקאָוועט, ווי מיטן טויט געאָרעמט.
אָ! ווי וואָלט איך אַליין זיך אין זייערע פיינען, זייער קלעם, געקלאַמערט.
איך צווייפל. מיין מורא האָט זיך פאַרשלאָסן אין אַ שוואַרצן, וואָלקענישן טורעם...

וויינט מיין ליד אין מיר, האָט נישט צו וועמען מיין תפילה, מיין ווי, צו שיקן.
שוויג איך און עס שוויגט מיט מיין חבר פון טויטן לאַגער צעשטיקלט,
ביז מיר גייען אַריין אין די לעצטע קאַמערן פון טויט, אין זייערע יסורים...
עס לעבן בלויז זייערע לידער ווי די פנימער, וואָס בליען אין אונדזער זכרון...

ס. נוטקעוויטש

# תשעה באב מיט יידן פון וואַרשע

(פאַרצייכענונגען פון אַ רייזע)

## איכה ישבה בדד העיר...

וויי איז די שטאָט פון פיל פאָלק געבליבן זיצן אַליין ! ווי אַן אַלמנה געבליבן די פירשטין צווישן די אומות;
וויינען טוט זי וויינען בייגאַכט, זי האָט
נישט קיין טרייסטער פון אַלע אירע
(יידיש : יהואָש)

דער טאָג איז געווען שבת, שבת חזון. דעם טאָג האָבן מיר באַשטימט זיך צו טרעפן מיט יידן אין נאַזשיקס שול אין וואַרשע, אויף טוואַרדע גאַס.

ביי זיבן צופעליקע דורכגייער האָבן מיר זיך געפרעגט:

— אַנטשולדיקט מיר, ווו געפינט זיך דאָ די יידישע שול ווו מען דאַוונט?

די געפרעגטע האָבן זיך באַאומרואיקט:

— יאָ, ריכטיק, טאַקע, די יידישע שול, ווו מען דאַוונט... ס'טוט מיר לייד, כ'האָב פאַרגעסן, איין מינוט, די יידישע שול, זיכער, אַנטשולדיקט מיר...

דער זיבעטער האָט אויף זיכער נישט געוווסט אָבער אָנגעוויזן די ריכטונג ווו צו גיין און „איר וועט טרעפן"...

צוויי קינדער האָבן אָנגעוויזן אויף אַ טונקעלער געביידע „וואָס איז אויף שלעסער."

די געגנט איז דאָך אַ יידישע געווען! איצט זיינען דאָ ליידיקע פלעצער. נישט ווייט איז דער געטאָ אויפשטאַנד דענקמאָל. די פלעצער זיינען באַוואַקסן מיט גרינעם גראָז אָבער די ליידיקייט שרייט: ס'איז קיינער נישטאָ, זוכט נישט דאָ קיין יידן, נישטאָ !

די שווערע טיר פון נאַזשיקס שול האָט זיך לאַנגזאַם געעפנט. אין פאָדער־צימער ליגן ברעטער, געהילץ, אייזנס, האָלץ — אַ סימן, אַז מען פאַרריכט דאָ. פון דאָרטן פירט אַן עפענונג אין דער גרויסער שול.

דורך די שמאָלע פענצטער קוקט אַריין אַ קנאַפּע זון און עס הענגען עטלעכע נאַקעטע לעמפלעך. אין פראָנט, נאָענט צו דער בימה און אָרון קודש, שטייען אַ גרופּע יידן, נישט אַלע אין טליתים.

זיי האָבן אונדז דערזען און האָבן וואָס גיכער געוואָלט ענדיקן דאָס דאַווענען.

באַלד זיינען מיר אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַלע... 16 יידן וואָס זיינען פון גאַנץ וואַרשע געקומען אין נאַזשיקס שול לויבן גאָט, דערציילן וועגן זיין גרויסקייט און דאַנקען וואָס ער האָט זיי אויסגעקליבן פאַר זיין „אויסדערוויילט פאָלק".

פון די זעכצן יידן זיינען נאָר צוויי ריכטיקע וואַרשעווער. די אַלע אַנדערע זיינען דאָ סתם פאַרבליבן נאָך דעם חורבן; נישט געהאַט קיין כוח צו לויפן, אָנהייבן „אויפסניי". זיינען זיי פאַרבליבן און האַלטן אויף דאָס יידישקייט אין וואַרשע. דער גבאי איז דער ענערגישסטער און ער רעדט פאַר אַלעמען.

די פּנימער זיינען האַרטע, פאַרשטיינערטע. די אויגן ווי אויסגעלאָשן. דער איינדרוק איז, אַז זיי קוקן זיך כסדר אַרום, כאָטש ס'איז דאָ קיינער נישטאָ.

— היינט איז דער „שוואַרצער שבת", מאָרגן איז תשעה באב. קומט צוגיין היינט אָוונט, נאָך הבדלה, מ'וועט דאָ זאָגן „איכה" — בעט אונדז דער גבאי.

אין דער זייט איז געשטאַנען אַ נידעריקער מענטש אין אַ מאָדנעם הילוך: פון פאָרנט און פון דער פּלייצע האָבן אַראָפּגעהאָנגען צוויי פולע זעק. פון איין זאַק האָט זיך געזען אַ בלויער טאָפּ. דאָס היטל איז געווען פאַררוקט איבער די אויגן, וואָס האָבן ווי געשפּאָט פון דעם אַרום און ספּעציעל פון די מענטשן מיט וועלכע מיר האָבן גערעדט.

— גוט שבת, רעב ייד — האָב איך אויסגעצויגן מיין האַנט צו אים.

— גוט שבת — האָט ער געענטפערט מיט אַ ליטווישן „סין". ס'איז היינט דער „פינצטערער סאַבעס" — האָט ער איבערגעחזרט וואָס ער האָט פריער געהערט.

— ס'איז אליהו הנביא — האָט מיין פרוי איבערגעחזרט מלכה טוזמאַנס אַ זאָג

וועגן בעטלער וואָס מען טרעפֿט אין וועג.

באַלד האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דער ייִד שטאַמט פֿון גלובאָקע לעבן ווילנע און איז געווען אַן אינזשעניר צו די בריי־דער מאַרק; גוט געקענט זלמן רייזען; דערמאָנט אַ ליד פֿון משה קולבאַק אויף אויסווייניק; געקענט ד״ר שאַבאַד; גערעדט מיט ליבע וועגן פּרצן.

די אַרומיקע האָבן אונדז געוואָרנט, אַז דער בעטלער איז משוגע. קיינער ווייסט נישט ווי ער הייסט, קיינער ווייסט נישט ווו ער נעכטיקט; מען זעט אים נישט עסן און אויף אַלע באַמיִונגען אַז ער זאָל גיין אין מושב זקנים, האָט ער געהאַט איין ענטפֿער: מען סמט דאָרטן אָפּ די זקנים...

גערעדט האָט ער לאָגיש, צו דער זאַך, אינטעליגענט. די אַרומיקע אָבער האַלטן אים פֿאַר אַ משוגענעם. אַ ניסתר.

* * * * *

ווען ס׳איז צוגעפֿאַלן דער אָוונט האָבן אונדז עטלעכע פּוילישע קינדער געוויזן אַ קירצערן וועג צו דער שול. נאָר עט־לעכע ייִדן זיינען געווען פֿאַרזאַמלט. דער „שבת־גוי״ האָט אַריינגעבראַנגט צוויי גרויסע ליכט וואָס האָבן געוואָרפֿן משונה־דיגע לאַנגע שאָטנס אויף דער וואַנט.

די פֿינצטערניש האָט געדריקט, דאָס קופּקעלע ייִדן זיינען געזעסן נידעריק אַרום די צוויי ליכט און ווי נאָר דער גבאי האָט אָנגעהויבן זאָגן־וויינען „איכה״ האָט אין קרעכץ פֿאַראייניקט די שאָטנס און די ייִדן און כ׳האָב בפירוש געפֿילט אַז די שול, די בענק, דער בעלעמער, ארון קודש, די צוויי ברענענדיקע ליכט ציטערן, שאָקלען זיך און אַז פֿון די ווענט, פֿון דאַך, פֿון דיל, הערט זיך אַ געוויין, אַ קרעכ־צעניש.

איכה — אונדזער שטאָט איז ווי אַן אַלמנה געבליבן אַליין און זי האָט נישט קיין טרייסטער און איז איינזאַם. די טו־רעמס פֿון ירושלים האָבן זיך גענייגט צו דעם קוים זעבאַרן טורעמל פֿון נאַ־זשיקס שול און געפֿליסטערט: צוויי טויזנט יאָר זיינען מיר אין איינזאַמקייט געזונקען, ביז ס׳איז געקומען אונדזער צייט פֿון אויפֿריכטונג...

דער מנין ייִדן אין דער נאַזשיק שול פֿון וואַרשע האָבן מיט זייער ברומען גע־שטורעמט די טויערן פֿון הימל: גאָט האָט אומגעבראַכט אָן רחמנות אַלע געצעלטן פֿון יעקב; צעשטערט אין זיין צאָרן די פֿעסטונגען פֿון דער טאָכטער יהודה, זיי געבראַכט צו דער ערד.

איכה. דער מנין ייִדן פֿון גאַנץ וואַרשע זיצט דאָ געזונקען נידעריק צו דער ערד און וויינט נישט. זיי זאָגן־נאָך נישט פֿאַר־שטענדלעכע ווערטער און דער גרויסער פֿינצטערער זאַל מיט די עטלעכע ייִדן ווערט פֿול פֿון אַ געבריל, אַ מין רעווען פֿון פֿאַרווונדעטע.

די עלנטקייט פֿון איבער 2000 יאָר ייִדישע געשיכטע האָט אַראָפּגענידערט דאָ אין נאַזשיקס שול אין וואַרשע. די קולות פֿון ירושלים האָבן זיך צונויפֿ־געגאָסן מיט די קולות פֿון וואַרשע.

פֿון דרויסן האָבן מיר דערהערט אַ מין דונער, וואָס האָט זיך איבערגעחזרט מיט אַ ווידערקול. אַ בליץ האָט אויף אַ ווײַלע באַלויכטן די שול. פֿון דעם מנין ייִדן האָט מען נאָר געזען אַ טונקעלן פֿלעק פֿון צונויפֿגעטוליעטע שאָטנס.

„קער אונדז אום צו דיר, גאָט, און לאָמיר זיך אומקערן;
באַניי אונדזערע טעג ווי אַמאָל;
וואָרום אויב פֿאַראַכטן האָסטו אונדז פֿאַראַכט,
האָסטו אָבער געצערנט אויף אונדז ביז גאָר.

קער אונדז אום צו דיר, גאָט
און לאָמיר זיך אומקערן;
באַניי אונדזערע טעג ווי אַמאָל...״
(ייִדיש: יהואש)

די ליכט האָבן נאָך געצאַנקט.

די שול האָט זיך איינגעהילט אין אַ שטילקייט.

דער געהיימנישפֿולער בעטלער איז פֿאַרשוווּנדן.

רבקה קאָפּע / פּאַריז

# צוויי לידער

## אַרומנעמען די וועלט

עס האָט שוין פון צייטן אין ליד אָפּגעקלונגען
און אין די ביכער פון פּראָזע געפּלייצט,
אַז דאָס זאַלץ פונעם שוויס, וואָס געדונגען,
איז אויך געבונדן מיט פריידן געקרייצט.

דאָס לעבן אַנטקעגן טראָגט גאָלדענע זשמעניעס
און שפּרייט אויס פאַר יעטוועדן זיין חלק.
נאָר אַליין מוזטו גרייטן דיין געני
און נעמען דאָס וואָס דיר איז פאַרטייליק.

זיך קאָנען מיט שמחות און ליידן פאַרשפּינען,
מיט יעדן געטלעך געשאַנק פון נאַטור.
אין דעם אַלעם געפונען אַ זינען,
אויך אינעם וואָלקן, וואָס דריקט אויף אַזור.

פאַרכּפלען דעם גאָב פון אַלע פינף חושים,
עס האָט דאָך יעדער חוש אַ נשמה...
ווען עס האַלדזן זיך כוואַליעס און קושן,
צי ווען אַ פויגל וועקט צו השכּמה.

אויך אין די שעהען, וואָס צעשפּרונגען אין מינוטן
און רויבן די צייטן מיט ווייזערס־שטראַלן;
אַלץ פאַרבינדן מיט נוצן פאַרגיטן
און פאַרמורמלען מיט וואָרטלעכע קוואַלן.

— — — — — — — — — — — —

פון שמייכלען און קריצן און דונער־געפאַרן —
קערנער צום לעבן ברעכן־אויף דילן!
דאָס וואָס געמיט דאָס פולע צעשפּאַרן,
צעוואַלצן זאָלן גייסטיקע מילן.

# רעגן

די וואָלקנס האָבן איינגעדעקט די זון
און וויגן זיך מיט אַ ליד פֿונגעווייַן.
עס האָט זיך צעהוליעט דער רעגנגאָט,
לבֿנה גלאַנצט מיט אַ פּנים פֿון שטיין.

עס טראָפּנט און צימבלט איבער שויבן,
באָמבלען זיך אויף צווייגן קאַלטע פֿונקען;
עס כאַפּט זיי דער ווינט אין זייַנע פֿאַלעס —
און בלומען — שיכור פֿון צופֿיל טרינקען.

ס'איז טייל מאָל אָן מאָס, אָן סדר די וועלט —
צעטרייסלט ווי ביי אַ מענטש דאָס געזונט.
די וואָג איז פֿאַרוואָרפֿן, דער פּאַס איבערפּולט
און ס'פּלייצט אַריבער דעם פּראַפּן, דעם שפּונט...

כ'קאָן נישט אָנשטעלן ס'אויער פֿון מיין האַרץ,
צו הערן קלינגען דעם זון־געשלידער—
וויל איך פֿון יעדן צאַפּל פֿון צייטשטראָם,
כאָטש איבערלאָזן אייביקע לידער.

רעד צו מיר יידיש (סוף פֿון זייט 29)
אין דער אַראַבישער ביסטראָ די שאַרפֿע גלעזלעך קאָניאַק „שבֿע־שבֿע־שבֿע". דאָס האָט ער זיי באַלד פֿאָרגעלייגט צו פֿירן זיי אין זיין צעטרייבערטן „דזשיפּ" איי־בערן לאַנד, און— האָט זיי נאָך אַלץ נישט געקענט. אַזוי האָט ער זי דערנאָך געזען, ס'מיידעלע, פֿלאַטערן איבער די געסלעך פֿון אוראַלטן צפֿת, אין די געסלעך פֿון אַר״י הקדוש, פֿון רבי שמעון בר יוחאי... איר מיילכל האָט אַזוי זיס גערעדט, ווי וועגן אייגענע באַנטע געשטאַלטן — שלמה מולכו, יהודה הלוי, רמב״ם.

פֿאַרן פֿלאַטערדיקן סאַברע־ייִנגל דאַני איז עס אַלץ געווען — די סאַמע וואָכע־דיקייט, די קרומע לאָגיק פֿון אַ „כנעני". איר שאַלעכל, האָט ער געזען, ווייעט זיך איבער די שמאָלע געסלעך פֿון צפֿת, און ער האָט אַלץ געפֿלאַטערט נישט צו פֿאַר־לירן זי פֿון אויג. וואָס האָט ער דען געוווסט, דער אָרעמער? ער האָט זיך נאָר געפֿרעגט: ווי קומט עס?... און די ווייטע, אומקלאָרע בענקשאַפֿט איז אים כסדר נאָכגעגאַנגען.

משה מאַנדלבוים

# איר שענסטער שמחת תורה

(דערציילונג פון אַ וועלט וואָס איז מער נישטאָ)

דער חודש אלול האָט שטענדיק גע־בראַכט אַ ימים־נוראימדיקן ערנסט אין שטעטל, און דאָס קול פון שופר בלאָזן, וואָס האָט זיך געטראָגן דורך די אָפענע פענצטער פון די בתי מדרשים יעדן אין דער פרי, האָט נאָך מער פאַרשאַרפט דעם ערנסט. יידן זיינען געגאַנגען אין די פרי־מאָרגנס צום דאַווענען, און פאַרנאַכטס צו מנחה־מעריב, מיט ערנסטע ימים־נוראימדיקע פנימער. דער חודש אלול האָט אַלעמען אָנגעפילט מיט שרעק, מיט מורא פאַר פאַר דעם יום הדין וואָס דער־נענטערט זיך מיט יעדן טאָג.

אָבער איצט, שוין האַלב אלול, איז אין הויז ביי שיינע טויבען, דער רייכער אַל־מנה, אַ גרויסע שמחה. זינט זי האָט אי־בערגעגעבן צו ר' משה אהרן דעם סופר, אַז ער זאָל שרייבן איר ספר תורה, אַן אָנדענק פאַר איר גאָטזעליקן מאַן, פלעגט זי אַ גאַנצן זומער, כמעט יעדן פרימאָרגן צוריקגייענדיק פון דאַווענען מיט איר שווערן קרבן־מנחה סידור, אַרומגעבונדן מיט אַ ווייס פאַרטשיילעכל, אַריינקומען צו ר' משהאַהרן דעם סופר מיט אַ גרויס דרך־ארצדיקן „גוט מאָרגן" און שטיל אים בעטן אַז די ספר תורה זאָל פאַרטיק ווערן צו די ימים טובים. זי האָט זייער שטאַרק געוואָלט אַז דעם שמחת תורה זאָל מען אין שול צו די הקפות אויך אַרומגיין מיט איר ספר תורה, וואָס זי וועט אָם ירצה השם געבן אין שול אַריין ווי אַן אָנדענק פאַר איר גאָטזעליקן מאַן און ווי אַ מתנה און אַ דאַנק צו דעם וואָס אין הימל פאַר די יאָרן וואָס זי בעט און האָפט אַז ער זאָל איר נאָך שענקען.

ר' משה אהרן סופר, אַ שיינער ייד, אַ הויכער מיט אַן הדרת פנים, זיצט איבער־געבויגן ביים טיש, מיט צוויי פאַר ברילן אויף די אויגן, זיין שיינע ווייסע באָרד איינגעהילט אין זיין טונקל גרינעם שלאָף־ראָק, און שרייבט די הייליקע אותיות אויף דעם פאַרמעט. ער ענטפערט איר, נישט אָוועקנעמענדיק זיינע באַברילטע אויגן פון זיין מלאכת הקודש, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך: „גוט מאָרגן, גוט יאָר, ס'וועט זיין אי"ה, ס'וועט זיין פאַר־טיק, בלי נדר, מיט גאָטס הילף."

* * * * *

איז איצט די גרויסע שמחה ביי שיינע טויבען. די גרויסע סאַליע אין איר רייך הויז איז פול מיט יידן. דאָס געזאַנג און שפּילן פון די קלעזמער רייסט זיך דורך די אָפענע פענצטער, צוזאַמען מיט די פאַסן ליכט פון די בליצלאָמפּן, וואָס פאַלן אויף די קעפּ פון דעם גרויסן עולם וואָס שטייט אין דרויסן. זיי רייסן זיך אַריינ־צוקוקן אין דעם זאַל, ווו עס ווערן פאַר־קויפט און מען שרייבט אַריין די לעצטע אותיות אין דער ספר תורה, מיט מוזיק און געזאַנג. דאָס געזאַנג מישט זיך אויס מיט די אויסגעשרייען: לחיים! לחיים! עס שמעקט מיט לעקעך און בראָנפן.

צווישן דרויסנדיקן עולם שטופּן זיך שניידער־יינגלעך מיט באַהאַלטענע נאָדל־פאָדעם אין די הענט, טוען אָפּ שפּיצלעך, נייען צענויף אַ כאַלאַטל מיט אַ קליידל, אַ קליידל מיט אַ כאַלאַטל, אַ יינגל מיט אַ מיידל, אַ מיידל מיט אַ יינגל... און אַט האָט אַ התלהבותדיק געזאַנג אַרויס־געשטורעמט דורך די אָפענע פענצטערס: די קלעזמער האָבן אויפגעשפּילט אַ מאַרש — מ'האָט אַריינגעשריבן דאָס לעצטע אות אין דער ספר תורה.

מיט געדרענג און שטופּעניש לאָזט זיך דער עולם מיט דער ספר תורה אַרויס פון זאַל אויף דער גאַס, ווו עס וואַרטן אויף אַנדערע צו פירן מיט פאַראַד די נייע ספר תורה אין שול אַריין. די צוזאַ־מענגעגנייטע יינגלעך מיט די מיידלעך ווילן לויפן אנטייל נעמען אין דעם פאַראַד אָבער קענען זיך נישט אָפּרייסן איינס פונעם אַנדערן...

ענדלעך שטעלט זיך דער עולם אין מיט אַ סדר. ר' חיים, שיינע טויבעס אַ לאַנג־יאָריקער פריינד, אַ כשרער ייד מיט אַ הדרת פנים, מיט אַ שיינע, לאַנגע,

ווייסע באָרד און פאות, אין אַ ווייסן קיטל איינגעהילט אין זיין טלית, טראָגט די נייע ספר תורה אונטער אַ חופה. די ספר תורה איז אָנגעטאָן אין אַ נײַ, רויט, סאַמעטענעם מענטעלע, אויף וועלכן עס איז אויסגענייט צוויי גאָלדענע לייבן, וואָס טראָגן אַ מגן־דוד.

* * * * *

... די באמת שיינע יום־טובדיקע טעג אין שטעטל. אַחוץ שבתים און יום־טובים זיינען די טעג פון אַ חתונה, אָדער, וואָס עס פּאַסירט זעלטענער, אַ סיום הספר. חדשים און וואָכן גרייט מען זיך צו דער גרויסער פּאַסירונג. שוין די דערוואַרטונג שאַפּט אַ יום־טובדיקייט און שפּאַנונג וואָס ווערט מיט יעדן טאָג שטאַרקער, ביז עס קומט דער גרויסער מאָמענט ווען יונג און אַלט, די „גאַנצע שטאָט" פירט מיט גרויס פּאַראַד און מיט כלי־זמר, חתן־כלה איבער די גאַסן צו דער חופה אויף דעם שול־הויף, אָדער ווען מען פירט די נייע ספר תורה אין שול אַריין.

פּאַרויס דעם פּאַראַד שפּאַנט יונה בלאַכער אויף הויכע שטאָלצן און אויסטערלישע לאַנגע בגדים. ער טראָגט אַ מאַסקע אויפן פּנים און אַ הויכע גאָלד־פּאַפּירענע קרוין אויפן קאָפּ, און שרייט אַריין אין אַ לאַנגע בלעכענע טרובע, וואָס ער האָט אַליין געמאַכט: „פּנו דרך! פּנו דרך! תן כבוד לתורה! יידן, מאַכט אַ וואַרע! די תורה גייט!" יונה שפּאַנט היין און צוריק, ווי ער וואָלט אויסגעטאַנצט אַ ברייט שפּרייזנדיקן טאַנץ. יונה איז איצט געוואַלדיק ברייט און הויך. חדר־יינגלעך רינגלען זיך אַרום אים, פאַרגלייכן אים צו עוג מלך הבשן, און שרעקן זיך, אַז יונה וועט מיט זיין טאַנצן און שפּרינגען אַזוי לאַנג קאָמאַנדעווען, ביז ער וועט מיט זיין הויכע שפּיציקע קרוין פּאַרטשעפּען די לבנה און זי נאָך אַרונטערוואַרפן.

נאָך יונהן קומען די „רייטער", „פּאַרשטעלטע" יידן אָנגעטאָן אין זייערע ווינטערדיקע פּעלצן, איבערגעדרייט אויף דער לינקער זייט, אַרומגעגאַרטלט מיט ברייטע פיל־קאָלירטע גאַרטלען, מיט רויטע, געלע, גרינע, הויכע קרוינען אויף די קעפּ. זיי רייטן מיט שטאָלצע פּאַריסענע קעפּ אויף זייערע באַלעגאָלישע מיט סטענגעס באַפּוצטע פערד, מיט ברענענדיקע שטורקאַצן אין די הענט, ווי זיי וואָלטן געווען די אמתע גיבורי ישראל.

אין ביידע זייטן פון די רייטערס לויפן יונגען מיט הויכע ברענענדיקע שטורקאַצן, וואָס וואַרפן אַ רויט־געלבלעך ליכט וואָס מישט זיך אויס מיט דעם בלויען לבנה־שיין. טייל בלאָזן אַרויס אַ מויל נאַפט אויף דעם ברענענדיקן שטורקאַץ. דער אַרויסגעבלאָזענער נאַפט צינדט זיך אָן אין אַ פלאַם און וואַרפט אַ רויטן אָפּשיין אויף דעם פּאַראַד, אויף דער גאַס, אויף די ווייסע הייזער מיט די רויט־געפאַרבטע דעכער.

נאָך די רייטער גייט בן־ציון שמש פון דער שול אין זיין שבתדיקער קאַפּאָטע. אַ שיינער ייד מיט אַ שיינער שוואַרצע באָרד און פאות. ער טראָגט אַ הויכן פיל־קאָליר־געפאַרבטן שטעקן, אַ ריזיק גרויסן לאַמטערן, וואָס ער האָט אַליין געמאַכט. אויף די פיר ווענט פון דעם לאַמטערן, אונטערגעקלעפּט מיט דינעם פיל־פאַרביקן פּאַפּיר, האָט בן־ציון שמש געאַרבעט וואָכן לאַנג, ביז ער האָט אויסגעשניצט די אַלע פייגל, הערשן, לייבן, מנורות, מגן־דודס, בלומען אין די פסוקים.

אין דעם לאַמטערן ברענט אַ גרויסער נאַפט־לאָמפּ. ער דרייט דעם שטעקן מיט דעם לאַמטערן און אָט באַווייזט זיך אַ פייערדיקער לייב מיט אַ רויטער צונג און גרין־פייערדיקע אותיות איבער דעם לייב: „גבור כארי"! אויף אַ צווייטער זייט באַווייזט זיך אַ פייערדיק־ברוינער הערש מיט גאָלדענע הערנער און ליכטיקע אותיות איבער אים: „רץ כצבי"! דער לאַמטערן שיינט מיט זיינע פיל־קאָלירטע, ליכטיקע שניצערייען אַנטקעגן דער חופה מיט דער ספר תורה.

ביי דער חופה גייען די קלעזמער. הערש נחום מיט זיין פידעלע אין מיטן, שעפּסעלע פויקער פון איין זייט, און הערש בער מיט זיין באַס — פון דער צווייטער זייט.

הערש נחומס ברוין בערדעלע מיט די זילבערנע פעדים מישט זי דאויס מיט זיין ברוין פידעלע מיט די העלע סטרונעס, אויף וועלכע עס לויפט איצט אַרויף און אַראָפּ, מיט אַזוי פיל חשק, דער סמיטשיק. ער טאַנצט מער ווי ער גייט, הערש נחום, אַזוי ווי עס טאַנצן זיינע

פינגער אויף די סטרונעס. ער גייט און
טאַנצט הינטערווייליעכץ, מיטן פּנים צו
דער חופּה, צו דער תורה. ער שפּילט
און טאַנצט לכבוד דער תורה.

שפּעלע פּויקער, וועלכער איז באַ־
ווּסט אין שטעטל פאַר זיינע וויצלעך און
שפּיצלעך וואָס ער טוט אָפּ די מיידלעך
און די יונגע ווייבלעך אויף די חתונות,
איז איצט אין גאַנצן אַן אַנדער מענטש.
אַ גרויסער ערנסט ליגט אויף זיין פּנים
מיט די ברוינע זומערשפּרענגלעך און זיין
רויט געשוירן בערדעלע. ער באַמיט זיך
מיט זיין גאַנצן טאַלאַנט, וואָס שענער און
וואָס קונציקער אויסצופּיקלען און אויס־
צוקלינגען מיט די מעשענע טעצעלעך
און גלעקעלעך אַרום דעם פּיקל, צום
טאַקט פון הערש נחומס פידעלע אַזש די
ברוינע זומער־שפּרענגלעך טאַנצן אויף
זיין פּנים.

אפילו הערש בער מיט דער „יאַלאַטש־
קע" (אַזוי האָט מען אין שטעטל געחוזקט
פון זיין גרויסן באַס), וואָס גייט ביי הערש
נחומס רעכטער האַנט, איז איצט אויך
נישט דאָס וואָס אַלע מאָל. אַחוץ וואָס
הערש בער איז אַ קלעזמער, שפּילט אויפן
באַס, האָט ער נאָך אַ מלאכה, וואָס העלפט
אים אַרויס אין זיין אָרעמער פּרנסה. ער
פּירט דאָס „געשעפט" שטענדיק מיט זיך:
אַ שערל מיט אַ קעמל איינגעוויקלט אין
אַ שטיק לייוונט און פאַרשטעקט אין אַ
ברייטע כאַליעווע פון די שטיוול. אַלטע
יידן לאָזן זיך פון אים שערן, חדר־ייִנג־
לעך — נישט. ער שערט מיט „זאַגאָנעס",
זאָגן זיי.

הערש בער איז אַמאָל געווען אַ ניקאָ־
לאַיעווסקער סאָלדאַט, געריטן אויף אַ
פערד און געבלאָזן אין אַ ריזיקן טרומייט,
וואָס האָט זיך געוויקלט אַרום אים ווי אַ
גראָבע שלאַנג מיט אַ גרויס צעעפנט מויל
איבער זיין קאָפּ. איצט „שפּילט" ער אויף
אַ באַס. הערש בער קען אָפּגרעמפּלען
אויפן באַס אַ גאַנצע חתונה און קיין איין
מאָל נישט אויפהייבן זיינע שטענדיק פּייכ־
טע אויגן העכער פון די שפּיצן פון זיינע
אויסגעטראָטענע שטיוול. הערש בער
רעדט נישט — וואָס וועט ער רעדן, וואָס,
אויף זיין פאַרגוויאישטן יידיש? ער האָט
נישט וואָס צו רעדן. און גיט ער שוין
אַמאָל עפּעס אַ ברום דורך זיין געדיכטער
באָרד און וואָנסעס, איז אַזוי אומפּאַר־
שטענדלעך ווי דאָס ברומען פון זיין באַס.

ביי הערש בערן טוט זיך איצט עפּעס
אינעווייניק. זיין געדיכטע באָרד ציטערט,
באַוועגט זיך, ווי ער וואָלט עפּעס גע־
ברומט. ער וויל אפשר אַזוי ווי הערש
נחום, אויך טאַנצן הינטערווייליעכץ אַנט־
קעגן דער תורה. ער דרייט זיך שווער
מיט זיין גרויסן באַס, פּירט דעם סמיק
הין און צוריק. אָט איז ער שוין מיטן
פּנים צו דער תורה. זיין שווערער קאָפּ
מיט דעם ברייטן שוואַרץ־טוכענעם היטל
הייבט זיך. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף
דער חופּה, דערזען ווי ר' חיים אין ווייסן
קיטל און טלית טאַנצט מיט דער רויטער
ספר תורה, האָט ער באַלד זיינע צעעפנטע
אויגן צוריק האַלב פאַרמאַכט, דעם קאָפּ
צוריק אַרונטערגעלאָזט, יאָגנדיק דעם
סמיק אַהין און צוריק. הערש בער האָט
זיך פאַרשעמט, אפשר גאָר זיך דערשראָקן
פאַר דער הייליקייט, פאַר דער ספר תורה...

שיינע טויבע, אויסגעפּוצט ווי אַ מלכה
אין איר ווייסן סאַטין דעליאַנענעם חופּה־
קלייד, וואָס פון זינט נאָך איר חתונה טוט
זי עס אָן נאָר איין מאָל אין יאָר, יום כיפּור
צו כל נדרי; באַהאַנגען מיט איר צירונג,
די כלה מתנות וואָס ער ע"ה האָט איר
געשאָנקען; די לאַנגע גאָלדענע דיוויסקע,
די גרויסע „ציטער־שפּילקע", די ברי־
ליאַנטענע אוירינגלעך, וואָס בליצלען פון
אירע אויערן, און די זיבן שנירלעך פּערל
וואָס וויקלען זיך אַרום איר האַלדז, און
אויפן קאָפּ טראָגט זי איר שבתדיקע
קאָפּקע באַצירט מיט קאָלירטע פעדער־
לעך. שיינע טאַנצט איצט אַרום דער
חופּה אַנטקעגן דער הייליקער תורה מיט
אַ גרויסער געפלאָכטענער סעודה־חלה,
וואָס זי טראָגט מיט ביידע הענט הויך
איבערן קאָפּ. זי זינגט און טאַנצט, וואָס
זי האָט דערלעבט צו אַזאַ גרויסער תורה־
פרייד. שיינע טויבע טאַנצט מיט טרערן
אויף אירע באַקן, וואָס שיינען אין דעם
ליכט פון די שטורקאַצן, ווי די זיבן
שנורל פּערל אַרום איר האַלדז.

אַ שאַרפער פייף שניידט דורך די לופט.
כעמיעלע פייפט! כעמיעלע איז באַוווּסט
אויפן מאַרק צווישן די באַלעגאָלעס און
טרעגערס פאַר זיין פייפן. אַז ער באַ־
ווייזט זיך אויפן מאַרק אַ באָרוועסער אין

זיינע טראַנטעס מיט עפּעס אויף זיין קאָפּ וואָס דאַרף זיין אַ היטל — אַ ייד וועט דאָך נישט גיין אָן אַ היטל — ווערט אַ געשריי צווישן חברה טרעגערס און באַלע־גאַלעס: „כעמיעלע, אַ פּיף!" אָבער כע־מיעלע גרויסט זיך מיט זיין טאַלאַנט. ער ווייסט אַז קיינער אין שטאָט קען נישט פּייפן אַזוי ווי ער, לאָזט ער זיי שרייען, „אַ מכה וועט ער זיי פּייפן." אָבער איצט לויפט כעמיעלע מיט זיינע צעקלאַפּטע באָרוועסע, הינקענדיקע פיס. דאָ פון איין זייט און אָט איז ער אויף דער אַנדערער זייט, דערלאַנגטאַ רוק אַריין די צוויי פינ־גער אין ביידע זייטן מויל, גיט דאָרט אַ פאַרבייג די צונג אויף אַרויף, און יעדער פּיף זיינער שניידט די הימלען. קיינער דאַרף אים איצט נישט בעטן ער זאָל דערלאַנגען זיין באַרימטן פּיף. ער פּייפט און הערט נישט אויף צו פּייפן, לאַכט הויך אויפן קול, פריידט זיך. כעמיעלע פּייפט לכבוד דער תורה.

ענדלעך קומט דער פּאַראַד צו דער שול. מיט מוזיק און געזאַנג פירט מען די תורה אַריין אין שול, מ'זינגט און מ'טאַנצט מיט איר אַרום באַלעמער, ביז מ'שטעלט אַריין די נייע ספר תורה אין אָרון קודש.

... מאָרגן ביינאַכט וועט ביי שיינע טויבען אין סאַלאָן זיין די גרויסע סעודה. איצט גייט יעדער אַהיים צו זיין געסל, צו זיין שטיבל. עס ווערט שטיל, אַ שפּעט ביינאַכטיקע שטילקייט. פון ווייטנס הערן זיך קוים די לעצטע שווערע טריט פון די פערד מיט די רייטערס, אויף זייער וועג אַהיים.

די לבנה און די שטערן זיינען איצט נאָך ליכטיקער און נאָענטער, אַזוי אַז מען הערט זיי דאַכט זיך אין דער ביינאַכטיקער שטילקייט.

אַ בלייכער שטראַל רייסט זיך דורך אַ שפּאַלט פון אַ לאָדן, פאַלט אויף דער גאַס און פאַרלעשט זיך. ש־ש־ש־אַ־אַ, דאָס שטעטעלע שלאָפט, מיין שטעטעלע שלאָפט...

* * * * *

ענדלעך איז געקומען דער גרויסער יום־טובדיקער טאָג, אויף וועלכן שיינע טויבע האָט אַזוי לאַנג און שטאַרק גע־האָפט און געוואַרט: שמחת תורה! זי זיצט אויף איר „שטאָט" ביי דער מזרח־וואַנט פון עזרת נשים און קוקט אַראָפּ אין שול מיט טרערן אין די אויגן פון גרויס פרייד. זי קוקט צו די מאַנסבילן, וואָס זינגען און טאַנצן אַרום באַלעמער אויף מיט איר ספר תורה... די ווייבער אַרום ווינטשן איר מזל־טוב! צו דער גרויסער שמחה וואָס זי האָט דערלעבט, באַוואַרפן זי מיט ברכות אויף לאַנגע, לאַנגע פריילעכע יאָרן.

ווען די יידן אין שול און אין די בתי מדרשים זיינען שוין פאַרטיק געוואָרן מיטן דאַווענען, מיט די הקפות, מיטן זינ־גען און טאַנצן, זיינען זיי אויפן וועג אַ־היים פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם געזאַנג, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די חסידים־שטיבלעך אין די זייטיקע געסלעך. דאָרט ביי זיי, איז די שמחת תורה פרייד נאָך געווען אין פולן ברען. חסידים האָבן „אַרויסגעגנבעט" די טעפּ מיט די קרעפּ־לעך, די בלעכן מיט די טאָרטן, וואָס זיי־ערע ווייבער האָבן אָנגעקאָכט און אָנ־געבאַקן אויף יום־טוב, און האָבן עס גע־ברענגט אין די „שטיבלעך", ווו מ'האָט געצאַפּט ביר פון די פעסלעך, געגעסן און געטרונקען, געטאַנצט און געזונגען. אין אַמשענאָווער חסידים־שטיבל האָט דער לאָמער יואל דער גמרא־מלמד, וואָס קען אַ פוס ניט שטעלן אָן זיין שטעקן, אַוועק־געוואָרפן דעם שטעקן און געטאַנצט אויף דעם לאַנגן טיש...

שיינע טויבע איז געזעסן ביי אַ ברייט־צעעפנטן פענצטער אין איר סאַלאָן, זיך איינגעהערט צום התלהבותדיקן געזאַנג, וואָס איז געקומען פון די חסידים־שטיב־לעך. פאַר אירע אויגן האָט זי נאָך געזען די מאַנסבילן אין שול טאַנצן און זינגען מיט איר ספר תורה, און זי האָט שטיל געשעפּטשעט: גאָטעניו! איך דאַנק דיר גאָטעניו אין הימל פאַר דעם שענסטן שמחת תורה אין מיין לאַנגן לעבן, אָמן ואָמן.

רבקה סאַוויטש-גאָלאָמב

# פון שפּיטאָל

## I

### רעליגיעזע און פרומע פּאַציענטן

בעת מיין אַרבערענגען פיר חדשים אין שפּיטאָל איז מיר אינטערעסאַנט געווען צו אָבסערווירן דעם אויפפיר פון די קראַנקע און דעם אופן פון זייער רעאַגירן אויף פאַרשיידענע דערשיינונגען.

ווען מען שטויסט זיך צונויף אויג אויף אויג מיטן טויט הייבט מען אָן צו זען זאַכן גאָר אין אַן אַנדער ליכט און אָפּשאַצן ווערטן גאָר מיט אַן אַנדער מאָס.

איך וואָלט די קראַנקע איינגעטיילט אין צוויי קעגן־געזעצטע גרופּעס. צו איין גרופּע באַלאַנגט אַ מינדערהייט וואָס מען קען זי אויסציילן אויף די פינגער פון איין האַנט. געציילטע מענטשן ווערן אין אַנבליק פון טויט דורכגענומען מיט שטאַרקע רעליגיעזע עמאָציעס. זיי זעען געטלעכקייט אין יעדער געוויינלעכער טאָג־טעגלעכער דערשיינונג. די קלענ־סטע ענדערונג אין דער נאַטור רופט אַרויס ביי זיי געוואַלדיק טיף־רעליגיעזע געפילן און פאַרשאַפט זיי אַן אַ שיעור פרייד. מעג עס זיין אפילו אַ קליין פייגעלע וואָס פּיקט מיטן שוועבעלע אין פענצטער, אָדער אַ קאָלירט פלאַטערל וואָס פאָכעט מיט די פליגעלעך; אַ ווייסער וואָלקנדל וואָס שווימט איבערן טיף־בלויען הימל; אַ באַבלעטערטער בוים וואָס רוישט און וויגט זיך מאַיעסטעטיש אין ווינטן; אָדער דאָס שפּילן זיך פון זונ־שטראַלן אין ליכט און שאָטן. אפילו אַ קליין ווערעמל וואָס פויזעט אין זאַמד, אפילו אין אים דערפילט מען אויך דאָס פּערמאַנענטע און אייביקע. דער גאַנצער אַרום ווערט פול מיט געטלעכקייט און דערהויבונג. זאַכן וואָס זיינען פריער געווען פון גרויס וויכטיקייט פאַרלירן זייער ווערט און קלייניקייטן הייבן אָן צו פאַרנעמען דעם אויבן־אָן.

דאָס זיינען אָבער נאָר געציילטע פּאַציענטן, וואָס באַלאַנגען צו דער מינדערהייט — די מערהייט קראַנקע באַלאַנגען צו דער גרופּע פון די פרומע. אין אַנ־בליק פון טויט ווערט זייער מורא אָנגע־בלאָזן אויסער יעדער פּראָפּאָרץ. גאָר אַ סך פאַלן אַריין אין אַ טיפער דע־פּרעסיע און פאַרצווייפלונג און מען הייבט אָן צו זוכן מיטלען נושא חן צו זיין אין די אויגן פון אַלמעכטיקן, כדי ער זאָל זיך מרחם זיין איבער זיי. אויף די טישלעך לעבן די בעטן שטייט ביי אַ סך קראַנקע די „הייליקע מאַמע" ווי אַ פאַרמיטלערין צווישן פּאַציענט און גאָט. אַנדערע ליגן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט און זיינען מתפלל צום אויבערשטן ער זאָל זיך מרחם זיין איבער זיי.

אין מיין צימער, אין דער שכנותדיקער בעט איז געלעגן אַן אַלטע 75־יאָריקע פרוי. געקומען איז זי קיין אַמעריקע אין עלטער פון 15 יאָר; און כאָטש ס'זיינען שוין אַוועק זעכציק יאָר פלעגט זי אין די נעכט זאָגן אירע תפילות אין דער פינצ־טער אויף רוסיש. זי איז געווען זיכער אַז אין איר מאַמע־לשון וועט איר דער רבונו של עולם בעסער פאַרשטיין.

כ'דערמאָן מיך אַ קוריאָז וואָס קלינגט ווי אַ וויץ: אין שפּיטאָל, אין דער נעווראָ־לאָגישער אָפּטיילונג, אָבער אין אַ צווייטן צימער, איז געלעגן אַן עלטערע קראַנקע מיט אַ טיפּיש יידישן פּנים. אויף מיין שאלה, אויב זי איז אַ יידישע — איז זי גאָר געוואָרן בייז אויף מיר: ס'טייטש, ווי קום איך גאָר זי חושד זיין אין אַזאַ מין בילבול? „ניט איז ניט", האָב איך געטראַכט. מאַכט זיך איין מאָל, אַז מיר זיינען ביידע געווען אין דער זעלבער צייט אין דער אוראָלאָגישער אָפּטיילונג. ביידע זיינען מיר געווען אין זעלבן צימער אָפּגעטיילט מיט אַ דינעם לייוונטענעם פאָרהאַנג. אויך זי איז געווען פּאַראַלי־זירט פון די היפטן ביז די שפּיץ פינגער פון אירע פיס. געקומען זיינען מיר פאַר אַן עקזאַמען פון אורין־פענכער, כדי צו וויסן ווי ווייט ער איז באַשעדיקט פון פּאַראַליז. ווען זי האָט דערהערט אַז אַלץ ביי איר איז אין בעסטער אָרדענונג און איר אורין־פענכער אַרבעט נאָרמאַל, איז

זי אַזוי דורכגענומען געוואָרן פון די גוטע נייעס, אַז זי האָט פאַרלאָרן דעם קאָנטראָל איבער זיך און גענומען שרייען היסטעריש אויפן קול און דווקא אויף יידיש: „כ׳האָב געוווסט, גאָטעניו, אַז דו וועסט מיך ניט פאַרלאָזן און וועסט מיך העלפן אין מיינע שווערע טעג. סוף כל סוף האָסטו דערהערט מיינע תפילות; איך האָב געהאַלטן וואָרט און געטאָן אַלץ וואָס כ׳האָב דיר צוגעזאָגט — האָסטו אויך געהאַלטן וואָרט. געבענטשט זאָל זיין דיין נאָמען!"

ס׳קומט אויס ווי זי וואָלט געמאַכט מיט רבש״ע אַ געשעפטס־טראַנזאַקציע: אויב זי וועט זיך פירן אַזוי און אַזוי וועט זיך גאָט אויך פירן ווי עס דאַרף צו זיין. מיינט עס, אַז רעליגיע איז געוואָרן אַ מאַניפּולאַציע אויסצונוצן גאָט פאַר אייגענע עגאָיסטישע צוועקן. דעם געצנדינערישן שטריך האָב איך באַמערקט ביי די מערסטע קראַנקע: מען האָט כסדר תפילה געטאָן גאָט זאָל באַפרידיקן זייערע פאַרלאַנגען; זיי באַרואיקן פון זייער מורא און זיי צושיקן אַ רפואה שלימה.

כ׳דערמאָן מיך נאָך אַ קוריאָז: אין דער זעלבער נעוראָלאָגישער אָפּטיילונג פון שפּיטאָל איז געווען אַ פּאַראַליזירטער 28־יאָריקער מיטלשול לערער. (ער איז געווען אַ געבוירענער אין אַמעריקע פון איטאַליענישן אָפּשטאַם). מיר פלעגן זיך טרעפן כסדר, יעדן טאָג, סיי ביים עסן, סיי ביי די פיזיאָ־טעראַפּישע באַהאַנדלונגען. ער איז געווען זייער דערשלאָגן, אין אַ שטאַרקער דעפּרעסיע, ווייל ס׳האָט זיך ניט געמערקט ביי אים קיין שום שפור פון פאַרבעסערונג.

אין אַ געוויסן טאָג, ווען כ׳בין געווען אין הויף, איז ער צוגעפאָרן אין זיין רעדלשטול און גיט מיר אַ זאָג: „ס׳איז גוט וואָס דו ביסט דאָ איצט אַליין, ווייל כ׳האָב אַ ספּעציעלע בקשה צו דיר." בשעת מעשה האָט ער זיך פאַרדויטלט און גענומען שטאַמלען. זיין בקשה האָט אויבן אויף אויסגעזען זייער איינפאַך: ער איז שוין, האָט ער מיר געזאָגט, אין שפּיטאָל גאַנצע פינף חדשים; ער דאַוונט יעדן טאָג צום בורא עולם און ביז היינט צו טאָג זיינען זיינע תפילות ניט אָנגענומען געוואָרן; גאָט האָט אים ביז איצט ניט אַרויסגעהאָלפן. זיין מצב האָט זיך לגמרי ניט פאַרבעסערט. אפשר קען איך דאַוונען צו מיין יידישן גאָט און מיינע תפילות וועלן יאָ דערהערט ווערן? „מען קען קיין מאָל ניט וויסן", האָט ער פאַרשעמט צו געגעבן; אפשר וועלן דיינע תפילות יאָ האָבן אַ נוץ?"

ס׳איז געווען טראַגי־קאָמיש. ווער, ווער, נאָר איך האָב אים גוט פאַרשטאַנען; מיר האָבן זיך אַלע גענייטיקט אין רחמים און ווען מען טרינקט זיך כאַפּט מען זיך דאָך אָן אפילו אין אַ שטרוי.

ניט נאָר די מערסטע קראַנקע זיינען זייער פרום, נאָר אויך דער פּערסאָנאַל וואָס באַדינט זיי. די מערסטע טראָגן צלמים און ריידן כסדר מיט פאַרגלאָצטע אויגן וועגן דער וויכטיקייט פון תפילה־טאָן. כ׳דערמאָן מיך ספּעציעל וועגן איין קראַנקן־שוועסטער, אַ פיליפּינערין, וואָס פלעגט מיך כסדר מוסרן, אַז כ׳דאַוון ניט גענוג צו גאָט. כ׳געדענק, אַז זי פלעגט איבערשרייבן גוישע תפילות אויף זייטלעך פּאַפּיר און צושפּיליען זיי צום פאָרהאַנג פון מיין בעט. „דאַוון, דאַוון! וועסטו באַלוינט ווערן. וועסטו ניט דאַוונען — דערוואַרט ניט קיין פאַרבעסערונג!"

נאָך איין טשיקאַוון פּאָרפאַל וועל איך דערציילן: אונדזער רעזידענט דאָקטער, אַ מאָרמאָן, איז געווען נאָך גאָר אַ יונגער מענטש, זייער אַ ווילער, ערלעכער און שטאַרק געטריי זיינע פּאַציענטן. אַזוי ווי מיינע ווייטאָגן אין אונטערשטן האַלבן קערפּער זיינען געווען אומדערטרעגלעך האָט מען אויסגעפּרוווט פאַרשיידענע פּילן צו שטילן די ווייטאָגן. נאָך לאַנגע עקספּערימענטן האָט דער יונגער דאָקטער סוף כל סוף מיר צוגעטראָפן. כ׳האָב אים אויפריכטיק באַדאַנקט פאַר דער גרויסער פאַרלייכטערונג. אויף מאָרגן פאַרנאַכט איז ער אַריין אין אונדזער צימער, צוגעגאַנגען צו מיין בעט, זיך פאַררויטלט און מיר געזאָגט: „אומזיסט האָסטו מיך געלויבט נעכטן און געדאַנקט. דער קרעדיט פאַרן אַרויסהעלפן דיך קומט אָבער ניט מיר, דאָס האָט מיר גאָט געהאָלפן געפינען די ריכטיקע מעדיצין, אים דאַרפסטו דאַנקען. כ׳בין געבליבן געפּלעפט: אַ יונגער, אינטעליגענטער דאָקטער זאָל

גלויבן אַז גאָט האָט אים אינספּירירט צו געפינען די ריכטיקע פּיל. ער האָט זיך גאָר באַליידיקט ווען כ'האָב אים אויפֿגעוויזן, אַז ער דעגראַדירט דעם באַגריף גאָט און געטלעכקייט ווען ער שטעלט זיך פֿאָר, אַז גאָט דאַרף דינען די קליינינקע אינטערעסן פון יעדן נישטיקן יחיד און זיך פאַרנעמען מיט אַזוינע קליינלעכע זאַכעלעך.

כ'האָב האַסטיק אַ כאַפּ געטאָן פון טיש מיין תנכל'ע, געעפנט ישעיהו, קאַפּיטל ב"ח, אַ זאָג געטאָן דעם דאָקטער ער זאָל זיך זעצן און הערן וואָס מיינט דינען גאָט לויט דער יידישער אויפפאַסונג. „פאַרגעס ניט", האָב איך צוגעגעבן, „דאָס זיינען די רייד פון נביא מיט איבער צוויי און אַ האַלב טויזנט יאָר צוריק." כ'האָב אָנגעהויבן פון פסוק ה', קאַפּיטל נ"ח:

„איז ניט ד אָ ס דאָס פאַסטן וואָס איך האָב אויסגעוויילט:
לויז מאַכן די קייטן פון אומרעכט,
אָפּבינדן די בינדשטריק פון יאָך,
און אַרויסלאָזן פריי די געדריקטע,
און יעטוועדער יאָך זאָלט איר צעפרעכן?
איז עס ניט, אָפּצוברעכן פון דיין ברויט
דעם הונגעריקן,
און פאַרוואָגלטע אָרעמע זאָלסטו
אַיינברענגען אין דיין הויז?"
(יידיש פון יהואָש)

דער דאָקטער האָט זיך שטיל אויפגעהויבן און נאָך שטילער פאַרלאָזן דעם צימער. מער האָבן מיר וועגן דעם ניט דיסקוטירט.

* * * * *

אין שפּיטאָל, ווען כ'האָב זיך צוגעקוקט צו דער פרומקייט פון די קראַנקע, פלעג איך כסדר טראַכטן, אַז זייער אויפפיר איז פונקט דער זעלבער ווי ביי די פּרימיטיווע שבטים וואָס האָבן פּראַקטיצירט רעליגיע מיט טויזנטער יאָרן צוריק. אויך יענע פלעגן דעמאָלט, פונקט ווי מיר היינט, זיך חנפענען צו גאָט און אים צוזאָגן מתנות, אויב ער וועט זיין גוט צו זיי און נאָכקומען זייערע פאַרלאַנגען. היינט ווי אַמאָל איז דאָס דינען גאָט נאָר פאַר אייגננוץ. עס האָט גאָר ניט צו טאָן מיט מאָראַל און עטיק.

רעליגיע האָט אין אונדזערע טעג דורכגעמאַכט דעם פולן קרייז און געקומען צום זעלבן פונקט פון איר אָנהייב אין דער פּרימיטיווער וועלט.

## II

## „טויט: ניט קיין שונא, נאָר אַ פריינד פון מענטש"

דאָס איז אַ נאָמען פון אַן אַרטיקל, געשריבן אַנאָנים פון אַן ענגלישן דאָקטער אין דעם בריטישן מאַגאַזין: „וועלט־מעדיצין". דער אַרטיקל איז געשריבן אַזוי אוממענטשלעך, אַז מען ווערט דערשיטערט ביים לייענען. דערפאַר איז אויך פאַרשטענדלעך פאַרוואָס דער מחבר האָט ניט געוואָגט און אפשר אפילו מורא געהאַט אָנצוגעבן זיין נאָמען.

ס'וואָלט זיך ניט געלוינט אָפּצושטעלן אויף די מיינונגען פון אַ יחיד, ווען דאָס וואָלט ניט געווען אַזוי סימפּטאָמאַטיש און כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער צייט.

כ'וויל אָבער ניט כאַפּן די פיש פאַר דער נעץ. מיינע אויספירן וועל איך מאַכן שפּעטער. קודם כל וועל איך אין קורצן איבערגעבן דעם אינהאַלט פונעם אַרטיקל. און אָט וואָס דער אַנאָנימער דאָקטער שרייבט:

„פאַר די לעצטע זיבעציק יאָר קומט פאָר אין דער מערב־וועלט אַ כסדרדיקע עקספּאַנסיע פון דער עלטערער באַפעלקערונג." ווי אַ ביישפּיל ברענגט ער אַ ביסל סטאַטיסטיק: „אין 1901 זיינען אין ענגלאַנד געווען נאָר 5% מענטש עלטער פון 65 יאָר. מיט זעכציק יאָר שפּעטער זיינען שוין געווען איבער 12 פּראָצענט. אין גאָר אַ קורצער צייט, חשבונט ער אויס, וועלן די עלטערע פון 65 יאָר שוין אויסמאַכן גאַנצע 15%. לויט אים קומט אויס, אַז מיטן הייבן דעם דורכשניט פון לעבן איז דער דערפאָלג קעגן טויט פון אַ ברכה געוואָרן אַ קללה."

ער מיינט, אַז מיר האָבן שוין איצטער צו פיל אַלטע לייט. דאָס איז אַ פּראָבלעם וואָס מוז תיכף באַטראַכט ווערן מיט דער גאַנצער שאַרפקייט. וועט מען ניט געפינען גיך קיין לייזונג, האָט ער מורא, אַז מען וועט נאָך חלילה קומען צו היטלערס פינאַלן אויספיר און טאָן מיט די אַלטע מענטשן דאָס, וואָס ער האָט געטאָן מיט די יידן.

די צרה מיט דער מערב־וועלט, שרייבט ער ווייטער, איז ניט פון צו־פיל געבורטן, נאָר פאַרקערט — צו ווייניק טויטן. דער חשובער דאָקטער האַלט, אַז אריכת ימים ווערט אַן אמגליק פאַר דער ציוויליזיר־טער וועלט, ווייל טויט איז אַזוי נייטיק אַפּנבראַלאַנס ווי לעבן.

די היינטיקע געזעלשאַפט שטויסט זיך צונויף מיט אַ נייעם פענאָמען: צו פיל אַלטע מענטשן בלייבן לעבן. דעריבער איז וויכטיק מען זאָל דעם פּראָבלעם באַ־האַנדלען רואיק און אָןליידנשאַפט.

דער דאָזיקער פאַרזאָרגטער דאָקטער האַלט, אַז די חשיבות פון טויט איז אַ פּריווילעגיע צו וועלכער מען איז זוכה נאָך אָפּלעבן אַ לאַנגע צייט. ער איז שאָקירט, אַז דאָס נוצן היינט די פּילן קעגן פאַרשוואַנגערן וועט ברענגען צו אַ גרוי־סער דיספּראָפּאָרץ צווישן יונג און אַלט. ס'וועלן זיין צו ווייניק יונגע און צו פיל אַלטע און דאָס איז קעגן געזעץ פון לעבן.

מיט די אַנטיביאָטיקס, היגיענע, גוטע דערנערונג, און אַ כסדרדיקער מעדיצי־נישער אויפפּאַסונג, וועט דאָס לעבן פון אַ מענטשן כסדר פאַרלענגערט ווערן. און צו וואָס? פרעגט ער. די אַלטע זיינען במילא איזאָלירט און סעגרעגירט פון דער אַקטיווער געזעלשאַפט. ער מיינט, אַז „מעדיקייד" איז דער גרעסטער אַב־סורד. די אַלטע פאַרנוצן דריי מאָל אַזוי פיל מעדיצין, שפּיטאָל־בעטן, דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער. און דאָס אַלץ איז אויפן חשבון פון די יינגערע. אים דוכט זיך, אַז געניסן פון אַלע מעדיציני־שע דערגרייכונגען זיינען קודם כל באַ־רעכטיקט קינדער, יוגנט און יונגע על־טערן. נאָר זיי קומט דער אויבן־אָן. דער חשובער דאָקטער מיינט, אַז מען פּיעש־טשעט אַזוי די אַלטע צוליב אַ שולד־געפיל פון דער יינגערער געזעלשאַפט טאַקע ווייל מען האָט די אַלטע עמאָציאָ־נעל אָפּגעשטויסן פון זיך און זיי פאַר־אורטיילט צו איזאָלאַציע; ווייל מען זיי דערפאַר קאָמפּענסירן מיט אַ סך רפואות, דאָקטוירים און שפּיטאָלן.

ס'איז געקומען די צייט, זאָגט ער, דאָק־טוירים זאָל דערלויבט זיין אָנצונעמען באַשלוסן ניט נאָר בנוגע לעבנס־פּראָבלע־מען, נאָר אויך וועגן טויט. ער האַלט, אַז ס'איז אַ סך שפּעטער ווי מען מיינט.

* * * * *

עד כאן, די רייד פון אַנאָנימען דאָקטער. דערווייל איז ער נאָך די ערשטע שוואַלב. זיין אַרטיקל האָט אָבער ניט אַרויסגערופן קיין שטורעם אין דער פּרעסע. דאָס אַליין איז אַ שוידערלעכער סימפּטאָם. עס ווייזט די ריכטונג אין וועלכער עס גייט אונדזער ציוויליזירטע, הויך־אַנטוויקלטע, דעהו־מאַניזירטע געזעלשאַפט.

פונקט ווי אַ אַ פינטל וואָס לויפט אין אַ קרייז און קערט זיך אום צוריק צום אָרט ווו עס האָט אָנגעהויבן, פונקט אַזוי קערט זיך אום פון הומאַניטאַרן שטאַנדפּונקט אונדזער ראַפינירטע געזעלשאַפט צום פּרימיטיוו.

ביז איצטער זיינען עלטערע מענטשן געוואָרן עמאָציאָנעל אויסגעשפּיגן פון דער געזעלשאַפט, אָבער דאָ הערן מיר שוין קלאָרע דיבורים, אַז אַלטקייט איז אַן אָנשיקעניש און מען דאַרף זיך אַזוי פיל ניט צאַצקען ווען די אַלטע ווערן קראַנק. טויט איז זייער פריינד. דאָס געזעץ פון לעבן פאָדערט עס. ווער ס'איז אומנוציק מוז אַרויספאַלן.

„לאָזט די אַלטע שטאַרבן"— דערמאָנט אָן די האַרצלאָזע געצנדינערישע ריטואַלן. אַזוי האָבן זיך אויפגעפירט די האָטנטאָטן, עסקימאָסן, טשוקטשי שבטים אין סיביר און אַנדערע פּרימיטיווע געזעלשאַפטן.

די האָטנטאָטן פלעגן זייערע אַלטע אַרויספירן אין מדבר און זיי איבערלאָזן אויף גאָטס באַראָט. די עסקימאָסן פלעגן זייערע אַלטע מענטשן איבערלאָזן אין אַ שנייפעלד, כדי די וועלף זאָלן זיי צערייסן, אָדער זיי זאָלן פאַרפרוירן ווערן פון קעלט. ביי די טשוקטשיס אין סיביר פלעגט דער עלטסטער זון אין דער משפּחה האָבן דעם „כבוד דורכצופירן די מיצווה" צו דער־הרגענען דעם אַלטן טאַטן אָדער מאַמען. דער דאָזיקער „נאָבעלער טאַט" פלעגט אַרויסרופן דעם רעספּעקט פון גאַנצן שבט.

לאָמיר זיך מודה זיין, אַז אויך איצטער לעבן מיר אין אַ האַרצלאָזער, גרויזאַמער, תכליתדיקער געזעלשאַפט. דאָס משפּחה־לעבן צעפאַלט. ס'איז ניטאָ קיין קדושה און עס פעלן אידעאַלן אין אונדזער לעבן. דאָס ביליקסטע אין אונדזער גע־

זעלשאַפט איז דאָס לעבן פון אַ צווייטן מענטשן. אין אַזאַ מין צייט וואָלט בפירוש געווען נאַריש צו דערוואַרטן דרך ארץ פון אַ יינגערן פאַר אַן עלטערן מענטש.

* * * * *

דערפאַר איז אַזוי וווּנדערלעך צו פילן און צו שטאַלצירן מיטן אויפפיר פון אונדזער פאָלק נאָך אין גאָר אַלטע צייטן, ווען מען איז געווען אַרומגערינגלט אַרום און אַרום פון געצנדינערס.

אונדזערע הייליקע ספרים לערנען אונדז: „שאל אביך ויגדך, זקניך ויאמרו לך" — פרעג דיין פאָטער, ער זאָל דיר דערציילן; דיינע זקנים — זיי זאָלן דיר זאָגן. (דברים ל"ב, ז'. „מפני שיבה תקום והדרת פני זקן" — פאַר אַ גרייז זאָלסטו זיך אויפשטעלן, און זאָלסט שאַנעווען דאָס פנים פון אַ זקן (ויקרא י"ט, 32). „אל תבוז כי זקנה אמך" — זאָלסט ניט פאַראַכטן דיין מוטער ווייל זי איז אַלט. (משלי כ"ג, 22).

מען דערציילט וועגן אַ באַרימטן למדן, אַז ער פלעגט זיך אויפשטעלן מיט דרך ארץ פאַר יעדן אַלטן מאַן, אפילו אויב יענער איז געווען אַן עם־הארץ. „אויב ער איז זוכה געווען צו דערלעבן אַזאַ טיפן עלטער," פלעגט ער זאָגן, „איז ער דאָך ווערט."

אונדזער תורה איז פול מיט צידקות, הויכע מידות, עטישע ווערטן און רוחניותדיקע ווייזיעס וואָס לערנען אונדז וועגן אויפפיר בין אדם לחברו, וועגן דער הייליקייט פון לעבן, בבוד פאַר טאַטע־מאַמע און דרך ארץ פאַר די אַלטע.

* * * * *

מען קען טאַקע ניט אָפּשטעלן דעם פּראָצעס פון עלטערן זיך, אָבער אויך דער צייט־אָפּשניט קען זיין וווּנדערלעך. ווען? — אויב דער אַלטער מאַן ווערט אויסנוצן זיין אַקומולירטע לעבנס־חכמה און זיינע דערפאַרונגען. עלטערע מענטשן האָבן אַ טיפערע פאַרשטענדעניש, מער מיטגעפיל און רחמנות פאַרן צווייטן. זיי ווייסן, אַז דאָס לעבן איז אַ וועג געפלאָכטן פון דערפאָלג און דורכפאַל, פרייד און טרויער, נצחון און מפלה. אַן אַלטער מאַן ווייסט אויך דעם אונטערשייד פון דאָס נישטיקע אין לעבן און דאָס פּערמאַנענטע. ער קען זען אַלזייטיק דאָס לעבן ווי אַ גאַנצעס.

קיינער איז ניט אַלט, אַזוי לאַנג ווי זיין מוח איז וואַך און ער איז פאַראינטערעסירט אין אַלץ וואָס קומט פאָר אַרום אים. יעדער שניידט נאָר דאָס וואָס ער האָט פאַרזייט. מיר קענען אַרויסנעמען פון לעבן נאָר דאָס וואָס מיר האָבן דעפּאָזיטירט. קיינער האָט אָבער ניט קיין רעכט צו באַשטימען ווען דער צווייטער איז אַלט. דאָס לעבן פון אַ מענטשן איז הייליק און איינמאַליק. יעדער מענטש האָט אַ רעכט אויסצולעבן זיינע געשענקטע יאָרן. נאָר ער אַליין איז באַלעבאָס איבער זיין גורל און קען טאָן מיט זיין לעבן וואָס ער וויל.

* * * * *

צוויי פאַרשיידענע אַרטיקלען, אָבער די צענטראַלע אידעע איז די זעלבע. אינטעלעקטועל האָט דער מענטש טאַקע דערגרייכט די לבנה, אָבער עמאָציאָנעל שטעקט ער נאָך אין דער הייל־תקופה.


שנה טובה!

אַ יאָר פון שלום אין ישראל
ולעם ישראל.

לזכרון מיין אומפאַרגעסלעכער
**פייגעלע ז"ל**

יוסף פאַניץ

שנה טובה!

ר' אברהם גאָלאָמב
אריכת ימים.

רבקה גאָלאָמב
רפואה שלמה.

יוסף פאַניץ

# ברכה קודלי

## צוויי לידער

### כ'דאַנק דיר גאָט

כ'דאַנק דיר גאָט
פאַר דעם זכות
וואָס דו האָסט אין מיין וועזן
חלומות איינגעקריצט,
שטראַליקע געטרייע.

וואָס מיין ווילן האָסטו געשטאַרקט מיט
פליכט —
זיי צו באַהיטן און באַשיצן,
וואָס דו האָסט אין מיין זינען
אַזאַ עקשנות פאַרשפּינט.

אַז ווי שטאַרק
די וואָר זאָל זיין אויסן
דעם חלום צו פאַרשטויסן
בלייבט ער נאָך מער ווי ער איז.

פאַר מיין דינעם געהער,
וואָס פאַרנעמט דעם ווידערשפּרוך
פון אייגענע באַגערן,
וואָס פאַרגייט אין פרייד
צו דער שפּראַך פון צאַרטן פלירט.

כ'דאַנק דיר גאָט
פאַר דער שפע פון צער,
וואָס איך פאַרמאָג צו זעט,
פאַר דעם וואָרט
וואָס כ'קען אַרויסשעפּטשען
צו דיר אין געבעט.

פאַר די ווייטקייטן וואָס ווערן נאָענט
אין מיינע טריט,
פאַר דער לויטערקייט צו שפּירן דיין גענאָד,
פאַר אַלץ דאַנק איך דיר גאָט.

### בלומען

אין רחבותדיקן געמיט
וואַקסן שטאָלצע בלעטער רונד אַרום
ווי זיי וואָלטן געהאָט
די ליליע
וואָס שטייט אין מיטן
אַ פאַרכישופטע
אין שניי־ווייסן קלייד,
דער סימבאָל פון צניעות.

די רויז,
דער עדות פון פריידיקע מאָמענטן
אין סאַמעטענעם ראָזן קלייד
ציט צו זיך די בין,

צו דינען דעם טעם פון האָניק,
און כאַפּט זיך אַריין
אין האַרץ פון רויז
און זייגט פון דאָרט דעם נעקטאַר אויס.

שלאַנק און מיסטעריעז
שטייט דער טולפּאַן
פאַרוויקלט אין אַ סוד,
וואָס גאָט אַליין קען פאַרשטיין.

עלעגאַנט אין זיין אַראָמאַט,
סובטיל אין קאָליר פון פּורפּל,
מיין ליבלינג בעז
פון אַלע בלומען דער שענצטער
וואָס פאַרכישופט
נאָך איצט מיין זכרון
ווען ער פלעגט ברענגען דעם פרילינג
אונטער מיין פענצטער
ווען ס'זענען ביי מיר געווען צו גאַסט
מיינע יונגע יאָרן.

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# אַ הסתדרות

# אַניואיטי טראַסט־קאָנטראַקט

פון דער

## ישראל הסתדרות־פונדאַציע

אינקאָרפּאָרייטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי:—

- אַ יערלעכע הכנסה פון 9½%

און

- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען

חכנסת־שטייער, ירושת־שטייער, „פּראָבעיט“־חוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־געינס“־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

זייט איר פאַראינטערעסירט...

אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?

אויב יאָ... טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 9.5 פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראַסט־פונדאַציע.

שניידט אוים דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**

**7250 Beverly Blvd., Los Angeles, Calif. 90036 — Tel. 938-3201**

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to..........................................................................

Address......................................................................................

Date of Birth..............................Soc. Sec. No.............................

Principal Amount $........................................................................

Date........................Signature of Applicant.......................................

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# זייט איר שוין אַ מיטגליד אין
# אַרבעטער רינג?

דאָס איז די עלטסטע יידישע פראַטערנאַלע און סאָציאַל-פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

דער אַרבעטער רינג גיט זיינע מיטגלידער אַ מעגלעכקייט צו זיין אַקטיוו אויפן געביט פון אָנהאַלטן און אַנטוויקלען די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אוצרות פון אונדזער פאָלק צו אָרגאַניזירן אין די ראַמען פון די ברענטשעס פראַטערנאַליזם און קעגנזייטיקע הילף.

פאַר גענויערער אינפאָרמאַציע שרייבט צו:

# THE WORKMEN'S CIRCLE

1619 So. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035

אָדער טעלעפאָנירט: (213) 552-2007

# שרײבערס און ביכער

זלמן שלאָסער

## דער ניגון וואָס ווערט קיין מאָל ניט פאַרענדיקט

„דער שטומער מנין" פון חיים גראַדע, 1976

אַ נייער בוך פון חיים גראַדע איז אַלע מאָל אַ געשעעניש אין דער יידישער ליטעראַטור. ס'איז ווי אַ ניי פּאָס ליכט וואָלט אויפגעשיינט איבער אַן אַלט־באַקאַנט ווינקל פון יידישן לעבן. מיר דערפילן זיך אַזוי ווי באַרייכערט מיט נאָך אַ קינסטלעריש ווערק וואָס פאַראייביקט דאָס געוועזענע טיף־פאַרוואָרצלט יידיש לעבן פון פּוילן. וואָרעם חיים גראַדע, אפשר מער פון אַנדערע יידישע שרייבער פון איצטיקן דור דריקט אויס אין זיינע ווערק דעם סך־הכל פון דער רייכער קולטור־ירושה פונעם טראַגיש־פאַרשניטענעם ציבור פון וועלכן ער איז געווען און פאַרבליבן אַן אינטעגראַלער טייל. מיט זיין נייעם בוך, „דער שטומער מנין", האָט ער באַוויזן, אַז ער איז נאָך אין סאַמע בליונג פון זיין שאַפן. ער איז אַזוי ווי פאַרקנסט אויף זיין גאַנץ לעבן צו יענעם אומגעקומענעם ציבור וואָס לאָזט אים ניט רוען און מאָנט אויסדרוק: דערצייל דער וועלט פון אונדזער גרויסקייט!

און חיים גראַדע דערציילט מיט טאַלאַנט און וויסן אַזש מיר בלייבן פאַרוווּנדערט פון זיין עשירות. זיינע קוואַלן שעפּן זיך קיין מאָל ניט אויס און בלייבן שטענדיק פריש. ער איז ווי זיין מגיד, מאַניש מאַץ, וואָס נאָך יעדער דרשה זיינער, נאָך יעדן דאַווענען פאַרן עמוד, בלייבט אין זיין האַרצן עפּעס ניט דערזאָגט, ניט אויסגעוויינט און מאָנט ווייטערדיקן אויסדרוק.

ס'איז דאַכט זיך אַ פּשוטע אַלטע מעשה וועגן אַ פאַרוואָרלאָזט אָרעם ווינקל, אַ קלויז אין אַ ווילנער הויף. עטלעכע יידן, פּרושים, פאַרשוויגענע אַליין־גייערס, אָן פּאָזיציע, לעבן דאָ שטיל אויס זייער אייגענעם אָרעמען לעבן. מענטשן אָן טענות, אָן קריוודעס, טראָגן דאָ זייער שטאַנד און גורל מיט געדולד און חשיבות. אַן אומהיימלעכע שטילקייט דעקט דאָ אַלעס צו. דאָך רייסט זיך ביסלעכווייז דורך אַ טליענדיקער פונק וואָס פאַרטרייבט די שטילקייט. מען דערפילט ווי די „שטומע" זיצערס פון קלויז קריגן לשון, ווי עס שיילן זיך אויס באַזונדערע מענטשלעכע גורלות און ווי די געאַנטע, שטענדיק הענגענדיקע שרעק פון אָנקומענדיקן חורבן נעמט זיי אַלע אַרום אין פאַרגליווערונג ווי פון אַן אומפאַרמיידלעכן גזר־דין. און די מעשה הערט אויף צו זיין פּשוט און אַלט. זי ווערט אָנגעלאָדן מיט צייטלעכער האַנדלונג און אַקציע.

די ערשטע אָנצוהערעניש אַז עפּעס רירט זיך, עפּעס וועט דאָ באַלד געשען, קומט פון דעם ווערזשבלאָווער פּרוש, וואָס איז דאָ פאַרבליבן נאָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, מחמת ער האָט ניט געוואָלט צוריקפאָרן אַהיים צו זיין ווייב, וואָס איז מיט צוואַנציק יאָר עלטער פון אים.

— „ווער האָט געגעבן דעם סטאָליער רשות צו שטערן מענטשן אין זייערע מחשבות? — דערהערט מען דעם ווערזשבלאָווערס קול. און גלייך נאָך דעם אַ קול וואָס נעמט אָפּ הענט און פיס:

— ווער שטעלט זיך עס בויען אין אַ מבול? איידער איר וועט ענדיקן וועט דער שטן המשחית אָנקומען און אַלץ צעשטערן!

דאָס האָט דער נייער זיך־אַליין־געקרוינטער גבאי, אליוקום פּאַפּ, דער סטאָליער־קינצלער, מיט זיין קלאַפּן און רייסן אָנגעטראָגן די מהומה צווישן די זיצערס

פון קלויז, ווען ער האָט אומגעבעטן אָנ־געהויבן צו פאַרריכטן די צעבראָכענע טיש און בענק. ביסלעכווייז ווערט אַלץ רירעוודיק, לעבעדיק, ווי דערוואַכט נאָך אַ לאַנגן שטילשטאַנד. אין דעם פּאַרוואַר־לאָזטן ווינקל דערפילט מען אַ נייע שפּאַ־נונג. די שפּאַנונג און די קינסטלערישע געשטאַלטונג קריצט זיך נאָך מער אײן פון גראַדעס סאָליד געבויטע און באַ־פליגלטע זאַצן, וואָס וועקן דעם לייענערס נייגער צו די ווייטערדיקע געשעענישן.

די קאָנסטרוקציע פון בוך איז ווי אַ וווּנדערלעכע מאָזאַיק באַצירט מיט באַ־זונדערע פאָלקס־מעשהלעך און תורה־ווערטלעך פון די מענטשן וואָס ווערן גע־שילדערט אין בוך. דאָס לשון איז דאָ טיף פאַרוואָרצלט אין פאָלק, אין לעבע־דיקן פאָלקלאָר און נוסח, אין שטייגער און טראַדיציע. די מחשבה, דער רעיון, זיינען אייגן און נאַטירלעך, ניט געבאָרגט פון דער פרעמד. ס'איז יידיש לעבן, יידי־שע געדאַנקען; דער פחד פון אַן עדה יידן געלייטערט פון אַ גרויסן מייסטער. די פאָלקלאָר עלעמענטן ווערן דאָ דערהויבן צו אַ הויך־קינסטלערישער מדרגה.

זייט ביי זייט מיטן אַלטן שטייגער, מיט די געשטאַלטן פון קליז, מיט דער שטיל־קייט און סודותדיקייט פון דעם אַמאָל־אַמאָל, וואָס די פּרושים און למד־וואָוו־ניקעס טראָגן אין זיך ברענגט דער מחבר דאָ אויך אַריין דעם ריטם און דעם עכאָ פון דער נייער צייט וואָס גייט דאַן אויף אין יידישן לעבן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות — דער צייט־אַפּשניט פון „דער שטומער מנין”. עס גייט אַהער אַן אָפּ־קלאַנג פון די רעוואָלוציאָנערע שטימונ־גען און די נייע טענער און געזאַנגען פון די נייע יידיש־וועלטלעכע שולן; די באַ־גייסטערונג און די אומפאַרמיידלעכע אָנ־טוישונג, דעם ערנסט און די איראָניע, די נייע מאָדע צו רופן דעם אייגענעם טאַטן „חבר” — חבר הענעך בענגיס, ווי די לערערין פּייע בענגיס רופט איר טאַטן און — „חברטע פּייע”, ווי הענעך רופט זיין אייגענע טאָכטער. אַ ניי יידיש לשון, וואָס איז לויטן גייסט פרעמד דעם על־טערן דור.

— אָט דאָס לערנט איר מיט אונדזערע קינדער, טאַנצן און זינגען לידלעך?

— יאָ, אָט דאָס לערנט מען מיט אייערע קינדער. אָנשטאָט חומש מיט רש”י, פירן מיר די קינדער שפּאַצירן, זיי זאָלן זען ווי עס וואַקסן בלומען.

— און אַ גאָט איז דאָ? — פרעגט אַ שכן.

— רעליגיע איז אַ פּריוואַט זיך — ענט־פערט דער חבר בענגיס זייער פּאַרזיכ־טיק. און די אַרומיקע האָבן געשטויגט: „ווי האָט עס דער סטאָליער זיך אויס־געלערנט ריידן אַזעלכע דיבורים?”

צוזאַמען מיטן שפּרודלדיקן דיאַלאָג לייכטן אויף טיף־מענטשלעכע כאַראַק־טער־שטריכן, וואָס שניידן זיך איין אין אונדזער געמיט. ווער עס איז געבענטשט מיט נשמה גאַנצקייט, ווי למשל דער חבר בענגיס, דער סטאָליער אליקום פּאָפּ אָדער דער בלינדער מגיד; און ווער עס ליידט אויף נשמה־צעריסנקייט, ווי למשל דער לערער אליהו אַלטער קלונימוס וואָס ווערט אַנטוישט פון די מליצות וועגן סאָ־ציאַליסטישער פּעלקער־ברידערלעכקייט און די מליצות פון דער וועלטלעכער שול ווו ער איז אַ לערער; אָדער דער רייכער האָלץ־סוחר און משכיל, ר' רחמיאל סע־ווער, וואָס ווערט צעריסן און פאַרשעמט וואָס זיין איינציקער זון לאַכט אָפּ פון פּאָטערס ערלעכקייט און מענטשלעכקייט. יעדער איינער איז געמאָלן מיט ליבשאַפט און פאַרשטענדעניש.

אַ גאָר סימפּאַטישע און טראַגישע גע־שטאַלט איז דאָ ר' מאָניש מאַץ, דער מגיד און פאָלקס־מענטש. חוץ טרייסטן יידן לערנט ער אויך מיט זיי משניות און עין־יעקב. ער קען טאַקע ניט זען, ער גע־דענקט אָבער אַלץ אויף אויסווייניק. צו־ליב זיין בלינדקייט איז ער אַ טראַגיש־הילפלאָזער מענטש. זיין טרייסט און האָ־פענונג איז זיין פּלימעניק סענדערל, אַ יינגעלע אַ קיילעכדיקער יתום אויף וועמען קיינער קוקט זיך ניט אום. אָט דאָס יתומל איז געוואָרן זיין אָנשפּאַר, דער שטעקן וואָס פירט אים אַרום. איז דאָס רחמנותדיק אויג פונעם שול־טוער חבר בענגיס געפאַלן אויף אָט דעם אומ־גליקלעכן יינגעלע, וואָס וועט צוליב זיין פאַרוואָרלאָזיקייט מסתמא אויסוואַקסן אַ בעטלער ביי יידן און וועט אויך בלינד ווערן ווי זיין פעטער דער מגיד.

סוף כל סוף האָט ער איבערגערעדט דאָס יינגעלע, אַז זיין אָרט איז אין דער יידישער שול, וווּ מען זינגט און מען טאַנצט און מען שפּאַצירט זען ווי עס וואַקסן בלימעלעך. דער בלינדער מגיד פאַרלירט צוליב דעם זיין „שטעקן", זיין האָפענונג.

אין דער שילדערונג פון אָט דעם עפּיזאָד דערקענט מען דעם גרויסן קינסטלער. וואָרעם דער עפּיזאָד איז פול מיט פּאָטענציעלע שטרויכלונגען, מיט פּאָטענציעלן סענטימענטאַליזם וואָס לויערן פון אַלע זייטן פאַרטונקלען דעם אמת און יושר און רייסן זיך צום אויבן־אָן. דער געראַנגל צווישן רחמנות און צאָרן רייסט מיט דעם עולם. עס שאַפן זיך צדדים. נאָר דער קינסטלער שטייט אָן אַ זייט, ווערט ניט קיין צד, פּסקנט ניט צווישן זיי. ער שילדערט בלויז די פּאַטעטישקייט פון די צוויי הילפלאָזע מענטשן — דער איינזאַמער בלינדער מגיד און דער פאַרוואָרלאָזטער קיילעכדיקער יתום. וועמעס לעבן איז טייערער? ווער איז בילכער? און ווער האָט עס דאָס רעכט צו באַשטימען? חיים גראַדע לאָזט דעם לייענער אַליין משפּטן.

און דער גוטער לייענער דערפילט דאָ די ערשטע פרייד וואָס די יידיש־וועלטלעכע שול — די שאַפונג פון דער יידישער פאָלקס־אינטעליגענץ און אַרבעטער באַוועגונג — האָט געבראַכט פאַרן קינד און גלייכצייטיק אויך די ערשטע אַנטוישונג ביי טייל עלטערע מער דערפאַרענע לערערס. וואָרעם פירן שול־קינדער צו זען ווי בלימעלעך וואַקסן איז טאַקע שיין און גוט און נייטיק, נאָר דאָס קען ניט זיין פאַר יידישע קינדער קיין במקום, קיין סוראָגאַט פאַר „חומש מיט רש"י." מחמת חומש מיט רש"י מיינט אָנהייב פון יידישן עטאָס, מיינט פאָרמירונג פון דער ערשטער יידישער מחשבה, פון דער יידישער געשיכטע און אייגנאַרט. און דער נייער תירוץ „רעליגיע איז אַ פּריוואַט זאַך" מעג זיך טאַקע זיין גילטיק און נייטיק פאַר דער קריסטלעכער מערב ציוויליזאַציע, אָבער מדינת ישראל האָט געפּסקנט אַז אמונה און אומה האָבן ביי אונדז איין געמיינשאַפטלעכע געשיכטע. און פון אונדזער געשיכטלעכער דערפאַרונג ווערט עס אַלץ קלאָרער און קלאָרער אַז אָן אונדזער אַלטן נאַציאָנאַלן עטאָס פאַרלירט די יידישע געשיכטע איר אייגנטלעכן זין און די יידיש־וועלטלעכע שול, ווי זי איז לכתחילה פאַרשטאַנען געוואָרן, פאַרלירט איר אייגנטלעכן אינהאַלט און באַרעכטיקונג. ס'איז ווי דער לערער קלוגימוס זאָגט דאָרט: „יידן און יידישקייט איז ווי אַן אויסגעשטאָפּטער ריטער אין מוזיי. אונטער דעם אייזערנעם היטל, מיט דער מאַסקע אַראָפּגעלאָזט ביז דער גאָמבע, איז ניטאָ קיין פּנים."

דער ענין יידיש־וועלטלעכע שול איז צווישן די דריי און צוואַנציק באַזונדערע דערציילונגען, הגם זיי האָבן אַלע אַן אינערלעכע פאַרבינדונג, ניט קיין צענטראַלער, און חיים גראַדע זאָגט דאָ ניט אַרויס קיין מיינונגען. ס'איז בלויז ווי נאָך אַ שטריך אין דעם אַלגעמיינעם בילד פון ווילנער אָרעמקייט. נאָר בשייכות מיט די געשעענישן מחוץ דער טעמאַטיק פון בוך, אין צוזאַמענהאַנג שוין מיט דעם חורבן גופא, ווען דער לייענער דערמאָנט זיך ווי עלנט און פאַרלאָזן די יידן זיינען דאַן געבליבן, ווען אַלע טויערן פון רחמים האָבן זיך פאַרהאַקט ווי פאַר אַ בייז אָנשיקעניש, נעמט אים דורך אַ קאָסמישער פּחד — די גאַנצע וועלט קעגן יידישן פאָלק ! ס'איז ווי דער בעל־תפילה פון פאַרטאָגיקן מנין זאָגט דאָרט: „אהבה רבה אהבתנו . . . — אָט אַזוי האָסטו אונדז ליב? אויב מיט אונדז זאָל געשען עפּעס שלעכטס וועט ניט זיין ווער ס'זאָל דיך לויבן ביים נץ החמה, און די זון וועט אויפגיין אין אַ ליידיקן הימל איבער אַן ערד אָן יידן..."

אונדזער פּחד פאַר אַ יידיש פאָלק אָן יידישקייט איז ניט בלויז שיינע פּאָעזיע. ס'איז דער מיסטישער פּחד פון ניט קענען געפינען קיין זין אין אונדזער געשיכטע און מאַרטיראָלאָגיע. אָט דער פּחד וואָרצלט אין אונדזער טראַדיציע און פאָלקלאָר, וואָס אַנטפּלעקט זיך בעת יעדער נאַציאָנאַלער עת־צרה. אָט דער פּחד הענגט אין דער לופט פון שטומען מנין.

ווי אַזוי מען זאָל נאָר ניט פאַרשטיין חיים גראַדעס צימצומדיקע שילדערונג פון דער יידיש־וועלטלעכער שול בלייבט נאָך אַלץ דער שטאַרקער איינדרוק פון

אַ לעבעדיקער באַוועגונג וואָס האָט צוגע־
זאָגט אַזוי פֿיל און כמעט ניט איבער־
געלאָזט קיין ממשותדיקן באַכוווקס, קיין
גרויסע תלמידים. נאָך דעם ווי דער חורבן
האָט אומגעבראַכט דעם גרעסטן טייל
פֿון זיי זײַנען מיר געבליבן בלויז מיטן
טרויער און בענקשאַפֿט.

„דער שטומער מנין" לעבט אויף אין
אונדזער דמיון דאָס פֿאַרגאַנגענע, דאָס
אומגעקומענע, און שאַפֿט די אילוזיע ווי
אַלץ וואָלט נאָך געווען ווי אַמאָל. ס'איז
אַ בוך וועגן ערב־חורבן, ווען אילוזיעס
זײַנען נאָך געווען מעגלעך. חיים גראַדעס
אַ נײַ בוך האָט די מעלה וואָס עס רופֿט
שטענדיק אַרויס אַ פֿאַרלאַנג דאָס צו
לייענען.

## משה שקליאַר

# שלעווינס נײַער ראָמאַן

צווישן ליטעראַטור־פֿאָרשערס און קרי־
טיקערס גייט אָן זינט קדמונים דער
שטרייט וועגן דיסטאַנץ לגבי אַ קינסט־
לערישן ווערק, וואָס שטיצט זיך אויף היס־
טאָרישע פֿאַקטן, אָדער אַ היסטאָרישן
ראָמאַן. כמעט אַלע זענען מסכים, אַז
דיסטאַנץ איז נייטיק, אָבער קיינער האָט
נאָך דאַכט זיך נישט פֿעסטגעשטעלט גע־
נוי וויפֿיל די דיסטאַנץ דאַרף זײַן: אַ יאָר־
צענדליק, אַ יאָרהונדערט? דאָס וואָס איז
פֿאַר די פֿאָרשערס און קריטיקערס אָן
אַקאַדעמישע דיסקוסיע, איז פֿאַרן שרײַ־
בער אַן ענין פֿון זײַן אייגענער שעפֿערי־
שער „לאַבאָראַטאָריע". פֿאַראַן שרײַבערס
וואָס ווילן זיך נישט צורירן צו אַ טעמע
ביז וואַנען זי וועט זיך נישט „אויסשטיין"
גענוג און מען וועט זי קאָנען זען פֿון אַ
גענוגנדיקער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו,
און פֿאַראַנען אַנדערע, וואָס ווילן גיכער
אויפֿכאַפּן דאָס לעבן אויף דער הייסער
מינוט, געבנדיק דעם אַ היסטאָרישע פֿאַר־
אַלגעמיינערונג. צו די לעצטע געהערט
ביי אונדז ב. שלעווין און ער האָט עס
נאָך אַמאָל באַוויזן מיט זײַן נײַעם ראָמאַן
„וווּהין גייסטו דאַניעל". *)

אויבנאויפֿיק זעט עס אויס צו זײַן נאָך
איין ראָמאַן וועגן דעם קאָנפֿליקט
צווישן דורות, וואָס איז געווען אַקטועל
אין אַלע צײַטן און איז באַזונדערס אַקטו־
על אין אונדזער צײַט און אין אונדזער
יידישער סביבה, ווו די וועגן פֿון טאַטעס
און קינדער גייען זיך אָפּט מאָל פֿאַנאַנדער
צו פֿאַרשידענע פּאָליוסן. וואָס מער מיר
פֿאַרטיפֿן זיך אָבער אין די בלעטלעך פֿו־
נעם ראָמאַן, אַנטפּלעקן מיר אַלץ נײַע
רינגען, נײַע ניואַנסן און פֿאַרבן, און אַלע
צוזאַמען שאַפֿן זיי אַ פֿאַרגאַנצט בילד פֿון
אַן עפּאָכע, וואָס מיר טראָגן נאָך אין זיך.
עס איז די עפּאָכע פֿון פֿאַר דער צווייטער
וועלט־מלחמה ביז דער סאַמע לעצטער
צײַט און אין צענטער פֿון איר שטייט אַ
פֿאַרלוירענער דור פֿון יידישע האָרעפּאַש־
ניקעס און אינטעלעקטואַלן, וועלכע האָבן
געדינט צו פֿרעמדע געטער און געלייגט
זייער לעבן אויפֿן מזבח פֿון פֿאַלשע וועלט־
דערלייזערישע אידעאַלן, און זייער אָפּ־
שפּראָץ — דער יונגער דאַניעל, אַבראַש־
קע, עסטושאַ, וואָס רייסן איבער מיט
דער פֿאַרגאַנגענהייט און מאַכן דורך אַ
לאַנגען שווערן וועג, דעם וועג צו זיך.

דער מחבר פֿירט אונדז אַריין אינעם
הויז פֿון לייביש שניידער, וואָס געפֿינט
זיך אין צענטער פֿון פּאַריזער יידישן
קוואַרטאַל — בעלוויל, און וווּהין עס
ציען זיך די פֿעדים פֿון יידישן פּוילן, פֿון
וואַרשע. שטענדיק פֿול מיט אימיגראַנטן,
נאָר־וואָס געקומענע פֿון יענער זײַט, ווו
עס גייען אָן פֿאַרביסענע קאַמפֿן און פּאַ־
טיי־שטרײַטן אויף דער „יידישער גאַס",
ווערן דאָ, אינעם הויז פֿון לייביש שניידער,
פֿאַרגעזעצט די קיין מאָל נישט פֿאַרענ־
דיקטע דיסקוסיעס, וואָס פֿאַרציען זיך
אין דער לאַנגער נאַכט אַריין. מיר באַגע־
גענען דאָ באַקאַנטע געשטאַלטן, וואָס זע־
נען געצייכנט בלויז מיט קורצע פֿעדער־
שטריכן, ווי למשל איזאַק קראָקעווער
(דויטשער) און אַנדערע, וואָס ווילן שפּילן
אַ מער אָנגעזעענע ראָל אין דער ווייטער־
דיקער אַנטוויקלונג פֿונעם ראָמאַן, ווי

*) ב. שלעווין „וווּהין גייסטו דאַניעל?"
288 ז"ז, פּאַריז, 1977.

דער חבר אהרן — איינער פון די מיט־
גרינדער פון פערטן (טראָצקיסטישן) אינ־
טערנאַציאָנאַל), וועלכער האָט זיך באַ־
געגנט מיט טראָצקין אַליין ערגעץ אין
פראַנקרייך און פאַרצייכנט זיינע אַרויס־
זאָגונגען מכוח דער יידן־פראַגע, אָדער
דער חבר בער (דער אָרגאַניזאַטאָר און
אָנפירער פו ןדער אַנטי־היטלעריסטישער
שפּיאָנאַזש־נעץ, וואָס איז באַקאַנט אונ־
טערן נאָמען „רויטער אָרקעסטער).

אין אָט דער אַטמאָספער איז אויפגע־
וואַקסן דער יונגער דאַניעל, און דער אָפּ־
הילך פון יענע שפּעט־נאַכטיקע דיסקו־
סיעס פון מענטשן, וואָס האָבן געלעבט
אין אַ נישט־רעאַלער וועלט פון פאַר־
לוירענע האָפענונגען, האָט אים געפירט
אין די קאַפעען פון סען־מישעל און דעם
לאַטיינישן קוואַרטאַל, צו דער אויפגע־
ברויזטער סטודענטישער יוגנט פון ביי־עם
לינקס, ביי וועלכע ער האָט געזוכט זיין
אייגענעם אמת. געזוכט און נישט געפונען.

דורך דאַניעלן פירט אונדז דער מחבר
אַריין אין די פאַריזער געסלעך און בול־
וואַרן, לאָזט אונדז אָפּפילן די אַטמאָספער
פון דער „שטאָט פון ליכטער". דאָס זענען
מייסטערהאַפטע שילדערונגען פונעם
שטאָטישן פּייזאַזש, וואָס קאָנען זיך ניט
פאַרשעמען לגבי די שילדערונגען פון
אַ באַלזאַק. נאָר דאָס איז דרך אגב. נישט
די שילדערונגען פון די כאַראַקטערן.
דער עיקר איז ביי אים דער צוזאַמענ־
שטויס פון אידעען, וואָס ווערן אויסגע־
דריקט דורך זיינע העלדן. איז עס אפשר
די שוואַכקייט, אָבער אויך די שטאַרקייט
פונעם ראָמאַן. אינעם צוזאַמענשטויס פון
אידעען ווערט בולטער זייער דעגראַדאַ־
ציע, זייער אַנטוועדטונג און שאַרפער דער
געראַנגל פון זייער טרעגער — דער
מענטש.

* * * * *

דער ראָמאַן איז געבויט אויף עטלעכע
פלאַכן, ווי מען קאָן עס זען לויט דער
פאַנאַנדערשטעלונג פון זיינע טיילן: די
פּרעהיסטאָריע; „געזעגענונג מיטן פּאָ־
טערלאַנד", ווי אַ טייל פון דער פּרע־
היסטאָריע. דאָס „פאָטערלאַנד" אין
פּוילן. און יענע וואָס געזעגענען זיך מיט
דעם זענען נעכטיקע יידישע רעוואָלוצי־
אָנערן, וואָס האָבן געבויט אויף זאַמד
דעם יידישן ישוב אין נאָך־מלחמהדיקן
„פאָלקס־פּוילן" און זענען שפּעטער פאַר־
טריבן געוואָרן דורך דעם אָפיציעלן פאַר־
טייאישן און מלוכהשן אַנטיסעמיטיזם.
אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן ציען זיך
אויך זייערע פעדים צום הויז פון לייביש
שניידער אויפן פאַריזער בעלוויל, וווהין
עס ווערט פאַרוואָגלט דאָס מיידל עסטושאַ
— אַן אַנטרונענע פון געטאָ און שפּעטער
דערצויגן אין אַ יידישן קינדער־הויז הינ־
טער וואַרשע. עסטושאַ און איריוגנט־
פריינד אַבראַשקע — אַ ייִנגל פון פאַר־
טיזאַנען וואַלד, דער זון פון אַ יידיישן
לערער ערגעץ אין אַ שטעטל ביים פּוי־
לישן טייך בוג, וועלכער איז געוואָרן
פאַרשיקט און אומגעבראַכט דורך די סאָ־
וועטישע באַפרייער, זענען אפשר די פאַר־
גאַנצטע כראַקטערן אינעם ראָמאַן, הגם זיי
געהערן נישט צו די צענטראַלע גע־
שטאַלטן. אַזאַ איז אויך דער געוועזענער
לערער סרוליק, דער איצטיקער פאַרטיי־
טוער, וועלכער האָט גענומען די קינדער
אונטער זיינע פליגל.

די גוט־באַקאַנטע אַנטיסעמישע כוואַליע
אין פּוילן נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלח־
מה און נצחון פון ישראל אין 1967, ווי
אויך די סטודענטן־אומרוען אין מערץ
1968, דינען ביי שלעווינען ווי אַ קאַנווע
פאַר די אינערלעכע ראַנגלענישן פון סרו־
ליקן, דעם חבר מיכאל און אַנדערע אַלטע
יידישע רעוואָלוציאָנערן (כמעט אַלע זע־
נען זיי ביי אים מיט געהויקערטע פּליי־
צעס, גלייך ווי אַלע יידישע צרות פון דער
פאַרגאַנגענהייט וואָלטן אויף זיי געלעגן);
ראַנגלענישן פון אַ פאַרלוירענעם דור
אויף וועלכן די געשיכטע אַליין האָט
אַרויסגעטראָגן איר אורטייל, ווייל זיי
האָבן זי, די געשיכטע, פאַלש אינטער־
פּרעטירט.

און נישט קיין אַנדערער ווי דאָס ייִנגל
אַבראַשקע מאַכט סרוליקן נאָכדענקען וועגן
די דאָזיקע ענינים. „געדענקסט, סרוליק
— זאָגט אַבראַשקע אין איין אָרט — ביי
אונדז אין שול האָב איך זייער ליב געהאַט
די לעקציע פון געשיכטע... יידישע און
אַלגעמיינע געשיכטע... ווו איז זי, די
געשיכטע אונדזערע?...

— אונדזער געשיכטע... ס'ווענדט זיך...
זי איז אמת אַ ביסל אַן אַנדערע... אין

„קאָמוניסטישן מאַניפעסט" ווערט געזאָגט: „די געשיכטע פון דער געזעלשאַפט איז די געשיכטע פון קלאַסן־קאַמף"...פאַר אַלעס... און סרוליק אַליין האָט זיך דערביי דערמאָנט עמיצנס אַ קעגנזאָג: „די געשיכטע פון מענטשן־מין איז מאָרד, מלחמה"...

וואָס איז ריכטיקער? דאַכט זיך אַז דאָס צווייטע, ווייל אויך אין תוך פון די קלאַסן גופא, איז — פערמאַנענטע, קעגנזייטיקע מלחמה, צווישן מענטש און מענטש."...

כדי בולטער צו מאַכן דאָס בילד מיידט נישט אויס ב. שלעווין צו ברענגען אפילו אויטענטישע ציטאַטן פון די אַנטיסעמיטישע ניבול־פה פונעם פוילישן פאַרטיי־„אידעאָלאָג" ווערבלאָן, אָדער שילדערן די אַרויסטרעטונג פונעם רעדאַקטאָר ראַקאָוסקי אין וואַרשעווער יוגנט־קלוב „באַבעל", וואָס האָט שפּעטער געהאַט זיינע טראַגישע פאָלגן. בכלל האָט זיך ב. שלעווינען איינגעגעבן אַרויסצוברענגען די אַטמאָספער וואָס האָט געהערשט צווישן יידן אין פוילן אין יענער צייט, ווען מ'איז געזעסן פאַרשפאַרט הינטער פאַרריגלטע טירן, הינטער טיף אַרונטערגעלאָזטע ראָלעטן, און צוגעהערט זיך צו אַ ליאַדע גערויש אין דרויסן; מ'האָט זיך אין די טיפע שלאָפלאָזע נעכט געריכט אויף אַ פּוצלונגן קלונג אין דער טיר"...

* * * * *

אַוועק זענען פון פוילן דער געוועזענער לערער סרוליק, דער חבר מיכאל, אַבראַשקע, עסטושאַ. די יונגע האָט עס געפירט צו די ברעגן פון מדינת ישראל, ווו אַבראַשקע, דאָס ייִנגל פון פאַרטיזאַנישן וואַלד, איז אומגעקומען בעת דער יום־כיפור מלחמה פון דער זעלבער קויל אפשר, וואָס האָט אים דעמאָלט געמיטן... (פאַרפלאָנטערטע וועגן פון דער געשיכטע). און דאָ, אין מדינת ישראל, באַגעגענען מיר זיך ווידער מיט דאַניעלן, וועלכער איז געקומען אַהער, נאָך פאַרשיידענע אַוואַנטורעס, זוכן זיין פאַריזער פריינדין, דאָס פראַנצויזישע מיידל אַרלעט. און דאָס פראַנצויזישע מיידל אַרלעט, איינע פון נייעם לינקס, איז געקומען אין יידישן לאַנד מיט אויפרייס־מאַטעריאַל אין איר בוזים כדי צו פאַרווירקלעכן אירע אידעאַלן דורך מאָרדן יידישע פרויען און קינדער.

אַרלעטן האָט דאַניעל נישט געפונען. זי איז געזוועזן פאַרשפאַרט אין אַ ישראל־דיקער תפיסה. דאַקעגן האָט ער דאָ, בעת זיינע לאַנגע וואַנדערונגען איבערן לאַנד (און דאָ ווייזט זיך ב. שלעווין ווידער אַרויס ווי אַן אויסגעצייכנטער מאָלער פון פייזאַזש) אָפּגעפינען דעם אַלטן חבר אהרן, דעם געוועזענעם מיטגרינדער פון פערטן אינטערנאַציאָנאַל, און... עסטושאַן, אַבראַשקעס אַלמנה, וועמען ער האָט פאַרהיט וואַרעמע געפילן זינט איר קורצן אויפהאַלט ביי זיי אין פאַריז.

„דורך אַזאַ נאַרישן צופאַל, קען מען זאָגן — פאַרענדיקט ב. שלעווין דעם ראָמאַן — האָט דער צעטראָגענער יידישער אינטעליגענט, דאַניעל, אַ זון פון אַ שניידערישן שבט יושר־זוכערס, נאָכלויפנדיק דאָס נאַרישע פאַריזער כיטרע מיידל, אַארלעטן, געפונען זיך אַליין."

און מיר האָבן געפונען אַ בוך, וואָס לאָזט אַ סך נאָכטראַכטן מכוח די וועגן און אומוועגן פון יידישן מענטש פאַר די לעצטע יאָרצענדליקער.

למדינת ישראל
לעם היושב בה
ולעוסקים בצרכי תרבותנו המקורית,
בכל אתר ואתר וביחוד בלוס אנג'לס
ולכל ידידינו בארץ ובתפוצות — שלוחה

ברכת שנה טובה ומוצלחת

מאת

זאב ורבקה סאליס

ובני ביתם.

ער"ה תשל"ח

ד״ר יעקב י. מייטליס / לאָנדאָן

# אַ ראָמאַן פון אַ נישט־דערגאַנגענעם חלוץ

צווישן אַ ריי ביכער וואָס זענען לעצטנס דערגאַנגען צו מיר, געפינט זיך אויך דער ראָמאַן פון יחיאל מאַר: „אַ חלוץ פון פוילן״, וואָס פאַרדינט אַן ערנסטע ליטעראַרישע באַציונג. מוז איך אָבער מודה זיין תחילתדיק, אַז דער נאָמען פון דעם פיינעם טאַלאַנטירטן שרייבער, יחיאל מאַר, איז מיר ווייניק באַקאַנט און דאָס איז באמת אַ שאָד. לעבט, ווי איך זע, דער מחבר, אַ צעוואַרעמטער בעל־חשבון פון עבר, אין דער פראַנצויזישער שטאָט אַראַס, ווייט אַ פנים פון יידישן שליאַך, און אַ סברה אַז יידיש־לשון איז אין דעם מקום נישט דער קנין פון ברייטן ציבור יידן (און טאַקע, ווו יאָ?), נאָר פון יחידים, שפּי־עוודיקע און פאַרבענקטע מיט אַ ביסל אייגענער אויסבאַהאַלטענער שבת־קודשקייט!

יחיאל מאַר, וואָס איז חשבון־הנפשדיק אַריינגעטאָן אינעם עבר, מיט זיין ליכטיקן אויפברויז און קולטור־געזעלשאַפטלעכן אויפגיי, איז אַ גוטער אָבסערוואַטאָר, אַ שיינער דערציילער מיט אַ קינסטלערישן טעמפעראַמענט. האָב איך געלייענט זיין „אַ חלוץ פון פוילן״ מיט ליטעראַרישער הנאה, בפרט די ערשטע קאַפּיטלעך זכרונות פון ווין און בערלין, וואָס ער שילדערט פון דער נאָענט מיט אַ זיכערער ליטעראַרישער פען. ער אַליין, זעט זיך אויס, קומט פון אַ שטעטל אין גאַליציע און ווי אַ סך אַנדערע בני־דור מבולבל געוואָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, צוערשט אין דער אַמאָליקער עסטרייכישער קרוין־שטאָט ווין, און פון דאָרט, ווי אַ קולטור־דאָרשטיקער יונגער מענטש, וואָס האָט זיך געגרייט צו חלוצישער ערד־אַרבעט אין דייטשלאַנד, זיך אָפּגעשטעלט אין דעם דעמאָלט יידישלעך־אויפגייענדיקן קולטור־צענטער פון בערלין. האָט מאַר מיט זיין אינטערעסאַנטן סיפור־המעשה אויך אויפגעלעבט אין מיר לעבעדיקע און איינדריקלעכע איבערלעבענישן פון יענע פאַרלאָפענע יאָרן אינעם געזעלשאַפטלעך אויפגערודערטן יידישן לעבן אין דער דייטשישער הויפטשטאָט.

עס איז אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל יידיש לעבן פון דער גאָר נאָענטער אַמאָליקייט און נישט בלויז נאָסטאַלגיע פון אַ דור שרייבערס־זקנים! עס איז געווען אַ צייט פון אַ באַנייטן, ליכטיקן אָנהייב אויפן יידישן האָריזאָנט נאָך די שווערע נסיונות און פורעניותן פון דער שוידערלעכער ערשטער וועלט־מלחמה, מיט אַ פריידיקן אָנזאָג פאַר אַ מער גערעכטער און בעסערער וועלט, וואָס וועט אויך ברענגען באַפרייונג און אויפריכטעניש פאַרן כלל ישראל. דער יונגער דור האָט געפיבערט מיט אידעאַליסטישן חזיון און אויפברויז, מיט קאַמף און פאַרמעסט, און זיך געלאָזט אין וועג אַריין פון די שטעט און שטעטלעך, ווער אויף עליה קיין ארץ ישראל און ווער לערנען און שעפּן תורה און חכמה, סיי אַלגעמיינע און סיי יידישע, אינעם היכל פון דער דייטשישער וויסנשאַפט.

לאָמיר נאָך דערמאָנען, אַז אין יענע יאָרן איז בערלין געווען נישט בלויז אַ ציל־פונקט פון דער בילדונג־דאָרשטיקער יוגנט, נאָר אויך אַ שיינער, וואָגיקער צענטער פאַר יידישער קולטור און אַ ברייט־פאַרצוויגטער געזעלשאַפטלעכער עסקנות. בערלין האָט געהאַט אַ ביז גאָר קאָלירפולן מזרח־אייראָפּעישן יישוב, מיט אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס, באַקאַנטע כלל־טוערס און שרייבערס, מלומדים און קינסטלערס. וואָס זענען געווען אַ שם־דבר אין דער יידישער וועלט. עס זענען אויפגעקומען פאַרלאַגן, סיי העברעישע און סיי יידישע; מען האָט אַרויסגעגעבן וויסנשאַפטלעכע ווערק און שיינע ליטעראַטור, פעריאָדישע שריפטן, זשורנאַלן און צייטונגען. אין דער דייטשישער הויפטשטאָט האָבן זיך אויך פאַרקליבן, ווער אויף אַ לענגערער און ווער אויף אַ קירצערער צייט, די סאַמע גדולים פון דער העברעישער און יידישער ליטעראַטור, מיט ביאַליקן,

טשערניכאָווסקין, דוד פרישמאַן, און ביי גלייך דוד בערגעלסאָן, דער נסתר, משה קולבאַק, אורי צבי גרינבערג, און פון צייט צו צייט הערש דוד נאָמבערג פון וואַרשע. דער יידישלעכער אַרום האָט געבורויזט מיט אַ סך קולטור־געזעלשאַפטלעכער ענערגיע, מיט אינספּיראַציע און אויפגיי, מיט וויטאַלע כוחות וואָס האָבן געצויגן זייער שאַפערישע יניקה פון דעם יאָדערדיקן, פאָלקישן באָדן פון דער מזרח־אייראָפּעישער יידישקייט.

האָבן מיר, וואָלט איך געזאָגט, אין די אָנהייב־זכרונות פון יחיאל מאָרן די אַריינפיר־טעמאַטיק צו די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך פון זיין צעוואַרעמטער פּאַבולע, ווו ער שילדערט מיט אַ סך געמיט און פאַרביקער בילדערישקייט דעם אויפגעוודערטן לעבנס־וועג פון זיין העלד, פאַלק, וואָס לאָזט זיך אַוועק פון בערלין אין דער רהיין־געגנט אויף חלוצישער הכשרה.

האָבן מיר, בלי ספק, אין יחיאל מאָרן אַ ליטעראַרישן טאַלאַנט, אַ שרייבער מיט לשון און סטיל, וואָס נעמט זיך פונאַנדערוויקלען אויף אַ ברייטער קאַנווע אַ פּרעכטיקע פּאַנאָראַמע פון לעבן און סביבה פון חלוץ פאַלק אויף דער פעטער דייטשישער ערד. מיט קינסטלערישער שפּאָרעוודיקייט מאָלט אונדז דער דיכטער דאָס יידיש־חלוציש וועלטל פון זיין העלד אין דער פרעמד, נאַטור און ערד־אַרבעט, מענטשן און געשעענישן, דאָס חיצוניות און דאָס פנימיות פון פאַלקס לעבן, זיינע [illegible] פּראָבלעמען און איבערלעבענישן. עס זענען צאַפּלדיק־פרישע סביבה־בילדער פון דעם פאַרהאָרעוועטן אינדערוואָכנס און פאַרבענקטע, יידיש־וכערישע אָפּרו־טעג וואָס פאַסצינירן דעם לייענער מיט זייער פאַרביקן רעאַליזם.

קומט אָן דער האַרבסט מיט זיינע פאַרוואָלקנט־שווערע הימלען און רעגנס, רוט מען זיך אָפּ נאָך דעם לאַנגן האָרעפּאַשנעם זומער אין דער חלוצים־היים אין פראַנקפורט, אין אַ פריילעכער, הילכיקער חבורותא פון בחורים־חלוצים און פאַרחלומטע, באַחנטע מיידלעך. אָבער אין סאַמע גערויש און טומל פון חלוצישן געזעמל, ווערט פאַלק, ביים סוף פון סיפור המעשה פאַרוויקלט אין אַ שטילער, צאַרטער ליבשאַפט מיט הערטאַן, אַ קלוג, קולטיווירט דייטש־יידיש מיידל מיט אַ מאַדאָנאַ פנים, אין וועלכן עס האָבן טיף און סאַמעטן אַרויסגעשטראַלט גרויסע שוואַרצע אויגן." עס זענען פריידיקע, אויפגערודערטע טעג מיט אַ טיפן ציטער אין האַרץ פון צוויי יונגע מענטשן, וואָס דער דיכטער מאָלט אונדז מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם און אַ סך געמיט. עס איז אַ ליבשאַפט וואָס ווערט נישט דערפילט און בלייבט סודותדיק הענגען אין הלל.

פאַלק, ווי אַ פנים דער דיכטער גופא, איז אַן אומרואיקע, קאָמפּלעקסיווע נאַטור, און די גורלדיקע באַגעגעניש פאַרענדיקט זיך פלוצים אין אַ שווערן פלאָנטער פון פאַרקלעמטע, צעוויטאגטע געפילן, וואָס בלייבן צניעותדיק פאַרהילט אינעם האַרץ פון דיכטער. מיר הערן אויך נישט צי פאַלק איז אַוועק אויף עליה קיין ארץ ישראל און געפונען דאָרט אַ תיקון פאַר זיין פאַרבענקט נפש. און אפשר האָבן אים אומזיכערקייטן, פאַרטייאישע אידעאָלאָגיעס און אַנדערע ספיקות אָפּגעהאַלטן פון פאַרווירקלעכן זיין געשטעלטן ציל? וועגן דעם שווייגט דער דיכטער און דאָס איז זיין פּאָעטישע ליצענץ!

מאָר'ס באמת אינטימע, אימפּרעסיאָניסטישע דיכטונג ווערט פון אים באַצייכנט ווי אַ ראָמאַן. מן הסתם אַ ראָמאַן לויט אַלע כללים פון די היינטיקע ליטעראַרישע שולעס! אָבער אַ באַוואָרעניש וואָלט איך פאָרט געהאַט. ווי שוין דערמאָנט, הייבט זיך דער ראָמאַן אָן מיט צוויי קאַפּיטלען זכרונות, און ערשט שפּעטער גייט דער דיכטער אַריבער צו שילדערן דעם פאַרפלאָנטערטן לעבנס־וועג פון זיין העלד, די אַרומיקע ווירקלעכקייט און געשעענישן, פאַרהאָרעוועטע אַרבעט פון חלוץ אין די פויערישע הויפן, פעלדער און ווייַנגערטנער, יוגנטלעכע מונטערקייט און שטילע פרייד, אַ מחיהדיקע נאַטור־פרישקייט אויף די ברעגעס פון רהיין, מיט יוסטע, פולבלוטיקע און צוכידענע מענטשן אין דעם גויישן אַרום.

אָבער פאַלק איז פאָרט אַ פרעמדער, אַריינגעטאָן אין זיך, אין זיינע יידישע פּראָבלעמען, גריבלענישן און איבער־

לעבענישן, שטרויכלונגען און התרוממות, וואָס טראָגן בפירוש דעם חותם פון דיכ־טערישער אויטענטישקייט. היינט ערשט, די שכנותדיקע גוט־באַקאַנטע, אַלטע יידישע קהילות פון וואָרמס און שפּייער מיט זייער דורותדיקער יידישקייט און היסטאָרישע אַנטיקן, ציען צו זיך דאָס פאַרחלומטע און פאַרבענקטע הארץ פון פּוילישן חלוץ, און העלפן אויפלעבן אַ פרישן חזיון און באַגייסטערונג, וואָס זאָל פאַרבינדן דעם פאַרהייליקטן עבר מיט דער צאַפּלדיקער איצטיקייט, אַ פאַרטיפט ייד־זיין געפיל אין דער פּערספּעקטיווע פון דורות.

די פּלוגתא וואָס עס איז אַ ראָמאַן אי־נעם אייגנטלעכן זינען פון וואָרט, איז אַן אַלטע, און יעדער שרייבער־דור האָט זי געפּרוווט באַשיידן אויף זיין שטייגער און לויט די ליטעראַרישע טענדענצן פון דער צייט. בעצם באַשטייט מאַר'ס ראָמאַן מיט זיין צעוואָרעמטן, פּנימיותדיקן רעאַליזם פון אַ צאָל אייגנעקייטלעטע, לויזע עפּיזאָ־דישע קאַפּיטלעך, פיינע, סובטעלע שיל־דערונגען פון כאַראַקטערן און געשענישן, עובדות און איבערלעבענישן, ראָמאַנטי־שע עפּיזאָדן און שטילע לײַדנשאַפטן מיט אַ צעטראָגענער צאַרטער ליבשאַפט, אַ גאַמע פון קינסטלערישע עמאָציעס און אַ שפּעדיקן רעאַליזם. שוין אויפן סמך פון די ערשטע זכרונות־קאַפּיטלעך קען מען אַרויסזאָגן די השערה, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן אויטאָביאָגראַפישן מאַטעריאַל, אַ שטיק זעלבסט־פּאָרטרעט, וואָס שפּיגלט אָפּ מיט אַ שפע קרעפטיקע פאַרבן אַן אויפגערודערטע תקופה, מיט איר טרייסל און געראַנגל, נסיונות און קאָנפליקטן, וואָס אונדזער דור פון אידע־אַליזם און וויזיאָנערישן אויפגיי האָט אי־בערגעלעבט. דאָס איז מאַר'ס שיינער און שרייבערישער פאַרדינסט!

זאָל נאָך זיין דערלויבט דעם שרייבער פון די שורות זיך אָפּצושטעלן צום סוף אויף אַ טעות, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין מאַר'ס זכרונות פון בערלין. אויף ז. 48 דערמאָנט ער אַן אינטערעסאַנטן אויפ־טריט פון ד"ר י. נ. שטיינבערגן, דעם אַמאָליקן יוסטיץ־קאָמיסאַר אין לענינס קאַבינעט, ווי אַ מענשעוויק, מיט זיין רע־וואָלוציאָנערן אויפברויז, זיין תוכיק־מאָראַלישן איינשטעל און רעליגיעזן וועלט־באַנעם, איז שטיינבערג נישט גע־ווען קיין מאַרקסיסט, נאָר אַ לינקער עס־עראָווער, פון רוסישן סאָציאַל־רעוואָלו־ציאָנערן חדר. אַן אָפּגעגאַנגענער אין דער באַלשעוויסטישער תורה, האָט זיך שטיינ־בערג אַריינגעוואָרפן מיט אַן עכט־יידיש־לעכן ברען אין דער קולטור־געזעלשאַפט־לעכער און פּאָליטישער אַרבעט פון יידישן פאָלק, און געשטאַנען בראש פון דער פריילאַנד־באַוועגונג.

מוסיף זיין ווילט זיך נאָך, אַז עס וואָלט כדאַי געווען פאַר מאַרן דעם שיינעם בעל־לשון און סטיליסט, אויסצומיידן דייטש־מערישע אויסדרוקן אין זיין גוטער פּראָ־זע. אַזוי למשל נוצט ער אַזויבע דייטש־מערישן ווי: באַהערדע, לײַנען העמד, באַ־שטעק, שטראַסנבאַן וכד', אויף וואָס מיר פאַרמעגן גוטע, פּאַסיקע ווערטער אין יידיש: אינסטאַנצן (מדינה אָדער עפנט־לעכע), לייוונט העמד, גאָפּל־מעסער אָדער מעסער־וואַרג, אַ טראַמוויי. דאָס זענען אָבער בלויז עטלעכע, קליינע שיינ־קייטס־פעלערן אויף אַ פּרעכטיק באַמאָל־טער קאַנווע פון זיין „אַ חלוץ פון פוילן", אַ ווערק פון תוכן און ליטעראַרישער וואָג.

GREETINGS FOR THE NEW YEAR

*from*

***Westland Printing Co.***

1234 West Seventh Street
Los Angeles, Ca. 90017
Tel. MA 8-4216

## ס. שניאור

# „דער גלויבן פון וועלטלעכע יידן"

"The Faith of Secular Jews" אין ענגליש, פון ש. גוטמאַן

דאָס איז דאָס דריטע בוך פון שאול גוטמאַן. די ערשטע צוויי האָט ער געשריבן אין יידיש, דאָס דריטע איז אין ענגליש, באַזירט אויף זיין יידיש ווערק: „מעדיטאַציע און באַנייונג". ס'איז דער עיקר אַן אַנטאָלאָגיע פון די שאַפונגען פון די וויכטיקסטע יידישע דענקערס פון אונדזער צייט, וואָס האָבן געשריבן וועגן יידישע קולטור־פּראָבלעמען. צו אָט דער זאַמלונג פון געקירצטע עסייען האָט גוטמאַן געשריבן אַ זייער אינטערעסאַנטן אַריינפיר לויט זיין אייגענעם בוך „טראַדיציע און באַנייונג". צוליב דעם גרויסן אינטערעס פאַר יידישער טעמאַטיק וואָס עקזיסטירט איצט אויפן אַמעריקאַנעם ביכער־מאַרק און די באַדערפענישן פון דער שטודירנדיקער יידישער יוגנט פאַר קלאָר געשריבענע ביכער וועגן היינטצייטיקע יידישע קולטור־פּראָבלעמען איז גוטמאַנס בוך דאָס ריכטיקע בוך אין דער ריכטיקער צייט. עס טראָגט די הסכמה פון פּראָפעסאָר נויזנער פון באַרימטן בראַון אוניווערסיטעט און פון די „לייברערי אָוו דזשוויש לוירנינג".

לויט ווי דער פאַרלאַג וואָס האָט דאָס בוך אַרויסגעגעבן גיט איבער איז דאָס בוך אויף דער ליסטע פון „בעסט סעלערס", הגם עס קאָסט טייער, פופצן דאָלער. (עס איז אויך דאָ אַן האַרטע טאָוולען פאַר $5.95). עס איז אויסגערעכנט פאַר סטודענטן און יענע אינטעליגענץ וואָס איז ווייט פון יידישע אָרגאַניזאַציעס אָדער טעמפּלען.

ס'איז אפשר אינטערעסאַנט צו וויסן פון וואַנען עס קומט אָט דער גרויסער אינטערעס. איין ענטפער איז — ישראל! דער וואונדער פון מדינת ישראל, די דערפאַרונגען און דערגרייכונגען, אַלץ האָט מסתמא אַ גרויסן אינטערעס פאַר דער מענטשהייט, מער ווי מיר שטעלן זיך פאָר. דער צווייטער ענטפער איז — די יידישע חכמה! די וועלט שטייט איצט פאַר שווערע דילעמעס. די גייסטיקע און עטישע פּראָבלעמען, דער ווילזיין פון די אָרעמע און ניטבאַדערכטיקע, באַשפּייזונג און הילף פאַר דער אַזוי־גערופענער „דריטער וועלט", די אייגענע פּראָבלעמען פון דער מעדיצינישער פּראָפעסיע און פון געזעץ און נאָך און נאָך פּראָבלעמען פון מאָראַל און עטיק. יידן האָבן, ווי באַקאַנט, יאָרן און דורות זיך אָפּגעגעבן מיט פּראָבלעמען פון עטיק און גלויבן. מיינט די וועלט אַז אין אונדזערע אַלטע און נייע ספרים קען מען געפינען ענטפערס צו אַ סך פון די דילעמעס. צי עס איז אַזוי צי נישט, דער אינטערעס צו יידישע ביכער און יידישער טעמאַטיק בכלל איז גרויס. דאַרף מען זיך ניט וווּנדערן וואָס ש. גוטמאַנס בוך וועגן יידישקייט און וועלטלעכקייט פאַרקויפט זיך גוט.

נאָר אין טייל פון אונדזערע יידישע קרייזן קען מען דערוואַרטן אַז שוין דער נאָמען פון בוך אַליין זאָל אַרויסרופן אַ געוויסן שמייכל — טאַקע, אַזוי ווייט האַלט עס שוין, אפּיקורסים גלויבן שוין אויך? — וועט מען מסתמא פרעגן. בלעטערט מען אָבער דאָס בוך דורך דערפילט מען אַז ס'איז געשריבן מיט אַקאַדעמישער פאַרשטענדעניש און דרך ארץ פאַר אַלע פאָרמען פון יידישקייט, אין איינקלאַנג מיט זיין רבין האָרייס קאַלינס טעאָריע פון קולטור־פּלוראַליזם. מען זעט דאָ ניט קיין נייגונג צו מינימיזירן וועלכע ס'איז ריכטונג אָדער אַרויסצושטעלן די אייגענע מעגלעכע צעטומלטקייט פון די כלערליי טעאָריעס אין די סאָציאַלע און נאַטור־וויסנשאַפטן וואָס באַהערשן טייל שרייבערס. אַנשטאָט פּילפּול געפינט מען דאָ אַ קלאָרע רעאַליסטישע שילדערונג פון די קולטור־שטרעמונגען אין יידישן לעבן, דער עיקר אין אונדזער צייט. ס'איז קענטיק אַז דער מחבר ווייסט, אַז די באַגריפן: גלויבן, הומאַניזם עוואָלוציע, און דעהומאַניזאַציע זיינען חוץ ווערטער אין ענציקלאָפּעדיעס אויך פאַקטן און איבערלעבונגען פון טאָג־טעגלעכן לעבן. זיי זיינען ווי אויף דער וואָגשאָל — אַרויף און אַראָפּ, און ניט אַלע מאָל אין האַרמאָניע מיט די

טעאָרעטישע און שפּעקולאַטיווע וויסנשאַפטן. יאָ — דעטערמיניזם ניט דעטערמיניזם, יאָ קאַוזאַליטעט, ניט קאַוזאַליטעט — אויפן געראַנגל פאַר קיום און המשך פון „יידישקייט" האָט עס אַ קנאַפּע ווירקונג, מחמת זיי זיינען סיי ווי סיי ניט קיין פאַרבאַדינג פאַר קיום און המשך.

טראָץ דער גייסטיקער צערודערונג וואָס אונדזער חורבן האָט איבערגעלאָזט און טראָץ די דעסטרוקטיווע טענדענצן וואָס ווירקן איצט אין דער וועלט בכלל מעג מען זיך טרייסטן מיט דעם אייביקן גאַנג פון באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ פון אונדזער יידיש לעבן. צוליבן שווערן מצב פון יידיש און די שטאַרקע אַסימילאַציע איז איצט מער ווי אַלע מאָל וויכטיק אַריינצוברענגען קלאָרקייט און שעפערישקייט אין דער אומפאַרמיידלעכער פאַרוועלטלעכונג פון יידישן לעבן. מען קען מער ניט רעדן וועגן יידישקייט און וועלטלעכקייט אין די זעלבע טערמינען ווי די אַמאָליקע עקסטרעמיסטן. מען קען זיך ניט אָפּזונדערן און מען קען אויך ניט אויסמיידן דעם טאָג־טעגלעכן פּראָצעס פון פאַרוועלטלעכונג, און מען קען אויך ניט בלייבן פאַרגליווערט אין אַ יידישקייט אָן אַ באַשטימטער טראַדיציע אין וועלכע מען מוז אַריינוואַקסן אויב מען וויל המשך און קיום פון יידישקייט.

אין זיין אַקאַדעמישן אַריינפיר שטעלט דער מחבר אַוועק די פּראָבלעמען פון יידישקייט און וועלטלעכקייט, פון סעקולאַריזם און גלויבן, פון הומאַניזם און אוניווערסאַליזם אין דער ברייטער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו פון עוואָלוציע, פון אַנטוויקלונג, כדי צו באַווייזן אַז אָט דער גאַנצער קנוף פּראָבלעמען האָט ניט זיין אָנהייב דווקא אין דער אַטעיסטישער יידיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג נאָר אין דעם סאַמע בראשית פון דער יידישער געשיכטע.

וועלטלעכקייט איז ניט קיין דאָגמע און אויך ניט דאָס פּריוואַט אייגנטום פון וועלכער ס'איז סעקטע אָדער תקופה. יידן האָבן אַלע מאָל געהאַט קאָנטאַקטן מיט דער ברייטער ניט־יידישער וועלט, טראָץ די רעליגיעזע ראַמען. ס'איז דעריבער ניט צו שווער אַרויסצורייסן דעם טערמין „סעקולאַר" פון דעם ניט־יידישן אָרביט וווּ עס דרייט זיך אַרום קירכע און שטאַט, אַרום רעליגיע און פּאָליטיק און דאָס אַריינשטעלן אין דעם היסטאָריש יידישן אָרביט פון הומאַניזם און קולטור, פון וועלטלעכקייט און יידישקייט. וואָרעם היסטאָריש איז „וועלטלעכקייט" ניט געווען קיין אָפּנייג פון יידישן וועלטבאַנעם נאָר אַן אינטעגראַלער טייל אין דער אַנטוויקלונג פון יידישן געדאַנק און קולטור.

פון די באַזונדערע עסייען אין דער אַנטאָלאָגיע וואָס גוטמאַן האָט צוזאַמענגעשטעלט, באַזונדערס פון זשיטלאָווסקיס און ספּעציעל גאָלאָמבס, ווערט קלאָר ווי סעקולאַריזם, ניט אין פּאָליטישן זין נאָר אין זין פון וועלטלעכקייט, איז פון אייביק אָן געווען אַ גלייכער טייל פון יידישן לעבן און ניט אַזוי ווי אין דער קריסטלעכער וועלט, וווּ די רעליגיע איז ניט געווען קיין אָרגאַנישער אַרויסוווּקס פון זייער אייגענער קולטור, ווי עס איז געווען ביי יידן, נאָר אַן אימפּאָרטירטע צוטשעפּעניש צו זייער קולטור. אברהם גאָלאָמב מאַכט עס קלאָר און איינפאַך: די וועלטלעכע פאָלקס־קולטור איז דאָס גאַנצע לעבן פון פאָלק. די דערפאַרונגען און איבערלעבונגען פון דער געמיינשאַפטלעכער גרופּע אָדער פאָלק ווערן אין לויף פון יאָרן און דורות סובלימירט און פאָרמירט אין שטייגער און טראַדיציעס, אין „הלכות" וואָס ווערן פון די שפּעטערדיקע דורות פאַרהייליקט ווי עפּעס וואָס מען מוז אָפּהיטן. פון די „הלכות" ווערן „מצוות", געבאָטן ווי אַזוי זיך צו פירן אין הסכם מיט זייער אייגענער דערפאַרונג און מיטן איינגעשטעלט סדר, מיט זייער געירשנטער פאָלקס־טראַדיציע, מיט דער פאָלקס־קולטור, וואָס ווערט פאַרהייליקט און פאַרוואַנדלט אין קאַנאָניזירטער רעליגיע. ביי יידן איז די הלכה פריער און נאָך דעם די פאַרהייליקונג, די רעליגיע.

ביז דער מאָדערנער צייט איז ביי יידן דאָס וועלטלעכע, דאָס סעקולערע און דאָס רעליגיעזע געווען אַזוי ווי איין שטראָם, איין געמיינשאַפטלעכע געשיכטע פון אומה און אמונה. דער פאַרהייליקטער תנ"ך איז אַ וווּנדערלעכער סינטעז פון וועלטלעכע קינסטלערישע געשריבענע פאָלקס־

מעשיות, געזאַנגען פון ליבע און מוסר, פון האַרציקע תפילות פון תהילים, אַ רייך־פאַרביקע וועלט פון געפילן און פאַרלאַנגען צוזאַמען מיט רעליגיעזע גע־דאַנקען וועגן גאָט און זיין באַשאַפונג. דאָס זעלבע איז אויך אין תלמוד. שפּע־טער אין דער אַראַביש־שפּאַנישער תקופה האָט זיך אויך צעבליט צוזאַמען מיט דער אמונה די יידיש־וועלטלעכע קולטור אין העברעיש און אַראַביש, רעליגיעזע און וועלטלעכע, פּאָעטישע און פילאָסאָפישע ווערק פון אַ הויכער מדרגה. שמואל הנגיד איז געווען רב הכולל, ראש ישיבה, שטאַטסמאַן און דיפּלאָמאַט, קריגספירער און זינגער פון טרינק־לידער און קאַמפס־לידער. נאָך מער וועלטלעך און טיף־רעליגיעז זיינען די שאַפונגען פון גרויסן פּאָעט און דענקער שלמה אבן גבירול. זיין פילאָסאָפיש ווערק „מקור חיים", גע־בויט אין גאַנצן לויטן פרייען געדאַנק, אָן פסוקים פון תנ"ך און ניט געשטיצט אויף דער מסורה, איז ביזן לעצטן יאָר־הונדערט געווען פאַררעכנט פאַר אַן אַראַ־ביש־פילאָסאָפיש ווערק, אַזוי וועלטלעך איז דאָס געווען. און דער זעלבער „פריי־ער" ייִד דער טיף־רעליגיעזער דיכטער, איז אויך געווען דער מחבר פון „כתר מלכות", וואָס ווערט געלייענט יעדן יום־כיפור אין אַלע שולן בכל תפוצות ישראל.

אָט די פרייהייט פון געדאַנק, אָט די אמתע וועלטלעכקייט האָבן יידן ביזן 17טן יאָרהונדערט געניצט ניט צו פאַרלייקענען זייער יידישקייט נאָר גיכער זי צו פאַר־פעסטיקן. ווי גוטמאַן ווייזט ריכטיק אָן האָט זיך די יידישע סיטואַציע דאַן גע־ענדערט צוליבן טראַגישן דורכפאַל פון דער שבתי־צבי־באַוועגונג און די כמעל־ניצקי פּאָגראָמען. אַ שוואַרצע כמאַ־רע האָט פאַרטונקלט דעם פרייען געדאַנק און דעם וועלטלעכן שטראָם ביז ס'איז אין 19טן יאָרהונדערט אויפגעקומען די נייע אויפלעבונג, די השכלה, וואָס האָט ניט אומעטום געווירקט גלייך. אין מערב אייראָפּע האָט עס געפירט צו אַסימילאַציע און שמד און אין מזרח אייראָפּע האָט זי געהאָלפן שאַפן אַן אויטענטישע לעבע־דיקע יידישע קולטור סיי אויף העברעיש סיי אויף יידיש. אחד העם, דובנאָוו און זשיטלאָווסקי האָבן יעדער אויף זיין אופן פאָרמולירט די טעאָריע פון וועלטלעכער יידישקייט, וואָס דאַרף זיין אָפּגעזונדערט פון רעליגיע, פון אמונה, אַזוי ווי ביי ניט־יידן, לויטן צייט־גייסט.

אמונה, ווי מיר האָבן געזען, איז ביי יידן ביז דער השכלה געווען אַן אינטע־גראַלער טייל פון דער יידישער קולטור־געשיכטע. אמונה איז אויך געווען אַ באַפרייונגס אידעע, ניט בלויז אין שייכות מיט יציאת מצרים נאָר אויך מיט אַנ־דערע עפּיזאָדן פון דער יידישער געשיכ־טע. גאולה, אויסלייזונג, איז בכלל אַ פייערדיק וואָרט אין יידישן געדאַנק, טראָץ היינריך גרעצעס פסק־דין אַז קבלה, חסידות, זיינען אויסדרוקן פון פאַנאַטיזם, אָפּגעשטאַנענקייט און פינצטערניש. גאולה און תיקון עולם זיינען טאַקע רעליגיעזע באַגריפן. זיי לאָזן אָבער ניט רוען דעם פרייען מענטשלעכן געדאַנק, וואָס זוכט און שטרעבט „צו פאַרריכטן", צו פאַר־בעסערן די וועלט און די מענטשן. מיט עטלעכע יאָר צוריק ווען אַזאַ וויכטיקער פאַרלאַג, ווי „די פרינסטאָן פּרעס", האָט אַרויסגעגעבן אַן איבערזעצונג פון גרשם שלומס ווערק, „שבתי צבי", האָט דזשאָרדזש סטיינער געשריבן אין דעם סאָפיסטיצירטן זשורנאַל „ניו־יאָרקער", אַז דאָס וויכטיקסטע וואָס ער האָט געפו־נען אין יענעם בוך איז דאָס געפיל, אַז די קאַבאַליסטן זאָלן האָבן געוווסט „עפּעס" וואָס מיר מאָדערנע וויסן ניט. עס איז, זאָגט ער, שלומס גענאַלער אויפ־טו, וואָס ער ווייזט אונדז דאָרט דעם שטראַלנדיקן שאָטן, אויב ניט דאָס ליכט, פון אַזאַ וויסן.

אין אונדזער אַרביט פון יידישקייט ווערט סעקולאַריזם, אין דעם זין פון הו־מאַניזם, מענטשלעכקייט און וועלטלעכ־קייט, אַ פאָרם פון יידישקייט, אָדער אַ סינטעז וואָס איז צוגעפּאַסט צו דער אַמע־ריקאַנער פרייער מענטאַליטעט און ווירק־לעכקייט פון רעליגיעזע דענאָמינאַציעס. הגם גוטמאַן וועט אפשר ניט מסכים זיין קומט דאָ פּאַקטיש צו צו דער פאַראַנע־נער איינטיילונג פון אָרטאָדאָקסן קאָנ־סערוואַטיוון און רעפאָרמער אַ נייער אַלץ־אַרומנעמענדיקער לויזער פילאָסאָפישער

באַגריף „סעקולאַריזם", וועלטלעכע יידישקייט, וואָס נעגירט טאַקע ניט און קאָנקורירט ניט מיט די אַנדערע ריכטונגען און בינדט טאַקע קיינעם ניט מיט אַ נייעם ראַציאָנאַל, מיט נייע טעמפלען אָדער אינסטיטוציעס. ס'איז טאַקע ניט קיין אָפּנייג ווי עס איז געווען די „עטיקל קאַלטשור" באַוועגונג. עס איז אָבער יאָ אַזוי ווי אַ טיר געעפנט צו דער וואַקסנדער צאָל יידן וואָס שטייען מחוץ דעם יידישן לעבן און פילן אַז „עפּעס" פעלט זיי דאָך. ווי שואל גוטמאַן זאָגט:

„דער יידיש סעקולאַרער באַגריף איז אַ פאַרזוך פון אַלע יענע וואָס זוכן זיך צו אידענטיפיצירן מיטן יידישן פאָלק, צו האַרמאָניזירן דורך מאָדערנע וועגן די הערשנדיקע אידעען פון דער מערב קולטור מיט דער היסטאָריש-יידישער ירושה, דאָס איז אין איינקלאַנג מיט דעם שטראָם, וואָס אונדזערע גרויסע יידישע דענקערס האָבן געפאָרשט און פאַרטיפט און וואָס קען דינען ווי אַ צופרידנשטעלנדיקער וועג פאַר מאָדערנע יידן. אָבער לעבנדיק אין דער פראַגמאַטישער פלוראַליסטישער אַמעריקע קען די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט ניט אַרויפצווינגען אויף קיינעם קיין דאָגמאַטישן גלויבן. זי מוז געבן יעדן ייד די פרייהייט אַליין אויסצוקלייבן יענע טיילן פון דער גייסטיקער ירושה, וואָס זיינען ווערטפול און האַרמאָניזירן מיט זיינע אייגענע אידעען."

די ירושה איז, הייסט עס, רייך גענוג פאַר יעדן איינעם אויסצוקלייבן וואָס זיין האַרץ גלוסט.

מיט אַ סך דרך ארץ און ערודיציע גיט דאָ דער מחבר זיין אַנאַליז פון לייבוש לעהרערס פסיכאָלאָגישן צוגאַנג צו אָט דעם קאָמפלעקס פון יידישקייט און רעליגיע און אויך אַ געהעריקן אַנאַליז פון דעם פסיכאָ-סאָציאָלאָגישן צוגאַנג פון אַזעלכע שרייבערס ווי דער געוועזענער טראָצקיסט, וויל הערבערג; בצלאל שערמאַן און ד"ר שמואל מאַרגאָשעס. צום סוף פאַרענדיקט ער זיין אַריינפיר מיט דזשאַן דיואיס דעפיניציע פון רעליגיע און דעם אונטערשייד צווישן רעליגיע און רעליגיעז, וואָס דאַרף באַרעכטיקן דעם נאָמען פון בוך, דער גלויבן פון וועלטלעכע יידן.

רעליגיע האָט דיואי באַצייכנט ווי דאָגמעס, אינסטיטוציעס, ריטואַלן און געבאָטן. דעם אַדיעקטיוו רעליגיעז האָט ער פאַרטייטשט ווי אַ באַציונג, אַ געמיט, אַ דיספאָזיציע צו אַ ציל אָדער אידעאַל. דעריבער איז יעדע טעטיקייט לטובת אַן אידעאַל פאַר וועלכן מען איז גרייט זיך מקריב צו זיין — לויט איר נאַטור רעליגיעז. לויט אָט די דעפיניציעס איז יידישע וועלטלעכקייט רעליגיעזע וועלטלעכקייט. וואָרעם אונדזער יידישקייט איז מחייב איבערגעגעבנקייט צו יידישע א י ד ע אַ ל ן, צו אַלע ווערטפולע עמאַנאַציעס פון יידישן גייסט. אונדזער יידישע וועלטלעכקייט איז אין תוך אַ פרווו צו האַרמאָניזירן די הערשנדיקע אידעען אין דער היינטיקער קולטור מיט אונדזער היסטאָרישער קולטור-ירושה. פונקט ווי דער רמב"ם אין זיין צייט האָט זיך באַמיט צו באַווייזן אַז די תורה איז ניט אין סתירה צו דער דאַן הערשנדיקער אַריסטאָטעלישער לאָגיק, אַזוי ווילן מיר היינט באַווייזן אַז אונדזער יידישקייט איז אויך ניט אין סתירה צו דער היינטיקער אַזוי גערופענער מאָדערנער לאָגיק, אויף וועלכער די היינטיקע וויסנשאַפט שטיצט זיך.

אָט דאָ דערזעען מיר ווי די עוואָלוציע, די אַנטוויקלונג פון וועלטלעכער יידישקייט, די צוויי שטראָמען פון יידישן געדאַנק, פון יידישן גייסט, איז אין אַמעריקע דערגאַנגען צו אַ טראַדיציאָנעל אָריענטירטער רעליגיעזער וועלטלעכקייט. דאָס איז דער זין פון בוך „דער גלויבן פון וועלטלעכע יידן". הגם ס'איז געשריבן מיט קלאָרקייט פון געדאַנק, קען מען פון דעסטוועגן דאָ און דאָרט באַמערקן עטלעכע בלויזן, וואָס לאָזן זיך ניט דערקלערן מיט דיואיס פראַגמאַטישן אַדיעקטיוו. וואָרעם דער אַדיעקטיוו רעליגיעז קען זיך זיין נייטיק פאַר גוטמאַנס טעזיס, איז אָבער ניט גענוגיק.

נאָר אָט די בלויזן פאַרמינערן ניט דעם טאָטאַלן ווערט פון גוטמאַנס בוך פאַר דער גרויסער צאָל לייענער וואָס קענען ניט קיין יידיש. פאַר זיי איז דאָס אַן אוצר פון יידיש וויסן, אַן אַלזייטיקע באַקאַנטשאַפט מיט דער יידישער קולטור-פראָבלעמאַטיק, וואָס זיי קענען ערגעץ אַנדערש ניט קריגן.

# אין שפּיגל פון יידישן לעבן אין ל. א.

שמואל ווייס

## מחלוקתן ביי יידן

### יידיש־ ענגלישע פּרעסע פירט אַ קאַמף קעגן דער יידישער פעדעראַציע אין לאָס אַנגעלעס

אין אונדזער לאָס אַנגעלעס, ווו עס איז איצט פאַראַן אַ ישוב פון נאָענט צו 600 טויזנט יידן, גייט אָן שוין אַ לענגערע צייט אַ קאַמף צווישן דער יידיש־ענגלישער פּרעסע און דעם יידישן פעדעראַציע קאָונסיל (קהילה), וועלכער פירט אָן מיט דעם פאַראייניקטן יידישן וועלפער־פאָנד. פאָריקן יאָר האָט אָט דער פאָנד געשאַפן איבער 26 מיליאָן דאָלער. כמעט צוויי דריטל פון אַט דער סומע איז געגאַנגען פאַר די באַדערפענישן פון ישראל. היינטיקס יאָר האַלטן מיר איצט, ביים אָנהייב זומער, ערשט ביי 23 מיליאָן דאָלער. פנים אל פנים מיט די וואַקסנדיקע נויטן אין ישראל, אין איראָפּע און אין אונדזער אייגענער געמיינדע, איז די פאַרקלענערטע סומע אַ גרויסע אַנטוישונג. עס איז פאַראַן אַ סברה, אַז די אינערלעכע מחלוקתן האָבן בייגעטראָגן צו דער פאַרקלענערונג פון די געזאַמלטע צדקה־פאָנדן.

עס איז דעריבער כדאי צו באַקענען זיך נעענטער מיט דעם ענין. וועגן וואָס גייט אָן דער קאַמף צווישן די יידיש־ענגלישע צייטונגען און דער יידישער פעדעראַציע? לאָמיר דאָס דערציילן באריכות.

אין דער ל. א. מעטראָפּאָליע דערשיינען דריי יידיש־ענגלישע צייטונגען: דער „בני ברית מעסענדזשער", „העריטעדזש" און „איזראַעל טודעי". די ערשטע צוויי דערשיינען יעדער וואָך, די לעצטע איז אַ צוויי־וואָכן בלאַט. אַלע דריי צייטונגען זיינען פּריוואַטע אונטערנעמונגען. דער הויפּט־קוואַל פון זייער הכנסה איז די שטיצע וואָס זיי קריגן פון יידישע אָרגאַניזאַציעס, איינשליסלעך פון דער יידישער פעדעראַציע, און פון רעקלאַמעס פון פּריוואַטע פירמעס.

די יידישע פעדעראַציע האָט שטענדיק געהאַט אַ קליינעם בולעטין אין וועלכן עס זיינען געווען פאַרצייכנט די פילזייטיקע אַקטיוויטעטן פון דער יידישער דאַך־אָרגאַניזאַציע און אירע איבער 500 אָנגעשלאָסענע געזעלשאַפטלעכע קערפּערשאַפטן. דער בולעטין האָט פאַרשטייט זיך באַזונדערס אינטענסיוו געאַרבעט צו מאָביליזירן די הונדערטער מענער און פרויען וואָלונטירן אין דעם געמיינזאַמען צדקה־קאַמפּיין וואָס דער יידישער ישוב פירט, יאָר איין יאָר אויס, לטובת הילף פאַר ישראל און יידישע הצטרכותן אין איראָפּע, ווי אויך פאַר די פאַרשיידענע בילדונג און סאָציאַלע הילף אַגענטורן דאָ־הי אין שטאָט.

אין דעם פאָריקן נומער „חשבון", אויף זייט 136, איז פאַראַן אַ טיילווייזע רשימה פון די קערפּערשאַפטן וואָס האָבן געקראָגן הילף פון דעם פאַראייניקטן יידישן וועלפער־פאָנד. דאָרט איז צווישן אַנדערעס אָנגעגעבן אַז איבער 14 און אַ האַלב מיליאָן דאָלער האָט געקראָגן דער „יונייטעד דזשואישש אַפּיל"; איבער 17.1 מיליאָן דאָלער איז געגעבן געוואָרן פאַר יידישער דערציונג, פון וועלכע עס געניסן 64 יידישע שולן פון פאַרשיידענע ריכטונגען. יידישע קאָמיוניטי צענטערס (עס זיינען פאַראַן 6 אַזעלכע צענטערס, איינשליסלעך דער וועסט־סייד צענטער אויף אָלימפּיק בולוואַרד) האָבן געקראָגן 1.775 מיליאָן דאָלער. צוויי מיליאָן דאָלער איז בייגעשטייערט געוואָרן פאַר היי־

מען פאַר עלטערע, פאַר שפּיטאָלן, יידישער פאַמיליע־דינסט און אַזוי ווייטער.

קיינער פון די שטרייטנדיקע צדדים קען ניט זאָגן, אַז דאָס זיינען אומוויכטיקע אינסטיטוציעס וואָס פאַרדינען ניט די קהילישע שטיצע, אָבער אַלע ווייסן, אַז אָן דער הילף פון דער געמיינדע וואָלטן זיי ניט געקענט אויסקומען. טאָ וועגן וואָס איז דאָ דער שטרייט? די יידישע פעדעראַציע האָט באַשלאָסן פאַריקן יאָר צו פאַרגרעסערן איר בולעטין און כדי צו דעקן די הוצאות האָט זי באַשלאָסן אַז די צייטונג זאָל אָננעמען רעקלאַמעס פון פריוואַטע פירמעס. דאָס האָט פאַרשטענדלעך אָנגערירט די פּראָפיט־אינטערעסן פון די יידיש־ענגלישע צייטונגען. פון דעם־אָ האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה קעגן דער פעדעראַציע.

פאַרוואָס האָט די פעדעראַציע באַשלאָסן אָנצונעמען פריוואַטע רעקלאַמעס? אין דעם „קאָמיוניטי בולעטין" פון 1טן נאָוועמבער לייענען מיר אָט די דערקלערונג: „היינטיקס יאָר זיינען די מענטשלעכע נויטן וואָס ווערן געדעקט פון דעם פאַראייניקטן יידישן וועלפער פאָנד אין ישראל, אין אונדזער קאָמיוניטי און אומעטום באַדייטנדיק געוואַקסן. דאָס קומט פאָר גראָד אין אַ צייט ווען די הומאַניטאַרע הילפס־פאָנדן ליידן פון אינפלאַציע און עקאָנאָמישע שוועריקייטן....

„דער רעזולטאַט איז, אַז וויכטיקע הילף־פּראָגראַמען. מוזן געשניטן ווערן די רעדאַקטאָרן פון דעם יידישן קאָמיוניטי בולעטין זיינען צופרידן וואָס אַ טייל פון די וואַקסנדיקע קאָסטן פון אונדזער פּובליקאַציע ווערט געדעקט דורך דער הכנסה פון אַדווערטייזמענטס, וואָס מאַכט מעגלעך, אַז טויזנטער דאָלאַרן איינגעשפּאָרטע זאָלן קענען בייגעשטייערט ווערן פאַר דירעקטע מענטשלעכע נויטן. די פריוואַטע רעקלאַמעס קומען ניט פון פירמעס וועלכע אַדווערטייזן טראַדיציאָנעל אין לאָקאַלע ענגליש־יידישע צייטונגען. (אונטערגעשטראָכן פון מיר — ש. וו.)

„שטרעבנדיק צו פאַרבעסערן דעם אינהאַלט און קוואַליטעט פון אונדזער בולעטין האָפן מיר אויף דער צייט ווען די צייטונג וועט זיך קענען אַליין אויסהאַלטן און וועט זיך ניט מער נייטיקן אין דער סובסידיע פון קהלישע פאָנדן."

האָט איר דאָ אין קורצן דעם ענטפער אויף דער פראַגע פאַרוואָס דער געמיינדע בולעטין נעמט אָן רעקלאַמעס פון פריוואַטע פירמעס. אָבער דער ענטפער האָט משמעות ניט צופרידן־געשטעלט די פריוואַטע ענגליש־יידישע צייטונגען.

דער ערשטער וואָס איז אַרויס מיט אַן אַטאַקע אויף דער פעדעראַציע־אָנפירונג איז געווען דער „בני־ברית מעסענדזשער" (אגב די צייטונג האָט גאָר ניט קיין שייכות צו דעם גרויסן בני ברית אָרדען). אין אַן עדיטאָריעל פון 26טן נאָוועמבער, אונטער דעם פּראָוואָצירנדיקן קעפּל: די „באַראָנען פון פילאַנטראָפּיע", ווערט אָנגעוויזן אויף דער נייער „וואַקסנדיקער ביוראָקראַטיע, וועלכע האָט אָנגעכאַפּט ביים האַלדז די יידישע קאָמיוניטיס און דערווערגט זי מיט אַ ריזיקן פּעיראָל... זי פאַרכאַפּט קאָנטראָל איבער אַלץ און אַלעמען אין דעם יידישן געמיינדע־לעבן ...דעריבער — אַ וואַקסנדיקער סטעף... גרעסערע בודזשעטן... מער געהאַלט פאַר דער הויכער ביוראָקראַטיע... דאָס איז זייער עובדה."

טאָמער איז דאָס ווייניק פייער איז פאַראַן אין דעם זעלביקן נומער פון דעם וואָכנבלאַט אַ צווייטער עדיטאָריעל: „מיטלמעסיקייט — אַ חילול השם", אין וועלכן עס ווערט דערמאָנט אַ ריי פאַלן אין אַנדערע שטעט ווו די אָרגאַניזירטע יידישע געמיינדע אונטערדריקט קריטיק מצד אומאָפּהענגיקע קוואַלן. דאָ אין לאָס אַנגעלעס, זעצט פאָר דער שרייבער, באַמיט זיך דער אידישער פעדעראַציע־קאַונסיל צו „קאָמוניזירן" די יידישע פּרעסע דורך אָפּקויפן אַלע עקזיסטירנדיקע קאָמוניקאַציע מיטלען („מידיאַ") כדי איר אייגענער „פּראַוודאַ" זאָל קענען זיין דער איינציקער ריכטער וועלכע נייעס זאָל געגעבן ווערן דער צווייט גרעסטער יידישער געמיינדע אין דער וועלט." „עס קען ניט זיין קיין שום קאָמפּראָמיס מיט מיטלמעסיקייט" — שרייט אויס דער עדיטאָריעל־שרייבער.

דער „העריטעדזש" האָט אין משך פון קאַמפּיין זיך באַנוגנט בלויז מיט באַריכטן

וועגן דעם קאָנפליקט. אָבער אינעם נו־
מער פון 10טן יוני איז דערשינען אויף
דער ערשטער זייט, אונטערן נאָמען פון
דעם רעדאַקטאָר, אַן אַרטיקל: „׳הערי־
טעדזש׳ — אונדזער קאַמף פאַר לעבן.״
דאָרט ווערט צווישן אַנדערעס דערציילט,
אַז די איצטיקע פעדעראַציע האָט אַנגע־
באָטן אָפּצוקויפן די צייטונג אין ל. א.
(„העריטעדזש״ האָט אויך אָפּיסעס אי־
בערהאַלב דער שטאָט) אָבער נאָך אַ ישוב
הדעת האָט העריטעדזש דעם אָנבאָט צו־
ריקגעוויזן. דער רעדאַקטאָר פון הערי־
טעדזש שרייבט: „עס איז געווען אַ טעמפּע
גראָבקייט אין אַ נאָכפאָלגענדיקן פאָר־
שלאַג, אַז די פעדעראַציע איז גרייט צו
פאַרגיטיקן אונדזערע רעקלאַמע פאַרלוסטן
(וואָס זיינען איצט גאַנץ גרויס) אויס רע־
ספּעקט פאַר העריטעדזש און כדי אונדז
ניט צו שעדיקן... מיר וועלן ניט אָננעמען
אַזאַ פאָרשלאָג״...

איצט איז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס
העריטעדזש האָט צווישן נאָוועמב. 1976
און יוני 1977 אין גאַנצן געשוויגן. מען
האָט משמעות פאַרהאַנדלט און ניט גע־
קאָנט קומען צו קיין פאַרשטענדעניש.
העריטעדזש דערקלערט אַז זי וועט „עק־
זאַמינירן איר רעכט צו זוכן הילף אין די
געריכטן, אויב מען וועט אונדז ראַטן,
אַז ס׳איז מעגלעך דעם ענין אַריינצו־
ברענגען אין געריכט ווי אַן אָנקלאַגע פאַר
באַגרענעצן האַנדלס־פרייהייט („רעסט־
רעין אָוו טרייד״) וועלן מיר אינפאָרמירן
אונדזערע לייענער און אַפּעלירן צו זיי צו
שאַפן אַ פאָנד צו ראַטעווען העריטעדזש
און מיר וועלן פירן אַ קאַמף קעגן דער
פירערשאַפט (פון דער געמיינדע) וועלכע
איז אַריבערגעוואַקסן איר רעכט צו דינען״
...האָבן מיר, הייסט עס, צו טאָן מיט
אַ מלחמה־דערקלערונג פון ביידע ענגליש־
יידישע וואָכנבלעטער.

„איזראַעל טודעי״, די דריטע יידיש־
ענגלישע צייטונג, וועלכע באַדינט דער
עיקר די יידישע קאָמיוניטי אין סאַן
פערנאַנדאָ וועלי, האָט אין דעם קאַמף
קעגן דער יידישער פעדעראַציע אָנגע־
נומען אַן אַנדער טאַקטיק. זי האָט גענו־
מען פאַרעפנטלעכן אַ סעריע אַרטיקלען
אויפצודעקן די גרויסע געהאַלטן פון די
עקזעקוטיוו באַאַמטע אין דער פעדעראַציע
און דעם אומדעמאָקראַטישן אופן דורך
וועלכע די אָנפירונג ווערט פון יאָר צו
יאָר ווידער דערוויילט, הגם די דאָזיקע
ענינים זיינען לחלוטין ניט ניי.

מיר וואָלטן געדאַרפט פאַרנעמען כאָטש
אַ העלפט פון „חשבון״ איבערצוגעבן מער
איינצלהייטן פון דעם קאַמף וואָס די יידיש־
ענגלישע צייטונגען פירן קעגן דער פע־
דעראַציע. אָבער דאָס ביז איצט געזאָגטע
גיט דוכט זיך אַ גענוגענד בילד פון אָט
דעם שטרייט און דעם שאָדן וואָס דאָס
קען ברענגען און האָט שוין דאַכט זיך
ביז איצט געבראַכט דעם יערלעכן קאַמ־
פּיין פאַר פאָנדן. לאָמיר איצט רעזומירן:

1) עס איז ניט פאַראַן קיין שום ספק,
אַז דער „קאָמיוניטי בולעטין״ (עס איז
אַ צייטונג פון גרויסן פאָרמאַט פון ווײַ־
ניקטנס 24 זייטן) האָט געשניטן די הכנ־
סות פון אַלע דריי יידיש־ענגלישע פּוב־
ליקאַציעס. דער „בולעטין״ ווערט גע־
שיקט צו איבער 76 טויזנט יידישע היי־
מען — אַ צירקולאַציע וואָס איז אַ סך
גרעסער ווי אַלע דריי יידיש־ענגלישע
צייטונגען צוזאַמען. די גרויס פון אַ צײַ־
טונג־צירקולאַציע איז תמיד דאָס וויכטיק־
סטע וואָס ווערט גענומען אין אַכט מצד
ביזנעס אַדווערטייזערס. אויב די פעדע־
ראַציע וועט דורכפירן איר פּלאַן אַרויס־
צו געבן איר צייטונג יעדער וואָך, וועט
דאָס נאָך מער שעדיקן די פּראָפיטן פון
די פריוואַטע יידיש־ענגלישע בלעטער.

די מורא, אַז מ׳וועט פאַרלירן דעם
הויפּט־קוואַל פון הכנסות איז די הויפּט־
סיבה וואָס די פריוואַטע צייטונגען פירן
איצט דעם קאַמף קעגן דער פעדעראַציע.
דאָס איז פּראָסט־פּשוט אַ קאַמף פאַר
פּרנסה. די יידיש־ענגלישע צייטונגען
ווילן ניט לאָזן אַז דער „קאָמיוניטי בולע־
טין״ זאָל ביי זיי צונעמען „דעם ביסן פון
מויל. דאָס האַלטן מיר איז אַ גערעכטע
טענה. די אַלע רייד וועגן ראַטעווען די
„פרייהייט פון פּרעסע״ אונטער וועלכע די
פּריוואַטע צייטונגען פירן דעם קאַמף, איז
ניט ווערט די שאָלעכץ פון אַ ציבעלע.
די יידיש־ענגלישע פּרעסע האָט ניט קיין
געמיינזאַמע אידעאָלאָגיע. איר אינטערעס
איז זעלבסט־דערהאַלטונג, וואָס איז אייגנ־
טלעך אַ גאַנץ באַרעכטיקסטער אימפּולס

מיט וועלכער די קאַמיוניטי דאַרף זיך רעכענען.

די יידיש־יידישע פּרעסע אין אַמעריקע, וואָס יידישע אימיגראַנטן האָבן געבויט און מיט זייערע אָרעמע פאַרדינסטן אויס־געהאַלטן, האָט אין משך פון אַכט צענדליק יאָר באַדינט די יידישע געמיינדע אָן וועל־כער עס איז פאַרגיטיגונג. זי האָט עס געטאָן לשמה. די יידיש־ענגלישע פּרעסע האָט אַן אַנדער איינשטעלונג. זי איז גערן צו העלפן אין די פאַרשיידענע געלט־קאַמפּאַניעס וואָס די געמיינדע פירט יאָר־יערלעך פאַר יידישע הצטרכותן, אָבער זי טוט עס פאַר אַ פּרייז.

2) די יידישע פעדעראַציע קען ניט אויסקומען אָן דער הילף פון דער יידיש־ענגלישער פּרעסע. עס איז אמת אַז די צירקולאַציע פון איר צייטונג דערגרייכט 76 טויזנט יידישע היימען. אָבער אין לאָס אַנגעלעס זיינען פאַראַן צוויי און אפשר דריי מאָל אַזוי פיל יידן וואָס גיבן ניט פאַרן צדקה־קאַמפּיין קיין סענט. אויף צו דערגרייכן אָט־די ניט־געבערס קען אַביסל העלפן די וואַרעמע אַפּילס פון זרויסנדיקע צייטונגען. אַחוץ דעם איז בכלל בעסער צו האָבן וואָס מער קוואַלן פון יידישער אינפאָרמאַציע סיי פון היגן ישוב און סיי פון יידישן לעבן איבער דער גאַרער וועלט. עס איז בעסער פאַרן עולם און בעסער פאַר דער אָרגאַניזירטער יידישער געזעלשאַפט.

3) די יידישע געמיינדע מוז האָבן איר אייגענע צייטונג, ווי דאָס איז דער „קאָמיוניטי בולעטין". דאָס דאַרפן די אַרויס־געבערס פון די יידיש־ענגלישע צייטונגען פאַרשטיין. אַ צייטונג וואָס גיט זיך אָפּ בלויז מיט יידישע כלל־אינטערעסן אין שטאָט איז בעסער בכוח צו מאָבילי־זירן יידישע פאָלקסמאַסן פאַר אַקציעס לטובת דער קאָמיוניטי און לטובת דעם וויכטיקן יערלעכן צדקה־קאַמפּיין און אָנ־האַלטן אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיטן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן ווי עס קענען פּריוואַטע פּובליקאַציעס.

אגב האָבן די יידיש־ענגלישע צייטונ־גען אומדירעקט געוויזן ווי נייטיק עס איז דער „קאָמיוניטי בולעטין" ווען זיי האָבן מיט אַ מאָל, אפשר ניט דורך אַ געמיינ־זאַמען באַשלוס אויפגעהערט דרוקן די אָפיציעלע נייעס־נאָטיצן פון דעם וועל־פעיר פאָנד קאַמפּיין אין משך פון די וואָכן וואָס זיי האָבן געפירט און פירן נאָך איצט דעם קאַמף קעגן דער יידישער פעדעראַ־ציע. משמעות די אייגענע ביזנעס־אינ־טערעסן איז ביי זיי געשטאַנען העכער ווי די נויטן פון יידישן כלל. אין דעם איצטיקן מאָמענט, ווען דאָס ווערט גע־שריבן, פירט דער פאַראייניקטער יידי־שער וועלפער פאָנד אַ קאַמפּיין איינצו־קאַסירן מזומן געלט וואָס „איז נייטיק צו דעקן די קריטישע באַדערפענישן אין ישראל." דער יוניייטעד דזשואיש אַפּיל האָט זיך געשטעלט דעם ציל צו שאַפן 150 מיליאָן דאָלער איבערן גאַנצן לאַנד אין משך פון די זומער חדשים. אונדזער שטאָט באַמיט זיך בייצוטראָגן איר חלק פון 15 מיליאָן דאָלער. אָבער די יידיש־ענגלישע פּרעסע האָט דערווייל גאָר ניט געשריבן וועגן אָט דעם קאַמפּיין. פאַר־וואָס? איז דער קאַמף פאַר דעם מכ־לומר־שט פרייער פּרעסע וויכטיקער ווי צו העלפן דעקן יידישע נויטן אין ישראל, אין אייראָפּע און טאָקע דאָ־הי אין אונ־דזער אייגענער קאָמיוניטי?

אָבער אָדם קרוב לעצמו. דאָס איז אויך פאַרשטענדלעך. די יידיש־ענגלישע פּרע־סע פירט אַ קאַמף פאַר איר סאַמע עק־זיסטענץ און איר קיום איז אָדער דאַרף זיין אין די אינטערעסן פון דער יידישער געמיינדע. עס וואָלט אָבער געווען פאַק־טיש בעסער אַז זי זאָל ניט אויפגעבן איר הילף פאַר דעם כלל, ספּעציעל אין מיטן פון צדקה־קאַמפּיין.

4) מיר האַלטן, אַז דער קאַמף אין אונ־דזער ישוב צווישן דער יידיש־ענגלישער פּרעסע און דער אָנפירונג פון דער יידי־שער פעדעראַציע מוז וואָס גיכער אָפּגע־שטעלט ווערן. דער דאָזיקער קאַמף, וואָס איז שוין לאַנג אַרויס פון דעם באַגרע־נעצטן שטח אַלס אַן אינערלעכער וויכוח, גראָבט אונטער דעם צוטרוי פון דער באַ־פעלקערונג אין דער אָנפירונג פון דער יידישער געמיינדע און צו דעם יידישן כלל.

עס איז אַן אַלטער כלל, אַז מענטשן קענען לייכטער באַווירקט ווערן אויף ניט צו געבן ווי אויף יאָ צו געבן צדקה. און עס איז לייכטער צו צעטרענצלען דעם

אַחדות אונטער דעם פאַראייניקטן יידישן וועלפער־פאָנד ווי צו שאַפן אייניקייט אין דעם יידישן ישוב. דער קאַמף אין דער יידישער לאָס אַנגעלעס, אויב ער זאָל ווייטער געפירט ווערן, קען דערפירן זייער טרויעריקע רעזולטאַטן פאַר אַלע צדדים. בלייבט דעריבער איין איינציקער אויסוועג: זיך צו זעצן „אַרום רונדן טיש" און פאַרהאַנדלען וועגן אַן אויסגלייך. איצט איז נאָך מעגלעך צו שליכטן דעם סיכסוך אָבער וואָס לענגער די מלחמה וועט זיך פאַרציען אַלץ שווערער וועט זיין צו מאַכן שלום.

מיר האָפן, אַז ביז צו דער צייט ווען דער־אָ נומער „חשבון" וועט דערגרייכן דעם לייענער וועלן שוין די שטרייטנדיקע צדדים האָבן דערגרייכט אַ שלום.

זאָל זיין אַחדות ביי יידן און זאָל זיין שלום.

דאָס איז אונדזערבעסטער ווונטש צום יידישן כלל אין אונדזער שטאָט.

## דער קיבוץ (סוף פון זייט 26)

בעסערן לעבנס סטאַנדאַרט און אַ מער קולטורעלער געזעלשאַפטלעכקייט?"

„דער קיבוץ איז אַ פאַרשיידנאַרטיקע סיסטעם פון אַרבעט, פון אַ ברויזנדיקן לעבן, פון אַ ברייט פעלד פאַר איניציאַטיווע ענערגיע און טעטיקייט; אַ געזעלשאַפט וואָס איז געבויט אויף קאָאָפעראַציע און גלייכקייט, אויף פאָזיטיווע מאָטיווירונגען אין דעם מענטשנס נשמה און ניט אויף דער קאָנקורענץ און יאָגעניש צו געניסן פון מאַטעריעלן שווילטאָג, אַ געזעלשאַפט וואָס גיט זיך אָפ, ווי יעדע אַנדער געזעלשאַפט, מיט קינדער דערציונג, און גיט פולשטענדיקע און גרענעצלאָזע זיכערקייט צו יעדן איינעם פון אירע מיטגלידער אין פאַל פון אַן אומגליק אָדער אַ קאַטאַסטראָפע אין פערזענלעכן אָדער געזעלשאַפטלעכן לעבן."

## לשנה טובה תכתבו ותחתמו

צו אַלע אונדזערע פריינד,

צו אַלע פאַרבליבענע מיטגלידער פון אונדזער משפחה,

צו עם ישראל בארץ ישראל

ולכל דורשי שלום בכל העולם כולו —

**אונדזערע האַרציקסטע גליקווונטשן.**

**אריה און בעלאַ פאָזי**

# דער קולטור קלוב אין זיין 52-טן יאָר

מיינער אַ רבי האָט מיט מיר אַמאָל איינגעטענהט, אַז ניט נאָר מעג מען זיך איבערחזרן נאָר מען מוז אַמאָל זיך איבערחזרן, כדי בעסער צו געדענקען. איך בין זיך מודה, אַז צו שרייבן וועגן אונדזערע קלוב אַקטיוויטעטן און זיך אין גאַנצן ניט איבערחזרן איז כמעט ווי אוממעגלעך. ווארום פון טייל קלוב אונטערנעמונגען איז ממש אַ פאַרגעניגן צו רעדן און רעדן. די אויפלעבונג פון קלוב אין די לעצטע עטלעכע יאָר איז באמת פענאָמענאַל. דער ייִדישער קלוב ווי ער זעט היינט אויס איז ביי אונדז אין שטאָט ניט נאָך אַן אָרגאַניזאַציע. ס'איז אַ געשעעניש, אַ גרויס וווּנדער פאַר זיך אַליין.

אין אונדזערע צענטראַלע אינסטיטוציעס אין ניו־יאָרק רעדט מען אַ סך וועגן קולטור, און עס בלייבט ביי רייד. ביי אונדז אין לאָס אַנגעלעסער קולטור קלוב קומען זיך צוזאַמען קרוב צו צוויי הונדערט מענטשן — און אַמאָל אַ סך מער — יעדן שבת אָוונט אַנטייל צו נעמען אין ייִדישע קולטור פּראָגראַמען, און יעדעס מאָל זיינען מיר מקיים די ייִדיש־מצווה מיט מעשים.

מיט אַ לענגערע צייט צוריק, ווען דאָ איז געווען אַ שליח פון ישראל אין שליחות פון ייִדישער קולטור־אַרבעט, האָבן מיר געהערט די מעשה וועגן יענעם אַמעריקאַנעם „זייאָניסט" וואָס איז איין מאָל געפאָרן קיין „פּאַלעסטיין" זען וואָס דאָרט טוט זיך. דאָס איז געווען אין די דרייסיקער יאָרן. ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער מיט שטוינונג דערציילט: „זעט, זיי טוען דאָך טאַקע דאָס וואָס מיר דאָ בלאָפן."

דער לאָס אַנגעלעסער ייִדישער קולטור קלוב טוט טאַקע דאָס וואָס אין די צענטראַלע ביוראָס און ביי טייל פונקציאָנערן באַנוגנט מען זיך מיט בלויז ריידן. דער קלוב איז אַריין אין דעם 52סטן יאָר פון זיין עקזיסטענץ. מיט די יאָרן פאַרגרעסערן זיך אויך די אויפגאַבן. און דאָס איז דער־פאַר וואָס אונדז קומט איצט אויס צו טאָן קולטור־אַרבעט וואָס פריער פלעגן טאָן אויך אַנדערע. מיר נעמען אָפט אויף אַליין די איניציאַטיוו אָדער מיר העלפן מיט אַנדערע צו ברענגען אַהער געסט־לעקטאָרן. צוליב דער ווייטקייט פון צענטער איז דאָס קומען אַהער פאַרבונדן מיט גרויסע הוצאות. דאָס לעצטע יאָר האָבן מיר זיך אָנגעשטרענגט און באַוויזן אַראָפּצוברענגען אַהער עטלעכע געסט, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט אַ פריש וואָרט אין אונדזערע רייען.

מיר דערפילן דאָ אויפגאַבן וואָס אין ניו־יאָרק טוט דאָס דער שרייבער־פאַריין, דער פען־קלוב אָדער דער קולטור־קאָנגרעס. אפילו דער יקוֹא אָדער דער קאָמיטעט פאַר ייִדיש טוליעט זיך צום קולטור־קלוב ווייל ער איז דאָך ווי אַ דאַך־אָרגאַניזאַציע פאַר ייִדישע קולטור טעטיקייטן. אונדזערע אַקטיוויטעטן און פּראָגראַמען טראָגן אַן אַלזייטיקן כאַראַקטער: וועכנטלעכע לעקציעס און קאָנצערטן; אַ פּלאַטפאָרמע פאַרן ייִדישן וואָרט, פאַרן ייִדישן בוך; פאַרלעזונגען, געדענק־אָוונטן, ימים טובים. אפילו די צייט־שריפט „חשבון", דאָס איינציקע ייִדישע צייט־שריפט מחוץ ניו־יאָרק, דערשיינט אונטער די פליגל פון קולטור קלוב.

דער קלוב גייט אָן מיט די שבת־אָוונטן און מיר בייטן ניט די פּראָגראַמען אויף זונטיק בייטאָג, ווי עס טוען אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. מיר האַלטן אין די פייערלעכקייט פון „שבת־צו־נאַכט". ס'איז אַ טראַדיציע וואָס פאַרלענגערט דעם שבת. ס'איז אַ פייערלעכקייט וואָס אַ וואָכעדיקער טאָג קען ניט אַרויסברענגען. ער דערמאָנט אָן דעם „אַמאָל" נאָך וועלכן מיר בענקען. און טראָץ אַלע שוועריקייטן, בפרט דער מאַנגל אין כוחות, געלינגט אונדז דאָך דורכצופירן אָוונטן יעדן שבת, אויסער די זומערדיקע חדשים.

ס'איז אמת אַז עס קומען ניט קיין יונגע מענטשן, חוץ ביי ספּעציעלע געלעגנהייטן. אָבער ווי האָט אונדז אַמאָל געזאָגט זרובבל: „צו מיר קומט די יוגנט — די יוגנט פון אַמאָל." צו אונדז אין קלוב קומט אויך די יוגנט פון אַמאָל און גייען אָוועק דערפרישטע און אַ סך מאָל געלינגט זיי אפשר אָפּצושיילן פון זיך עטלעכע יאָר דערוואַרעמענדיק זיך ביי די אָוונטן.

מיט אַן ערך זיבן אָדער אַכט יאָר צוריק

האָט דער קלוב אויך דורכגעמאַכט אַ שטאַרקן באַרג־אַראָפּ ווי אַלע יידיש־ריידנדיקע אָרגאַניזאַציעס. דער געגנט האָט זיך געענדערט, די מיטגלידערשאַפט האָט זיך היבש פאַרקלענערט, אַ צאָל פון די אָנפירנדיקע חברים האָבן געפעלט. דער באַזוך איז כסדר געפאַלן. די לאַגע האָט אויסגעזען טרויעריק. און דאַמאָלסט איז געקומען צום אויסדרוק די עקשנות און די איינגעדרימלטע גייסטיקע ענערגיע פון דער פירנדיקער גרופּע חברים. מען האָט געדאַרפט זיך אָננעמען מיט אַ סך מוט כדי אַנטקעגן צו קומען דער נייער סיטואַציע.

עס איז אַלעמען באַקאַנט דער אַנעקדאָט, וואָס דערציילט אין פאַרשיידענע וואַריאַנטן וועגן נצח ישראל, די יידישע אייביקייט. מיט איין מאָל האָט מען זיך דערוווסט, אַז גאָר בקרוב קומט נאָך אַמאָל דער מבול אויף דער וועלט און וועט אַלץ דערטרינקען. האָבן מענטשן גענומען בעטן צו גאָט ער זאָל זיך דערבאַרעמען. קאַטאָליקן, פּראָטעסטאַנטן און אַנדערע דענאָמינאַציעס האָבן זיך גענומען צו תפילה און זיי זיינען געוואָרן גוט און פרום, האָפנדיק אַז גאָט וועט חרטה האָבן. נאָר אין איין שולכל האָט דער רב זיך גענומען לערנען זיין עדה יידן ווי אַזוי צו לעבן אונטערן וואַסער... דאָס איז די אייביקע יידישע צופּאַסונגס־פעאיקייט. טאַקע אמונה, אָבער מען דאַרף אַליין אויך עפּעס טאָן...

האָבן דאָס די אָנפירערס פון קלוב פאַרשטאַנען. מ'האָט צוגעצויגן צו דער אַרבעט פרישע מענטשן. דערנאָך האָט מען משנה מקום געווען.

דאָס אויסבויען פון דעם נייעם קלוב־אוידיטאָריום אין שכנות מיטן ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גליקלעכן זיווג פאַר ביידע צדדים. דאָס איינאָרדענען דעם זאַל מיט אַ סך געשמאַק, דאָס צוהענגען די בילדער פון אונדזערע שרייבערס מיט אַזאַ אינטימקייט און וואַרעמקייט, די ליכטיקייט און וואַרעמקייט וואָס נעמט אַלץ אַרום, די גרויסע ביבליאָטעק, די פּאָליצעס מיט ביכער וואָס רינגלען אַרום און העלפן שאַפן אַ היימיש־גייסטיקע סביבה — דאָס אַלץ איז אַ דאַנק אונדזער אייגענעם בצלאל־בוימייסטער, חבר שלמה צוקערמאַן.

דער עולם האָט גענומען צוריקצוקומען. מיר האָבן געביטן אַביסל דעם כאַראַקטער פון די פּראָגראַמען און מיר אַליין האָבן זיך אויך דערפילט אַזוי ווי באַנייט. די איבערגעגעבנקייט און די ליבשאַפט פון אונדזערע מיטגלידער האָט מען גלייך דערקענט. איצט ווען געסט קומען קיין לאָס אַנדזשעלעס קענען זיי זיך ניט אָפּוווּנדערן און ניט געפינען גענוג ליבווערטער.

דאָס לעצטע יאָר איז ביי אונז געווען אַ באַזונדערס געראָטן יאָר. דאָס וואָס אונדז האָט זיך איינגעגעבן צו האָבן עטלעכע געסט לעקטאָרן האָט דערגאַנצט אונדזערע אייגענע כוחות און מעגלעך געמאַכט אַ סך בעסערע פּראָגראַמען. אַ רשימה פון די פּראָגראַמען וועט דער לייענער געפינען אויף אַן אַנדער זייט אין „חשבון". דאָך אַ פּאָר פון די אונטן וויל איך באַזונדערס אַרויסהייבן: דער קאָנצערט פון די פערשקאָס פאַר די מיטגלידער פון קלוב. שוין אַ סך מאָל געהערט שרה פערשקאָן זינגען. אָבער דאָס מאָל איז דאָס געווען אַ פּראָגראַם פון ספּעציעל געקליבענע לידער. דאָס געזאַנג און די שטימונג אין זאַל איז געווען דערהויבנדיק. אַ ציטער פון הנאה האָט דורכגענומען דעם עולם. ס'איז געווען אַן עלית נשמה. גאָר טרעפלעך האָט באַמערקט שרה ליינער ביים שלוס פון אוונט, אַז היינטיקע הבדלה איז ניט מקודש לחול, נאָר מקודש לקודש.

אַ גאָר גרויסער אויפטו איז געווען חיים גראַדעס צוואַנציק טעג אין לאָס אַנדזשעלעס. חיים גראַדעס קומען צו אונדז איז אַלע מאָל אַ יום־טוב אין שטאָט און איז גורם אַן אויפלעבונג אין דעם יידישן קולטור סעקטאָר. דאָס מאָל האָט זיך דאָס פאַרוואַנדלט אין אַ קאַרניוואַל פאַרן גרויסן דיכטער און פּראָזאַיקער און פאַר דער יידישער ליטעראַטור. דריי וואָכן אין חודש מערץ האָט חיים גראַדע פאַרבראַכט מיט אונדז. במשך פון דער צייט האָט ער געהאַט זיבן עפנטלעכע אויפטריטן חוץ עטלעכע צוזאַמענטרעפן אין פּריוואַטע היימען. אומעטום האָט ער אַריינגעבראַכט אַ דערהויבנקייט מיט זיי־

# רשימה פון פּראָגראַמען אין ל. א. יידישן קולטור קלוב פאַרן יאָר תשל״ו־תשל״ז

(לויטן פּראָטאָקאָל־בוך געפירט פון אָשר קיפּניס)

שבת אָוונט, אויגוסט 14, 1976: געזעגע־נונגס אָוונט פאַר די דעלעגאַטן צו דער קאָנפערענץ פאַר יידיש אין ירושלים.
סעפּט. 11: באַריכט פון דער קאָנפערענץ אין ירושלים: אַלעקס ראַבין און זלמן שלאָסער.

אָקטאָבער 23: דאָס פּנים פון יידישן פאָלק אין די תפוצות און אין ישראל: ד״ר בערל פרימער פון ישראל.

אָקטאָבער 30: חזן משה שולהאָף — אַ ציקל לידער; באַשקע וואנאמייקער — פאַרלעזונג.

נאָוועמבער 6: ייווא אָוונט. די אַלטע יידישע ליטעראַטור, פאַר וועמען און פאַר וואָס? פּראָפעסאָר אליהו קאַץ.

נאָוו. 13: די משיח אידעע ביי יידן דורך די דורות: שרה ליינער. וואַלן פאַר באַאַמטע פון קלוב.

נאָוו. 20: הזכרה נאָכן פאַרשטאָרבענעם דיכטער מלך ראַוויטש : משה שקליאַר און שמואל סיגל.

נאָוו. 27: אהרן גלאַנץ לעיעלעס און זיין דיכטונג; דר. דזשאַנעט האַדאַ.

דעצעמבער 4: יידישער הומאָר און סאַטירע : משה כהן.

דעצ. 11: יידישע מאָטיוון אין די ענגלישע ווערק פון אַמעריקאַנער יידישע שרייבערס: ד״ר בערנאַרד כהן. דער אָוונט איז אויך געווען געווידמעט דעם אָנדענק פון סעם לעווין, איינער פון די ראשונים פון קולטור־קלוב. שלמה צוקערמאַן האָט געגעבן אַ ווירדיקע אָפּשאַצונג פון דעם איבערגעגעבענעם געזעלשאַפטלעכן טוער.

דעצ. 18: אַ חנוכה אָוונט: חזן העראַלד גרין אין אַ ציקל לידער. משה מאַנדלבוים, פאַרלעזונג. נחום מאַקסאָן, רעדע וועגן חנוכה.

יאַנואַר 8, 1977: וועלטלעכקייט און טראַדיציע אין דער הייניקער צייט : ישראל גובקין.

יאַנואַר 15: דעבאַטע וועגן דער יידיש קאָנפערענץ אין ירושלים: אַלעקס ראַבין און נתן גראַוויטש.

יאַנואַר 2: צי איז פאַראַן אין ישראל אַ ספּעציפישער ישראל פאָלקלאָר? פּראָפעסאָר דוב נוי, פּראָפ׳ פון העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים.

יאַנואַר 29: די דריי געשטאַלטן פון אַמעריקאַנעם יידנטום: ד״ר יצחק פיין. גיטל באַראָן, אַ ציקל יידישע לידער.

פעברואַר 5: אַ פאַנטאַזיע: „ביינאַכט אויפן דאַך פון דעם יידישן קולטור קלוב״. אַן אייגנאַרטיקער פאָרטראַג פון סערגיי נוטקעוויטש, אילוסטרירט און באַגלייט מיט געזאַנג פון בריינדל אַזשדאַן.

פעב. 19: פון 1897 ביז דער הייניקער צייט (אַ שפּאַציר איבער אַכציק יאָר יידישע ליטעראַטור): שמואל ראָזשאַנסקי, גאַסט פון אַרגענטינע.

פעב. 26: אחד העם, דאָס עיקרדיקע פון זיין ירושה : ד״ר יהודה פּילטש.
מערץ ״: קבלת פּנים אָוונט פאַר חיים גראַדען. רעפעראַט אויף דער טעמע: „י. ל. פּרץ, דער אידעאָלאָג און דער

---

נע גייסטרייכע רייד. זיינע חסידים האָבן אים באַגלייט מיט ברכות ער זאָל אין גיכן קומען נאָך אַמאָל צו אונדז.

יאָ, ס׳איז געווען אַ געראָטן יאָר אין אונדזער קולטור קלוב.

א. ר.

מערץ 12: אַן אָוונט מיט חיים גראַדען, אונטער דער אויפזיכט פון היגן ווילנער קרייז; פּאַרזיצער הירשל קאַגאַן. חיים גראַדע האָט גערעדט וועגן בוסח ווילנע און געלייענט פון זיינע ווערק.

מערץ 19: אַ געזעגענונגס אָוונט פאַר חיים גראַדען. רעפעראַט: „ה. לייוויק, דער וויזיאָנער פון גלות, גואל און גאולה.״

מערץ 26: אַ ליטעראַריש־מוזיקאַלישער אָוונט: יצחק רויטבלום, באַקאַנטער שוישפּילער און פּאַרלייענער, און איזאַ־בעל קעץ, באַקאַנטע זינגערין פון יידי־שע לידער.

אַפּריל 9: אַ פּסח אָוונט. אריה פּאַזי האָט גערעדט וועגן פּסח און חזן הער־אָלד גרין האָט געזונגען פּאַסיקע יום־טוב לידער.

אַפּריל 16: יזכור אָוונט נאָך די זעקס מיליאָן קדושים. אַלעקס ראַבין און אַלעקס שוואַרץ האָבן גערעדט וועגן חורבן. סאָפיע בערגער האָט געזונגען לידער פון געטאָ.

אַפּריל 23: יום העצמאות פייערונג. רעדנער: נחום מאַקסאָן. געזאַנג: חזן העראָלד גרין, באַגלייט אויף דער פּיאַ־נאָ פון אַלאַ קאַריטאַן. פּאַרזיצער: מאָריס דייטש.

אַפּריל 30: אַ סיום הספר לכבוד אברהם גאָלאָמבס נייַ בוך „צום תוך פון יידיש־קייט״. מלכה שאָו, גאָלאָמבס אַ געווע־זענע תלמידה פון וויניפּעג, האָט אָנגע־פירט מיטן געזאַנג. זלמן שלאָסער האָט גערעדט וועגן בוך און לסוף האָט אַב־רהם גאָלאָמב אַליין באַדאַנקט פאַרן אנגענעמען אָוונט.

מאַי 14: אַ ספּעציעלער קאָנצערט פון שרה און חיים פּערשקאָ, מיט אַן אַריינ־פיר פון שרה לייגער.

מאַי 21: „קולטור פּראָבלעמען אין ישראל און אין די תפוצות״: ישראל סטאָליאַרסקי, גאַסט פון ישראל.

מאַי 28: אַ מלווה מלכה מיט אַ פיינער סעודה. אין פּראָגראַם האָבן זיך באַ־טייליקט: אַלעקס ראַבין, שמואל סיגל און חזן העראַלד גרין.

יוני 5: חוה ראָזנפאַרבס טרילאָגיע „דער בוים פון לעבן״: רעפעראַט פון לילקע מייזנער.

יוני 11: שלוס־אָוונט: יעקב קאַהאַן האָט גערעדט וועגן קולטור קלוב. חזן דוד קעין האָט געזונגען געקליבענע לידער. דר. אברהם זיגלבוים איז אויפגעטראָטן מיט אַ סעריע רעציטאַציעס פון דער יידישער ליטעראַטור.

אויגוסט 13: אַ ספּעציעלער אָנדענק־אָוונט פאַר די פון סטאַלין דערמאָרדע־טע יידישע שרייבערס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין דעם אָוונט, אָראַנזשירט פון קולטור־קלוב צוזאַמען מיטן אַר־בעטער רינג און ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד, האָבן זיך באַטייליקט די פריינד סערגיי בוטקעוויטש, משה כהן, משה שקליאַר און אַלעקס ראַבין.

די רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון

# „חשבון״ און יידישער קולטור קלוב

שיקן זייערע האַרציקע לשנה טובה ברכות צו אַלע אונדזערע מיטגלידער, מיטאַרבעטערס און לייענערס בכל מקום שהם.

שמואל ווייס

# קאָנפערענצן און קאָנצערטן

## יידישער נאַציאָנאַל-פאָנד גיט אָפּ כבוד צו צוויי פון זײַנע באַרימטע שטיצערס

דער יידישער נאַציאָנאַל־פאָנד אין לאָס אַנגעלעס, אונטער דער אָנפירונג פון פרעד קאָהאַן, עקזעקוטיוו וויצע־פרעזידענט אין מערב־ראַיאָן, האָט אָפּגעגעבן כבוד צו עליזאַבעט טיילאָר און איר מאַן, דזשאָן וואָרנער, ביי אַ גרויסן באַנקעט אין בעווערלי הילטאָן האָטעל. דאָס באַרימטע פּאָרפאָלק האָט לעצטנס געהאָלפן פלאַנצן אַ פּאַרק אין דעם „ביסענטעניעל וואַלד" פון קרן קימת לעבן ירושלים, וואָס איז אַ ריזיקער לאַנד־אַנטוויקלונג פּראָיעקט אין ישראל.

אין דער שמחה האָט זיך באַטייליקט דער נייער וועלט־פאַרזיצער פון נאַציאָנאַל פאָנד, משה ריוולין, וואָס איז געקומען ספּעציעל פון ישראל. משה ריוולין איז אַ פּאָפּולערע פיגור אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַמעריקע. ער איז אַ צאָל יאָרן געווען דער ישראל־קאָנסול אין ניו־יאָרק און הגם ער איז שוין אין זיבעטן דור אַ סברה, רעדט ער אַ גוטן פאָלקסטימלעכן יידיש און ער איז אין משך פון זיין טערמין געווען אַריינגעטאָן אין יידישע קולטור־אונטערנעמונגען אין דעם גרעסטן ישוב אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

צווישן די צוועלף הונדערט געסט ביי דעם באַנקעט זיינען געווען אַ גרויסע צאָל באַרימטע פּערזענלעכקייטן פון דער טעאַטער און טעלעוויזיע וועלט, פאָרטרעטער פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג און פּראָמינענטע פאָרשטייער פון דער היגער יידישער געמיינדע. אברהם שפיגל, פּרעזידענט פון דעם ל. א. קאָונסיל פון איבער הונדערט פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זאַמלען פאָנדן פאַרן קרן קימת, האָט פאָרגעשטעלט דעם ישראל אַמבאַסאַדאָר שמחה דיניץ. אין זיין באַגריסונג צו די בעלי־שמחה האָט דער ישראל פאָרשטייער דערמאָנט די ביז איצט אומבאַקאַנטע נייעס אַז עליזאַבעט טיילאָר האָט זיך אָנגעבאָטן אַלס משכון אין דעם ענטעבע־אוגאַנדאַ אינצידענט, לעצטן יאָר. עס האָבן אויך באַגריסט ראַביי עדגאַר מאַגנין, פון ווילשייר טעמפּל, און ראַביי אַלפרעד גאָטשאָלק, הויפּט פון דעם היברו יוניאָן קאָלעדזש אין אַמעריקע.

## א.ר. האַלט אָפּ 58טע יערלעכע קאָנפערענץ אונטער דער אָנפירונג פון דאָראָטי ראַכמיס

דער אַרבעטער רינג אין אין ל. א. האָט אָפּגעהאַלטן זיין 58סטע יערלעכע ראַיאָן קאָנפערענץ דעם 10טן יוני אונטער דער אָנפירונג פון דאָראָטי ראַכמיס, דירעקטאָרשע פון דעם מערב ראַיאָן. פאַר די וואָס זיינען אַריינגעטאָן אין דער באַוועגונג פאַר פרויען גלייכבאַרעכטיקונג איז אַ גרויסע באַפרידיקונג צו זען אַ פרוי אַלס די אָנפירערין פון דעם גרויסן יידישן אַרבעטער אָרדן אין אונדזער שטאָט.

די קאָנפערענץ וואָס איז היי־יאָר פאָרגעקומען אין סאַנטאַ מאָניקאַ, אַ פאָרשטעטל פון ל. א. ביים פּאַסיפישן ים־ברעג, איז דערעפנט געוואָרן פון נתן גערעאָוויטש, פאַרזיצער פון דרום קאַליפאָרניער דיסטריקט קאָמיטעט, מיט אַ לענגערער רעדע וועגן אַ ריי אַקטועלע צייט־פּראָבלעמען אין יידישן לעבן. נתן גערעאָוויטש געהערט צו דעם דור וואָס איז דורכגעגאַנגען די שבעה מדורי גיהינום פון דער נאַצי תקופה און האָט באַוויזן איינצוהאַלטן אַ טיפן אינטערעס אינעם יידישן לעבן פון זיין נייעם היימלאַנד ניט נאָר אין אַרבעטער רינג נאָר אויך אין דער אָרגאַניזירטער יידישער געמיינדע אין שטאָט. ביי דער קאָנפערענץ איז אויך דורכגעפירט געוואָרן אַן אינטערעסאַנטער סימפּאָזיום וועגן דער אייגנאַרטיקער ראָל פון דעם אַרב. רינג אין דער יידישער געמיינדע. אָבער וועגן דעם אַביסל שפּעטער.

פון דעם מימאָגראַפירטן, אויספירלעכן באַריכט פון די אנדערטהאַלטן יאָר וואָס דאָראָטי איז אין איר נייעם אַמט, איז כדאי אויסצוטיילן עטלעכע פּרטים:

1) עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ נייער ברענטש אין סאַן דיעגאָ, בר. 1036, פון וועלכן מאַרטאַן סטעלמאַן, אַ לאַנג-יאָרי-קער אַרב. רינג טוער אין ניו-יאָרק איז דער הויפּט-פירער. פריינד סטעלמאַן האָט באַריכטעט ביי דער קאָנפערענץ וועגן די שוועריקייטן צו גרינדן די נייע אָרגאַני-זאַציע און וועגן אירע פּאָטענציעלע מעג-לעכקייטן צו וואַקסן אין דער שטאָט.

2) עס ווערט געפּלאַנט צו עפענען אַן אַרבעטער רינג שולע פאַר קינדער אין עלטער פון 5 ביז 11 יאָר, איין טאָג אין דער וואָך. עס ווערט דערוואַרט, אַז די עלטערן פון אַט די קינדער, וועלכע זיינען ביז איצט ניט געווען קיין מיטגלידער אינעם אָרדן, וועלן העלפן שאַפן אַ נייעם ברענטש פון יונגע פּאַרלעך. אגב זיינען צווי יונגע פרויען, מיני דיוויס און מעק-סאַן גרינשפּאַן, איניציאַטאָרן פון דער שול און פון אַ נייעם ברענטש, אויפגע-נומען געוואָרן פון די דעלעגאַטן מיט אַ באַזונדערס וואַרעמע אָוואַציע.

3) דער אַרבעטער רינג גיט אַרויס אַ חודשלעכן בולעטין מיט אינפאָרמאַציע וועגן געפּלאַנטע אונטערנעמונגען פון די ברענטשעס ווי אויך וועגן אַלגעמיינע ענ-ינים פון דער יידישער געמיינדע. די נייע דירעקטאָרשע פון א. ר. וואָס האָט אַ רע-פּוטאַציע אַלס זשורנאַליסטין אין צוגאָב צו איר דערפאַרונג אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, באַמיט זיך אַריינצונעמען אין דעם קליינעם בולעטין אַ פּילזייטיקן מאַ-טעריאַל — אפילו קורצע רעצענזיעס וועגן יידישע ביכער, וואָס דאַרפן אינ-טערעסירן אַרבעטער רינג מיטגלידער.

4) עס איז געשאַפן געוואָרן אַ קולטור-קאָמיסיע וואָס האָט שוין באַוויזן דורכ-צופירן גוט-באַזוכטע לעקציעס מיט פּראָ-פעסאָר יצחק פיין פון באָסטאָן און מיט חיים גראַדע, באַרימטער דיכטער און עסייאיסט, ווי אויך אַ געמיינזאַמע געטאָ-אַקאַדעמיע, אַ דריטן סדר און אַ פאָרום מיט די קאַנדידאַטן פון דער שטאָטישער באַארד אָוו עדיוקיישאַן וועגן די פּראָב-לעמען פון שול-אינטעגראַציע מיט וועל-כער די שטאָט ראַנגלט זיך. אגב דאַרף אויך אויפן חשבון פון דער קולטור-קאָמיסיע צוגערעכנט ווערן דער דערפאָלג פון דעם היי-יאָריקן שותפות-קאָנצערט וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין וויל-שייר עבעל טעאַטער.

די קאָנפערענץ איז באַגריסט געוואָרן פון לילקע מייזנער, אין נאָמען פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע; פון שמואל ווייס, אין נאָמען פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד; פון מאַקס מאָנט, אין נאָמען פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט און פון מאַקס אַלפער, פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד.

די דעלעגאַטן האָבן אויסגעהערט אַ באַריכט פון מאָריס סאָווין, פון דעם אַרבעטער רינג ברענטש אין סאַן פראַנ-ציסקאָ. אַ פינאַנץ-באַריכט וועגן די הכ-נסות און הוצאות פון דעם אַרבעטער רינג דיסטריקט, וואָס איז פאַרטיילט געוואָרן צווישן די דעלעגאַטן, ווייזט אַן עודף פון איבער $350 — אַן אומגעווייינלעכע דערשיינונג אין אַ יידישער אָרגאַניזאַציע היינטיקע צייטן. עס זיינען אויך אָפּגע-געבן געוואָרן באַריכטן פון דעם א. ר. קולטור צענטער (סידני בלייפעלד) פון סעמעטערי דעפּאַרטמענט (עד בוזין) און פון דער אַרב. רינג אוקזילערי ביי דער היים פון עלטערע, פון דוד גאָלדמאַן.

רעזאָלוציעס זיינען אָנגענומען געוואָרן וועגן: מדינת ישראל, סאָוועטישע יידן, פאַר יידיש און יידישער קולטור-המשך פון די עפנטלעכע שולן און אוניווערסי-טעטן. „מיר אַפּעלירן צו דער יידישער געמיינדע בכלל און צו אונדזער אייגענער אַרב. רינג משפחה בפרט, אויסצובריי-טערן און פאַרטיפן די באַמיונגען אויפן געביט פון יידישער דערציונג, איינשליס-לעך יידיש-וועלטלעכע דערציונג", דער-קלערט די רעזאָלוציע.

ביי דער לאַנטשן-סעסיע איז דורכגע-פירט געוואָרן אַ סימפּאָזיום וועגן דער ראָל פון אַרבעטער רינג אין דער יידישער געמיינדע אין וועלכער עס האָבן זיך באַ-טייליקט: דר. מאַרווין צוקערמאַן, אַ זון פון דעם יידישן אַרבעטער טוער רובין צוקערמאַן; לו גודווין קאָלומניסט און שרייבער; סערגיי נוטקעוויטש, סאָציאָלאָג

און דאָראָטי ראַכמיס. פּאַרזיצער פון אַט דער סעסיע איז געווען לעאָ וואָלט, אַ פּלימעניק פון אונדזער באַרימטן יידישן דיכטער און לאַנג־יאָריקער רעדאַקטאָר פון „צוקונפט", אברהם וואָלט ליעסין ז"ל, מיט וועמעס פּרעכטיקן אַרבעטער רינג הימן עס האָט זיך געשלאָסן דער צוזאַמענ־קונפט.

## ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד האָט געהאַט זיין 11-טן יערלעכן סעמינאַר אין גאַלעטאַ, קאַליפ.

דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד אין לאָס אַנגעלעס האָט אָפּגעהאַלטן זיין 11טן יערלעכן סעמינאַר סוף וואָך פון 8טן, 9טן און 10טן יוני, אין גאַלעטאַ, קאַליפאָרניע, מיט אַ רייכן פּראָגראַם פון רעפעראַטן און דיסקוסיעס איבער יידי־שע כלל־פּראָבלעמען און פאַרווײַלונג פאַר די געסט און אַקטיוויסטן פון דער אָרגאַ־ניזאַציע. די אַלגעמיינע טעמע פון דעם סעמינאַר איז געווען: „אַרבעטער ציוניזם — אין מחשבה און אין אַקציע — וואָס גיט ער דעם היינטיקן אַמעריקאַנעם ייד?"

די סעמינאַר־אסיפה איז געעפנט גע־וואָרן פון ביטריס כענקין, פּרעזידענטין פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד קאָונסיל אין ל.א. די גאַסטרעדנערס זיינען געווען: דניאל מען, עקזעקוטיוו־דירעק־טאָר פון יידישן קאָמיוניטי קאָונסיל אין וואַשינגטאָן, און איליין מען, דירעקטאָר איבער יידישע שטודיעס און ישראל־פּראָ־גראַמען אין דעם יידישן קאָמיוניטי צענ־טער אין וואַשינגטאָן. איליין האָט באַ־האַנדלט די זייער אינטערעסאַנטע טעמע: „מיט וואָס איז אונדזער ציוניזם אַנדערש פון אַנדערע ציוניסטן און ציוניסטישע סימפּאַטיקער גרופּעס." דניאל מען האָט ביי איינעם פון די סעמינאַר סעסיעס גע־רעדט וועגן: „אַרבעטער ציוניזם אין 1977 און די איבערווירקונג פון די לעצטע וואַלן אין ישראל."

סיוון האַמבורגער, פּאַרזיצער פון דעם אָרדען איינעם מערב ראַיאָן, האָט רעפע־רירט אויף דער טעמע: „אונדזער ראָל אין דער ל. א. יידישער קאָמיוניטי." אַנ־דערע ענינים וואָס זיינען באַהאַנדלט גע־וואָרן ביי די פּענעלס פון דעם סעמינאַר זיינען געווען: „פּריאָריטעט איינעם געביט פון סאָציאַלע אישוס און אַקטיוויטעטן אין אַמעריקע" (לייב ביגיטענסאָן) און „ציוניסטישע ווערטן אין ישראל — נעכטן און היינט" — אויף אַט דער טעמע האָבן רעפערירט אַלעקס ראַבין, פּאַרזיצער פון יידישן קולטור־קלוב אין ל. א., וועלכער איז געווען פאַרבעטן אַלס ספּעציעלער גאַסט צו דעם סעמינאַר, און משה כהן, געהילף נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד. די־אַ טעמע איז משמעות געווען אַזוי וויכטיק, אַז זי איז באַהאַנדלט געוואָרן אויף יידיש (אַלעקס ראַבין) און אויף ענגליש (משה כהן). אגב, די מיינסטע רעפעראַטן און רעדעס זיינען געווען אין ענגליש.

דער פאַרווײַלונג פּראָגראַם איז באַ־שטאַנען פון אַ פייערלעכן קבלת שבת פרייטאָג אָוונט, צו דער דערעפענונג פון דער אסיפה; אַן עונג שבת מיט דער באַטייליקונג פון דזשאָו גליקער (גיטאַ־ריסט); שאָנע אָרענשטיין און נאָרמאַ גליקמאַן (געזאַנג) און ראובן שטערן (פאַלקס־טענץ). חנה בעל האָט געלייענט אַן אָקליבּ פון פּאָעטישע שאַפונגען. ביים קבלת שבת האָט פּערל טעמפּער געצונדן די שבת־ליכט און דזשודי אַקסעלראָד האָט געמאַכט דעם טראַדיציאָנעלן קידוש. שבת־צונאַכט איז געפּראַוועט געוואָרן אַ מלווה מלכה.

עמי טעפּט, היי פּיין און נעמי אַקסעל־ראָד האָבן אָנגעפירט מיט אַ טייל פון די סעמינאַר־סעסיעס. נעמי אַקסעלראָד איז געווען די פּאַרזיצערין פון דעם פאַרווײַ־לונגס־פּראָגראַם. יונגע פרויען האָבן זיך בכלל אָנגעזען אין דער צוגרייטונג און דורכפירונג פון דעם סעמינאַר. משמעות, אַז אין ביידע יידישע אַרבעטער אָרדענס, אין אַרבעטער רינג און אין ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד, האָבן פרויען ניט געדאַרפט קעמפן פאַר פולער גלייכ־באַרעכטיקונג.

אַראָן ליפּטאָן, וויצע־פּראַזידענט פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד, האָט געשלאָסן דעם סעמינאַר, זונטאָג נאָך לאָנטש. די באַאַמטע פון דעם ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד אין לאָס אַנגעלעס זיינען: סיוון האַמבורגער, טשערמאַן פון מערב־ראַיאָן; משה כהן, אַסיסטענט נאַצי־

# דער פערשקאָ קאָנצערט

דאָס קינסטלער־פּאָרל, חיים און שרה פערשקאָ זיינען דעם לאָס אַנדזשעלעסער עולם גוט באַקאַנט פון זייערע פריערדיקע קאָנצערטן. דעריבער איז ניט געווען קיין וווּנדער וואָס דער מבולדיקער רעגן וואָס האָט יענעם טאָג פון קאָנצערט פאַרפלייצט די גאַסן, האָט ניט צוריקגעהאַלטן דעם גרויסן עולם פאַרערער פון די פערשקאָס אָנצופילן דעם גרויסן זאַל פון טעמפל בית־אל. דער גרויסער עולם האָט געשטראָמט צום קאָנצערט ווי צו אַ פאָלקס יום־טוב. די ליבהאָבער פון מוזיק און שיין געזאַנג האָבן געוואָלט אָפּגעבן די באַליבטע קינסטלערס אַ פאַרדינטן כבוד צוליב דעם 25טן יאָר פון זייערע קינסטלערישע דערגרייכונגען אויף דער קאָנצערט בינע.

זייער רעפּערטואַר איז געווען קאָלירפול, געקליבן פון אַלטע און נייע שאַפונגען, צוגעפּאַסט צום געמיט פון יידישן מענטש אין דער איצטיקער צייט. שרה האָט געזונגען און חיים האָט פאַר איר טריי אַקאָמפּאַנירט אין די לידער פון מאַנגער, לייוויק, געבירטיק און אַנדערע.

אַ באַזונדער גוטן איינדרוק האָט געמאַכט דאָס ליד „מוטער פון דער וויט" פון יוסף קערלער, וועלכער האָט זיך אַרויסגעריסן פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און שאַפט איצט זיינע לידער אין ישראל.

פון די העברעישע לידער, וואָס האָבן כאַראַקטעריזירט דעם גייסט און די לאַנדשאַפט פון ישראל, האָט זייער שטאַרק אויסגענומען אַ וויגליד פון וואָלד יוניאַן, מוזיק פון פעטערסבורגסקי, געווידמעט די יונגע אַלמנות פון ישראל, וועמענס מענער זיינען געפאַלן אין קאַמף צו באַשיצן דאָס לאַנד. דאָס ליד האָט זי ניט נאָר געזונגען, נאָר אויך אויסגעשפּילט מיט תנועות און זשעסטיקולאַציעס פון אַ מוטער ווען זי פאַרוויגט איר פאַריתומט קינד, ווי זי וואָלט געוואָלט איינקריצן און איינוועבן אין דעם קינדס האַרץ און מוח'ל דעם שטאָלץ און די האָפנונג אַז דעם פאָטערס טויט איז ניט געווען אומזיסט. חיים פערשקאָ איז באַזונדערס געלויבט געוואָרן פאַר זיינע סאָלאָ נומערן.

די פערשקאָס זיינען באַגריסט געוואָרן פון דעם קאָנצערט קאָמיטעט און פון אלימלך דייטש, פרעזידענט פון אינסטיטוט פאַר יידישער דערציונג. די ליבהאָבער פון גוטער מוזיק און שיין געזאַנג וועלן דעם קאָנצערט לאַנג געדענקען.

**שרה ליינער**

---

אַנאַלער סעקרעטאַר; ביטריס כענקין, פּרעזידענט; מאַקס האַלפער, דזשעק קאָהאַן און לייב בייטענסאָן, וויצע־פּרעזידענטן; אַראָן ליפּטאָן, טשערמאַן פון אַדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט; מאָריס דייטש, טרעזשורער; טעאָדאָר כ"ץ, סעקרעטאַר, און גנענדל באָנטשעק רעקאָרדינג סעקרעטאַר.

אַבאָנירט און שטיצט

**חשבון**

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַחוץ ניו־יאָרק.

אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר

# ניי ע ביכ ער

## אָנגעקומען אין רעדאַקציע

**מאיר זימל טקאַטש** — „אייגנס אין פרעמדס" — איבערדיכטונגען. ניו־יאָרק, תשל"ז־1977. 64 ז"ז.

דער מחבר פון „מיין אַנטאָלאָגיע פון דער רוסישער פּאָעזיע", וואָס האָט געהאַט זייער גוטע אָפּרופן מצד דער קריטיק, ברענגט דאָ נייע איבערדיכטונגען פון רוסישע און ענגלישע פּאָעטן. צווישן אַנד. פון אַנאַ אַכמאַטאָוואַ, ב. סוועטלאָוו א. גאַליטש, ס. מאַרשאַק, א. וואָזניעסענ־סקי, יי. יעווטושענקאָ, ב. סלוצקי, עמילי דיקינסאָן און וויליאַם וואָרדסוואָרט.

אינעם אַריינפיר „וועגן טיטל פון בוך" שרייבט מ. ז. טקאַטש: „פּאָעזיע צו איבער־געבן פּינקטלעך מיט אַלע שאַטירונגען פון אינהאַלט און פאָרעם פון אַן אַנדער לשון פון אָריגינאַל איז ממש אוממעגלעך. ...עפּעס אויפטאָן קאָן מען נאָך דורך איבערדיכטן — איבערשאַפן, אָבער דע־מאָלט איז דער איבערדיכטער אַ שותף צום אָריגינאַל און אַמאָל אפילו מער ווי אַ גלייכער שותף, ווייל עס טרעפט, אַז זיין וואַריאַנט שטייגט אַריבער דעם אָריגינאַל. נאָר בעסער צי ערגער, דער איבערדיכ־טער שאַפט אייגנס אין פרעמדס."

* * * * *

**יצחק ז. רייזמאַן** — „יידישע שע־פערישקייט אין לענדער פון פּאָרטוגאַלישן לשון: פּאָרטוגאַל און בראַזיל". 945 ז"ז. הוצאת לאמנות הדפוס, צפת, ישראל, 1975.

עס איז אַ זאַמלונג עסייען, ווי דער מחבר זאָגט אין זיין „וואָרט פּאָרויס", וועגן יידישן לעבן אין פּאָרטוגאַל און בראַזיל, פון גאָר אַמאָל ביז אונדזער צייט.

* * * * *

**"די גאָלדענע קייט", נומער 92, תל אביב, 1977.**

פערטליאָר־שריפט פון ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, רע־דאַקטירט פון אַברהם סוצקעווער. רייך אין אינהאַלט — דערציילונגען, לידער, לענגערע עסייען און אַרטיקלען פון באַ־קאַנטע און אָנגעזעענע יידישע שרייבער.

* * * * *

**THE FAITH OF SECULAR JEWS**, *by* S. L. Goodman, Ktav Publishing House, New York, 1976.

אַ רעצענזיע וועגן דעם בוך וועט דער לייענער געפינען אין היינטיקן נומער „חשבון".

---

## צו אַ פריינד...

מיין ליבער פריינד יונה הורביץ,
ניטאָ מער העלען, ניטאָ העלען...
לאָמיר טראָגן איר אָנדענק, און שיינעם
נאָמען,
אירע מעשים טובים און גוטע ווערטער
צו איר ערשטן יאָרצייט
אין אונדזערע הערצער.

זי האָט געהאַט אַ גוט האַרץ,
אַ שיינע נשמה,
זאָל דאָס זיין אונדזער נחמה.
ניטאָ מער העלען, ניטאָ העלען...

**ווילי שאָר**

# דער „חשבון“ אונטער אַ נייע רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג

דער זשורנאַל „חשבון“ האָט זיך אין אָנהייב געשטעלט גאָר באַשיידענע צילן. ס׳איז געווען אַ מין ביילאַגע צום לאָס אַנגעלעסער קולטור קלוב און אַן אינטימער ווינקל פאַר עלטערע לאָס אַנגעלעסער שרייבערס און דיכטערס, און איז אַ סדיאָרן טאַקע געבליבן געטריי זיין ווינקלדיקן פּראָווינץ כאַראַקטער.

אַ וויכטיקע ענדערונג אין דעם כאַראַקטער און פאַרנעם פון דעם זשורנאַל איז פאָרגעקומען מיט אַן ערך עלף יאָר צוריק, ווען דער שרייבער אריה פאָזי האָט זיך באַזעצט אין לאָס אַנגעלעס און אָנגעהויבן רעדאַקטירן דעם זשורנאַל.

אונטער פאָזיס רעדאַקציע אינאיינעם מיט אַ נייער פאַרוואַלטונג האָט זיך דער אינהאַלט פון „חשבון“ אויסגעברייטערט און מיט די יאָרן באַקומען חשיבות און אנערקענונג צווישן יידישע לייענערס אומעטום און אין פאַרשיידענע קרייזן.

פריער איז דער „חשבון“ געווען אַ פּערטליאָריקע שריפט, אָבער די לעצטע עטלעכע יאָר איז די צאָל זייטן כמעט ווי פאַרטאָפּלט געוואָרן, געדרוקט ערנסטע אַרבעטן און האָט אָנגעהויבן דערשיינען צוויי מאָל אַ יאָר.

איצט געפינט מען אויף די זייטן פון „חשבון“ נעמען פון גוט־באַקאַנטע דיכטערס, עסייאיסטן, דערציילערס און אויך פּובליציסטיק.

אַריה פאָזין, אַליין אַ שרייבער און מחבר פון ביכער, איז געלונגען צוצוציען שרייבערס ניט נאָר פון די שטאַטן נאָר אויך פון ישראל, פראַנקרייך, קאַנאַדע, ענגלאַנד, אויסטראַליע און גלייכצייטיק דערמוטיקט לאָס אַנגעלעסער מענטשן וועלכע ווילן קומען צום אויסדרוק אין שריפט.

די אַרויסגעבער פון „חשבון“ האָבן אַ טיפן געפיל פון באַפרידיקונג וואָס אַ דאַנק דער שריפט מאַכן זיי מעגלעך אַז די אַרבעטן פון די שרייבערס זאָלן געדרוקט ווערן און דערגרייכן די לייענערס, ספּעציעל איז דאָס וויכטיק צוליב דעם איצטיקן מצב פון יידישן געדרוקטן וואָרט.

איצט, צוליב געזונט און מידקייט האָט זיך אַריה פאָזי צוריקגעצויגן פון דער רעדאַקציע. די רעדאַקציע באַשטייט איצט פון אַ קאָלעגיום: שמואל ווייס, משה שקליאַר, און זלמן שלאָסער, רעדאַקציע סעקרעטאַר.

די פאַרוואַלטונג פון „חשבון“ דריקט אויס אַ דאַנק און אנערקענונג צו אַריה פאָזין פאַר זיין מי, געטריישאַפט און זיינע דערגרייכונגען דורך די יאָרן וואָס ער האָט רעדאַקטירט דעם זשורנאַל און פאַרוואַנדלט דעם „חשבון“ פון אַ ווינקלדיקן, באַגרענעצטן זשורנאַל, אין אַן אנערקענטער צייטשריפט מיט אַ סך פּרעסטיזש.

אויך אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר, עמנואל גאָלדפאַרב, האָט געבעטן מ׳זאָל אים באַפרייען פון דעם אַמט, ווייל ס׳פאַלט שווער אויף אים. עמנואל גאָלדפאַרב איז געווען אַ וויכטיקער מיטגליד פון דער גרופּע פאַרוואַלטערס, וועלכע האָבן מיטגעווירקט אַז דער „חשבון“ זאָל זיך אַנטוויקלען. ער האָט גאָר אַ סך בייגעשטייערט אין שאַפן אַ פינאַנץ־באַזע פאַר דער שריפט און אָפט געטראָגן אַ שווערן עול. אויך אים אונדזער טיפן דאַנק. ער וועט אונדז אויספעלן.

דער „חשבון“ ווערט געשטיצט פון דעם גאַנצן יידיש־רעדנדיקן סעקטאָר אין לאָס אַנגעלעס. און כדי דאָס זאָל זיך מאַניפעסטירן האָבן מיר אין דער פאַרוואַלטונג, אַחוץ דעם קולטור־קלוב, אויך פאַרטרעטער פון דעם ל. א. ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד און פון אַרבעטער רינג.

די נייע פאַרוואַלטונג באַשטייט פון:

העניך בערמאַן, פאַרוואַלטער
גרשון פרידמאַן, פינאַנץ סעקרעטאַר
אַלעקס ראָבין, קאָנסולטאַנט
משה כהן און נתן גראָוויטש.

# שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

## ווייצמאַן-זאַלצמאַן צווייג ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

דוד שרגא, פאַרזיצער
יצחק גיבערמאַן, פינאַנץ סעק.

## עמנואל רינגלבלום לייען-קרייז

עטל ראָזענבלאַט, סעקרעטאַר

## שלום עליכם צווייג 305 ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

טוביה כץ, פרעזידענט

## אויפבוי גרופע

הערי אבראַמס, פאַרזיצער
אברהם קראַפט, סעקרעטאַר

## הירשביין-רויזענבלאַט צווייג 359 ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

מאָריס דייטש, פיליפ בראָדי, קאָ-פאָרזיצערס

פנינה אָסמאַן, בען קאָרן, סעקרעטאַרן

## דרורה צווייג פיאָנערן פרויען

עדינה פרידמאַן, פערל טעמפער קאָ-פאָרזיצערס

## דר. דאָלניק לייען-קרייז

אסתר לעוויטאַן, סעקרעטאַר

## בראָכאָוו-פינסקי-עמק צווייג ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

עדינה פרידמאַן, פרעזידנעט
מאיר רובין, סעקרעטאַר

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

אָמאַן, סאָניע

אַרטענשטיין פייגל
לזכרון מיין מאַן וועלוול

באַדין, דואיס

בורשטיין, ד״ר הערשל

בערמאַן, איוואַ און העניך

בעקער, ד״ר לייזער און משפחה
פיניקס, אַריזאָנאַ

בלום, ביילקע (בערטאַ)

בריס, טילי און תנחום

גאָלאָמב, רבקה, אברהם און משפחה

גאָלדפאַרב, לילי און עמנואל

גאָלדבער, דבורה און סעסיל

גערשאָוויץ, נתן

גאָרנשטיין, פרומע און דוד

דייטש, רחל און אלימלך

וואנאמייקער משפחה
און רחל סלאָבאָקין

וויס, פלאָראַ און שמואל

טויבער, בען און פרוי

כץ, דאָראַ און טוביה

לאַקריץ, ישראל

לעוויטאַן, אסתר און הערי

לייקין, שמואל בער — דעטראָיט,

לישינסקי, ס. א.

נאַדעלמאַן, בעקי און משה

נוטקעוויטש, בעטי און סערגיי

ניומאַן, עליע (דעזערט האט ספרינגס)

סאַפּיאַן, פעי
אין אָנדענק פון מיין מאַן יצחק

סלוצקי, רחל און מענדל

פישער, ד״ר בערנאַרד און לוסילעט

פינקלשטיין, סיידי

פראָם, סאָפי — אַלטאַדינא

קרוק, מרים — לזכרון מיין מאַן יחזקאל

קאַפּלאַן משה

קריימער, לאָטי און מאַקס

קאַפּלאַן, ראַקעל און דוד

ראָזענבוים, גדליה (אוק פאַרק, מיש.)

ראָבין, אַלעקס

שרגא, דוד — לזכרון מיין רבקה ע״ה

שאָר ווילי (וועלוול)

שטיינבערג, קלאַראַ, דזשעק, און משפחה

שלאָסער, נעכע און זלמן

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאַנצער וועלט

אייראָנס, מרים

אַפּטייקער, אסתר

בוירק, ציליע

בראָדי, פיליפ

גרינשטיין, שמואל
אין אָנדענק פון ראָוז

גילדער, שמחה

גרעי, יעטאַ און שמחה

גליקמאַן, פיליפ און בערנאַרד

גילינסקי, ליובאַ

ווינמאַן, דזשעני

ווינשל, אייב — מילוואָקי

זיגלבוים, טעמע און אברהם

טייטלבוים, שרה

טילעס, ראָוז און יוסף

טראָמבקא, חוה און יוסף

מאַנדלבוים, עטל און משה

משרת, סאָניע און הערשל

סאַפּיאַן, העלען (חייקע) און שמחה

סיגל, מיני און אָסקאַר

פרידמאַן, עדינה

פריזענט, פעני און סאָל — פיטסבורג

פעלדרייס, גיטל
לכבוד משה כהנס געזונט ווערן

פרידמאַן, חיה און גרשון

קיפּנים, מרים און אָשר

ראָטבלום, זהבה און יצחק

ראָזענשטיין, גאָסי

רובין, מאַשע און מאיר

שייפער, גילדאַ און טשאַרלי

שולוויס, גוטשע און משה

שטערנפעלד, סאָפי און הערי